STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13602

TSVISHN REDER

A. Margolin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. מאַרגאָלין
A. Margolin

צווישן רעדער

דערציילונגען און בילדער

Between Wheels

ארויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „נייוועלט“

בוענאָס־איירעס, 1929

ZVISCHN REDER (Entre ruedas)
Novelas dè A. Margolin
Editorial "Naivelt"
B. Aires, 1929

איבערדרוקן פארבאָטן
Copright by
A. Margolin

דרוקעריי און ליגאַטוריע פון מושקאַט און זאַסלאַווסקי—טוקומאַן 3067, ב. איירעס

צווישן רעדער

אינהאַלט:

נאַכמען	זייט	9
אַ כאַסענע	,,	25
דאָס מענטשל, וואָס האָט געוואַרט	,,	47
אין אַ שטעטל	,,	53
אַן אומבאַקאַנטע	,,	71
יויעל האָז	,,	95
אין אַ לעוואָנע נאַכט	,,	151
דער ערשטער צוזאַמענשטויס	,,	159
אַ גראַמאַפאָן	,,	173
פינף טויזנט	,,	183
צוויי קינדער	,,	199

נאכטעז

א פּראָלאָג, וואס איז פאָרגאנגען אין פייער און רויך. דער פאָרהאנג האָט זיך אראָפּגעלאָזט. הינטערן פאָרהאנג האבן זיך דערהערט האמער־קלעפּ. דאס האָט מען איבערגעשטעלט די דעקאראציעס. ווען דער פאָרהאנג האָט זיך אויפגעהויבן איז אף דער בינע געשטאַנען — נאכמען, א מענטש א שמאָלינקער, עטוואס געבויגענער, מיט אויגן גרויסע, סאַמעטענע, וואָס האבן ווי צוויי לאמטערנעס געשאָטן ארום זיך אומעט.

היינט איז ער דער הויפּט העלד. היינט שפּילט ער די ראָלע פון א נעשאָמע, וואס האָט ניט באַקומען איר טיקן. צוזאַמען מיט אים גייט אדורך איבערן גאנצן בילד די פיגור פון זיין פרוי, כאַיע־גיטל, א לעבן, וואס האָט ניט באַקומען איר נעשאָמע. ס׳פלאָנטערט זיך ארום זיי א יונג באַשעפעניש, ציפּקע, וועלכע איז אויסגעשטעלט אפן ווינט פון צייט. ס׳באַגלייטן זיי — פון איין זייט שמאָלציקע גיריקייט, און פון דער צווייטער — בייניקער האָס. א בילד, וואס פאַרגייט אין דער גרויקייט פונם אויפגייענדיקן מאָרגן.

און ווי האָט דען געקענט זיין אַנדערש? האָט דען די סאַמעטענע רואיקייט פון פּראָלאָג ניט דערציילט פון נאַכט, פון שטאָק פינסטערער נאַכט?

נו, יאָ, ווען ניט די פייער־צונגען און קרעכצן, האָבן מיר געקענט מיינען, אז אָט די סאַמעטענע רואיקייט וועט זיך ציען אייביק. אָבער לאָמיר זיך דערמאָנען: כאַים דער שויכעט פרואווט זיין כאַלעף אפן שפּיץ נאָגל. זיין געלע פארשפּיצטע באָרד איז מאקפּיד, צי דער כאַלעף האָט ניט קיין פּעגימע. עס איז קלאָר: ווען דאס פּאָלק האָט ניט מוירע פאר גאָט, צאָלט עס ניט פאר אן ארבעט, וואס עס קען אליין טאָן. דעריבער איז ניט נאָר כאַים דער שויכעט א בען־טוירע, נאָר אויך זיין זון נאַכמען. און ניט נאָר א בען־טוירע— נאכמען דארף זיין א אילע, א צאַצקע; ס׳דארף מיט

אים קלינגען. דאס פאלק דארף אים באוואונדערן. דאמאלסט וועט כאים דער שויכעט האבן פארנאסע.

אזוי איז עס און ס'איז ניט אזוי. כאים דעם שויכעטס ראָלע אין פּראָ־לאָג איז א שלימאזלדיקע, ער גיט דעם פאָלק אומדירעקטע איינשפּריצונגען און ווארט אף די געהעריקע רעזולטאטן. אָבער ווארטן טויג ניט, דאָס פאָלק איז כאזעריש. עס גיט מיט א פארמאכטער האנט. דער העלד אין פראָלאָג איז — זאָראך ברייגעס. א הויכער, א שטאָלצער, מיט א ברייט־צעקאמטער ווייסער באָרד. ער ווארט ניט — ער נעמט. זיין געשעפט איז מעל. איין האנט זיינע ליגט אף דער מיל פון שטעטל. די צווייטע—אף קאָהאָל. דאס פאלק שפּירט ביידע הענט זאָראך ברייגעס און פאלט פאר אים קוירים. זאָראך ברייגעס אשירעס וואקסט. ס'וואקסט זאָראך ברייגעס כאָכמע, ס'וואקסט זאָראך ברייגעס געשטאלט. אָבער ניט נאָר דערפאר איז זאָראך ברייגעס דער העלד פון שטעטל. זאָראך ברייגעס איז דער „אמוד האָאייש” פון דער שטעטלשער ארעמקייט. ער איז פאר איר א מוסטער — אזוי וואלט יעדערער פון אָט דעם שטעטל געוואלט זיין. ס'ציען זיך צו אים די פאר־בענקטע אויגן פונם גאנצן שטעטל. ס'ציען זיך צו אים אויך די אויגן פון כאים דעם שויכעט. כאים דער שויכעט קייקלט זיין געל שפּיציק בערדל, שאָקלענדיק זיך איבער דער געמאָרע... נאכמען, זיין זון נאכמען, איז טאקע א „שעם דאָוואָר”, אָבער — זיכערער וואלט געווען, ווען מען איז מעשאַ־דעך זיין נאכמענען מיט זאָראך ברייגעס טאָכטער, כאיע גיטלען.

כאים דער שויכעט שפּירט זיך שטייפער אף זאראך ברייגעס אשירעס, ווי אף דער אייגענער טוירע.

קיין קרומע זאך פאר זאָראך ברייגעסן איז עס אויך ניט. ווארום וואס קען זאָראך ברייגעס מעמאלע זיין מיט זיין כאיע גיטלס שידעך, אז קיין געלט פעלט אים — באָרוך האשעם — ניט?.. און ווידער, אמאל טאקע — על חטא שחטאתי לפניך... איז טאקע גלייכער צו האבן א בען־טוירע אין שטוב — דאך א שטיקעלע זכום פארן ריבוינע שעל אוילעם...

אויב מיר האבן ביז איצטער געזען כאים דעם שויכעט אין הינטער־גרונט, זעען מיר אים שוין איצטער אף דער צווייטער ליניע. זאָראך בריי־

נעם שיין פאַלט אַף כאַים דעם שויכעט. כאַים דער שויכעט הויבט דעם שכיטע אפּצאַל און דער אוילעם צאַלט.

און אַזוי ציט זיך די סאַמעטענע רואיקייט פון פּראַלאַג. דעם אוילעמס נויט, דעם אוילעמס דאַכקעס, זעען מיר ניט. ער טוליעט זיך, דער אוילעם, דאָרט הינטער דער סצענע, אין זיינע צעפּוילטע לעכער און קריכט אַרויס אַף דער בינע מיט אַ שאַבעסדיקן שמייכל.

נאַכמען און כאַיע גיטל? ניט מער ווי אַ.סצענע־עפעקט אין פּראַלאַג. ער — אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטע און זי — אַ סאַמעטן קליידל. ער — אַ ציגן בערדל און זי — אַ שייטל. זי — אַ שמייכעלע און ער — אַ טוירע ווערטל. פאַרן שטעטל אַ נאַכעס־רואַך. ווי דער ניי־נעשעניצטער אָרן־קוידעש איז נאַכמען־כאַיע גיטל אַ צירונג פאַרן שטעטל. אַבער ניט מער ווי אַ צירונג. זיי ווערן אוועקגערוקט אין אַ זייט געסל, העט נעבן קאַלמען דעם פאַרבערס נאָרטן, מיט אַ שטיקל שניט געשעפט.

אָט דאָס איז דער גאַנצער פּראַלאָג. וואָס האָבן מיר דאָ? סאַמעטענע רואיקייט פון שטאָק פינסטערער נאַכט. נאָר אָט האָט זיך פון עק הימל אָנגערוקט אַ שוואַרצע כמאַרע, נאָך שוואַרצער פון דער נאַכט. זי האָט זיך אָנגערוקט און אויסגעבראָכן אין פייערצונגען, רויך און קרעכצן. ווען מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט, האָבן מיר דערזען: זאַראַך בריינעס אשירעס איבער־געקערט, זאַראַך בריינעס אליין און אויך כאַים דער שויכעט — אין דער ערד. דער גאַנצער אוילעם איז, ווי צעשראָקענע מייז, אַרויס פון די לעכער און באַלאַדן אין זיין גאַנצער נויט און שימל, שפּאַנט ער איבער דער סצענע אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג. צווישן דעם אוילעם דערקענען מיר אויך נאַכמענען מיט כאַיע גיטלען. אין דעם גרויסן שטורם האָט נאַכמען פאַרלוירן די קאַפּאָטע און כאַיע גיטל דאָס שייטל. זיי פירן פאַר די הענט צוויי קינדער, מיידעלעך.

דער פאַרהאַנג לאָזט זיך פּאַוואָליע אַראָפּ.

ווען די פאַרהאַנג הויבט זיך צוריק אויף, דערזעען מיר נאַכמענען — אַזוי דערציילט אונז די דעקאָראַציע — אין בוענאָס איירעס. נאַכמען! מיר מוזן שרייען, אַז ס'איז דערזעלבער נאַכמען — אַזוי געענדערט איז ער. אין אַ צעריסן רעקל, אַ געגאָלטער, אָן אַ היטל, מיט אַ געבויגענעם רוקן. פאַר־

עלטערט און אויסגעלאָשן, ער וועט איצטער, אין דעם גאנצן בילד שפּילן די הויפּט ראָלע. אים באַגלייטן וועט כאַיע גיטל, א נידעריקע צעגאָסענע פרוי, מיט פאַרגעלבטע איינגעפאלענע באַקן און שיטערע הערעלעך אויף איר אויבערשטער ליפּ.

אָבער פון וואַנען אַזאַ ענדערונג? ווי קומען זיי קיין ארגענטינע, און אין ארגענטינע גופא ביז היינט צו טאָג?

דער מעכאַבער פונם בילד האָט צו דעם אָנגעווענדט א נאָך ניט אויס־געפּרובירט מיטל. נאָכדעם, ווי די דעקאָראַציעס צום בילד זיינען שוין געווען צונויפגעשטעלט און דער אָרקעסטער האָט אויפגעהערט צו שפּילן, זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן אַלע לאָמפּן. בלויז פון הינטן האָט א פּראָזשעקטאָר געוואָרפן א העלן שיין אַפן טונקל־רויטן פאָרהאַנג, און דער סופליאָר איז אויף אַלע פיר אַרויסגעקראָכן פון זיין ביידל, האָט אָפּגעשטויבט זיינע הויזן, האָט זיך אַריינגעשטעלט אין דעם העלן שיין און האָט פון א פּאַפּיר פאָרגעלייענט:

„די שטראָמען אידישע היימלאָזע האָבן נאָך דער מילכאָמע געצויגן אין צוויי ריכטונגען — קיין פּאַלעסטינע און קיין אַרגענטינע. קיין אַנדערע ערטער האָבן זיי ניט געהאַט. נאָכמענעו, דעם סאַמעטענעם נאָכמענען, האָט געצויגן קיין פּאַלעסטינע. אָבער כאַיע גיטל, זאָראַך־ברײנעס כאַיע־גיטל, האָט אַנדערש געקוקט אויף זאַכן. נאָכמען מוז צושטימען. אין בוענאָס איי־רעס זעען מיר אונזערע העלדן ווי האַלטנדיק זיך אַלע דריי פאַר די הענט (איין מיידעלע האָט זיך באַ זיי אין וועג געפּעלט), ציען זיי איבער דער גאַס קאָריענטעס, פאַרשטעלנדיק די באַוועגונג. זיי קוקן אַריין אין רעסטאָ־ראַן־פענסטער, ווייזן מיט די פינגער אין געשעפט־פענסטער, סוידען זיך, אָפּשטעלנדיק זיך באַ פאַרמאַכטע לאָדנס, אָדער זיי צעקריגן זיך גאָר אינ־מיטן דער גאַס.

דאָס איז אין די ערשטע טעג פון זייער קומען.

שפּעטער זעען מיר זיי אין עמיגראַנטן־שוץ, אין די פאַרבאַנדן, אין די הילפס פאַריינען. אומעטיקע, דערשלאָגענע. זיי זוכן הילף און ווערן געגאַרט אין דער באַקומענער הילף. זיי דערזעען אונטער זיך א גרוב און הייבן אָן אַליין זיך צו ראַטעווען. אין די פּאָלן שפּילט אָפּט א גרויסע ראָלע דער

צופאַל. אין נאַכמענס פאַל האָט אָפּגעשפּילט א גרויסע ראָלע דאָס, וואָס ער האָט אין דער היים געוואוינט אין שכיינעס מיט קאַלמען דעם פאַרבער. אַזוי אַרום ווערט נאַכמען, דאָס צירונג פון זיין שטעטל, מעגולגל אין א פאַרבער.

איך האָב געענדיקט".

די לעצטע שורע געפינט זיך ניט אין טעקסט, דער סופליאָר האָט זי אליין אויסגעטראַכט.

עס גיבן זיך א צינד אָן די לאָמפּן און דער סופליאַר קריכט צוריק אין זיין ביידל.

און אָט שטייט ער, נאַכמען. צעטומלט, צעמישט. קיין עמעסן, זיינען מער קיין עמעסן ניט, מענטשן — קיין מענטשן, די וועלט — קיין וועלט ניט. נאַכמען האָט א האַרץ, נאַכמען האָט א נעשאָמע. אָבער נאַכמען האָט ניט קיין אָרט, ניט פאַר זיין האַרץ, ניט פאַר זיין נעשאָמע. די אַלטע וועלט איז פאַרגאַנגען און די נייע... אָך, די נייע וועלט!

פון דער אַלטער וועלט איז נאַכמענען איבערגעבליבן א פאָטאָגראַפיע. א קעשענע פאָטאָגראַפיע אַנגעקלעפּט אַף א טאָוול. אָט די פאָטאָגראַפיע האַלט נאַכמען באַהאַלטן אין א בוזעם־קעשענע. אַף דער פאָטאָגראַפיע רוט זיך אָפּ נאַכמענס פאַרמאַטערטע נעשאָמע. די צייט פון נאַכמענס בערדל, פון זיין אַטלאַסענער קאַפּאָטע, פון כאַיע גיטלס שמייכעלע אַף איר פריש קיי־לעכדיק פּאָנים, די רואיקייט מיט וועלכער ס'ליגן זייערע ווייס־גלאַטע הענט אַפן קיילעכדיקן טישל — דערוועקן אין נאַכמענען זיכרוינעס... געווען א וועלט, א סאַמעטענע, א רואיקע. זיינען געשוואומען טעג, ווי די לעוואָנע אַפן הימל. יאָ פאַרנאָסע, ניט פאַרנאָסע — כאָלע אַף שאַבעס איז געווען... לכה דודי לקראת כלה... א ניגן א באַפרייטער פון זאָרג, פון פאַרנאָסע. „גוט־שאַבעס! גוט שאַבעס"! אידן, ווער נעמט אָן אויראַך אַף שאַבעס? אָן אוי־ראַך — פאַר וואָס ניט... עסט רעב איד, שעמט זיך ניט — ווי בא זיך אין דער היים...

און דער אויראַך אַליין? אָט דער אויראַך, וואָס האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען, בא וועלכן דאָס מעסער איז געפאַלן פון די הענט? נאַכמען זיצט צונויפגעבויגן בא זיין טאַטנס טיש, די הענט צווישן די קניען; ער שאָקלט זיך און זינגט זמירעס... נאַכמענס נעשאָמע וויינט פאַר אומעט

— ער זעט, ער פילט דעם אויראך — אן אויראך בא א פרעמדן טיש, וואַ־רעמקייט בא אן איינגעבעטענעם אויוון. ער זעט דעם ביסן אין אויראכס האלז, ווי ער גייט הין און צוריק, איידער ער ווערט אראפגעשלונגען. נאכמען פאַרמאכט פאר ווייטיק די אויגן... און שפּעטער, ווען נאכמען ליגט אויף זיין שאַבעסדיק געלעגער, ער אָטעמט איין זיך אריין דעם זיס־פעטן רייאך פונם פרישן צימעס און גרינעם ארבעס מיט דעם כיילעוונעם טשאד פון די אויס־געטריפטע ליכט — פארגייט דער אומעט פון נאכמענס נעשאָמע אין דער זיסקייט פון שאַבעסדיקער רואיקייט, שבת שבתון...

וואו איז דער ,,לכה דודי״? וואו איז דער ,,גוט שאבעס״? דער אויראך וואו איז?

נעבליבן איז אן אַלטע פאטאגראפיע פון נאכמענען מיט כאיע גיטלען, כאַסן־קאַלע־ווייז. א שטיקל טויט פאפיר, אָנגעקלאפּט אויף א טאָוול. טרוקן, וואָכעדיק. א פעטער באַלדאָוועל מיט א גלאנציקער גאָמבע האלט די שלים־לען אין די הענט, ארבעטער זאגן א דייע... און ער, נאכמען...

נאָר אָט איז כאיע־גיטל ארויף אויף דער סצענע. קיילעכדיק, צעגאסן; אויגן אויסנעלאשן. ס׳רעדן די שיטערע הערלעך אויף איר אויבערשטער ליפּ. זי איז גרייט צו קעמפן ביז דעם לעצטן אָטעם פון איר לעבן. זי האסט נאכמענס כאלוימעס, זי האָט ניט אויפגעגעבן די אלטע וועלט, זי האָט ניט אויפגענומען די נייע, זי וויל מיט עלנבויגנס זיך דורכרייסן א וועג. זי איז גרייט אויף האנאָכעס, אויף אלערליי האנאָכעס, אבי זיך דורכרייסן א וועג. ווען זי קען אָננעמען פארן קארק נאכמענען און שטופּן אים פאָרויס, פאָרויס...

— נאכמען!

נאכמען שוידערט אויף: כאיע גיטל... דאס גרעסטע שרעק פון זיין לעבן. ער וואלט שוין מיטן לעבן געמאכט א פשאָרע — א וועלט פארגאנ־גען, א וועלט אויפגעגאנגען — איבער אים, איבער נאכמענס פלייצעס, אָן נאכמענען. איבער נאכמענס געבויגענער פלייצע האבן זיך צוויי וועלטן געביטן... שטייט זי, כאיע־גיטל, און שמייסט איבער זיין שוואכער פלייצע: אין לעבן אריין!... אין וועלכן לעבן, אין וועלכן?

כאיע גיטל שאָקלט מיטן קאָפּ אויף איר אומגליק... זי זעט, ווי דער וואָגן פון דעם טיפעשדיקן פויער ציט זיך אוועק פון נעבן איר טיר. פון נעבן

כאיע גיטל טיר. כאיע גיטל שפירט זיך דאך אזוי פלינק, אזוי פעאיק צו באשווינדלען אט דאָס לעבן וואס ווערט געפירט ווי פון א טיפעשדיקן פויער, און אָט צוליב איר אומגליק, צוליב נאכמענען, וועט דער וואָגן אויסמיידן כאיע גיטלס שטוב און וועט ארײנפאלן צו א שכיינע... זאל כאיע גיטל רעזיגנירן? נאָכגעבן?

ס'בלייבן און ציטערן כאיע גיטלס ליפּן.

נאכמען הויבט זיך אויף. געבויגן און האכנאָעדיק שארט ער זיך אַף א זייט אדורך און גייט צוריק צו דער ארבעט ניט געגעסענערהייט.

ציפּקע, אָט די קליינע ציפּקע, וואס לערנט אזוי האסמאָדעדיק דאס לעבן בא דער גאס, שעמט זיך פאר אירע צעריסענע שיכלעך: ס'מאכט איר ניט אוים דאס, וואס זי איז קימאט שטענדיק הונגעריק, און דאס וואס איר איז הארט און קאלט דאס שלאפן — אַף דעם קלאָגט זי זיך אויך ניט. אָבער א זיידן קליידעלע און געלע שיכלעך וואלט זי זייער געוואלט האבן. די האָר באם האלז וואלט זי אויך געוואלט שטענדיק האבן אזוי גלאט ארומ־געשוירן, ווי א ליאלקע, און ווען זי וויסט, וואו מען קריגט דאס ערגעץ די רויטע פארב אַף אָפּצופארבן די ליפּן!

— מאַמע?

— אוועק פון מיר!

כאיע גיטל וועט איר לעבן ניט אוועקגעבן קיינעם ניט! קיי—נעם ניט! איינע קעגן אלעמען! איינע אליין. זי איז גרייט אַף אלץ און קעגן אלעמען. אָבער ווי אזוי? פון וואנען?

טראכט נאכמען: און עפשער איז כאיע גיטל טאקע גערעכט? וואס איז דאָ אין א מערבעץ זיך צו שעמען? וואס איז דא זיך צו שעמען דארטן, וואו אלע זיינען מוטער־נאקעט? יעדערער מיט זיין שעפל וואסער... נאכמען האָט אויך א רעכט אַף א שעפל און אַף אַן אָרט און אַף נאקעטקייט האָט נאכמען ניט וואס זיך צו שעמען. נאכמענס צוקונפט ליגט אין האלטן אַן אויג און א האנט איבער די ארבעטער. האָט ניט נאכמען וואס צו פארבויגן און וואס זיך צו שעמען, און וואס שטייפער איז בעסער.

צעבייזערט זיך נאכמען —

— דאס איז ניט קיין ארבעט, איז דאס...

וואסילטשיק, מארטינעז און עפראים דער הויכער, פארהויבן זייערע קעפ צו נאכמענען. דאס מיידל מיט א הויפן שפילקעלעך צווישן די ליפן זוכט צעשראקן די שטימונג און דערטאפט זי — זי שיסט אוים אין א געלעכטער. דאס טוען אויך אלע איבעריקע אויסער נאכמענען. נאכמען איז איבערגעשראקן, צעטומלט. ער שטאמלט ארוים אין אידיש:

— איר, אויך?

זיין שטים ציטערט, איז אפגעהאקט. דאס מיידל קוקט זיך ניט אום, —ווי ניט צו איר. נאכמענס אויג גליטשט זיך אראפ פון איר הויכן ווייס געטאקטן קארק און פארזינקט אין דער שווארצער גערדיכטקייט פון זיין אומעט. דארטן אין יענער שווארצער געדיכטקייט, וועט זיין געמיט זינקען און פוילן ביז דעם לעצטן טאג זיינעם, וועט זינקען אלץ טיפער און טיפער. פון פיזישער געבראכנקייט ביז גייסטיקן פאלן. ווארום א זינד, א גרויסע זינד איז נאכמען באגאנגען, גלעטנדיק מיט די אויגן די ווייסע הויט פון דער מיידלס קארק. א זינד און נארישקייט צוזאמען. ער, דער אלטער נאכמען, כאיע גיטלס מאן, און... שרעקלעך ווי נאכמען שפירט זיך געפאלן! ער שפירט זיך נאך נידעריקער פון די ארבעטער, וואס זיינען ארום אים. ער שמייכלט צו זיי. ער איז גרייט זיך צו באשטראפן, ער פארענטפערט זיך— איך ווייס אייער לאגע און ווייס אז דער ארבעטער האט אויך א רעכט צו לעבן, אבער — מ׳דארף דאך יענעם אויך בארעכנען! אז דאס געשעפט וועט אונטערגיין...

— ווערט פארברענט מיטן געשעפט, מיטן באלעבאס צוזאמען!

אין נאכמענס פארלארנקייט געשעט דער נעם: סוידעסדיקע טירלעך, איינס הינטער איינס, עפנען זיך אזוי ווייט פאנאנדער און דעקן אויף פאר נאכמענען דעם לעצטן באדן, א געשטאלט, ארום וועלכער ס׳וויקלט זיך ארום נאכמענס צעוויימיקטע נעשאמע — קאלמען.

— קאלמען, קאלמען...

ער גלעט און טוליעט זיך און רעדט צו אט דעם געשטאלט. ער שטעלט עם אוועק אין איין ריי מיט די ארבעטער, וואס ארום אים און פארגלייכט... אויך דו ביזט אן ארבעטער געווען — עפשער נאך מער ארבעטער פון זיי. די ציבעלקעלעך, רעטעכלעך, מערעלעך פון דיין גארטן, פון דער ארבעט פון

דיינע ברייטע פארשווארצטע הענט. וואו איז די שכינע, וואס האָט גערוט אַף דיינע צעאָדערטע הענט, דער בענטשנדיקער שמייכל פון דיין קיינמאָל אָפּגעטריקנטן פּאָנים? פארוואס, איך, באים דעם שויבעטס זון און זאָראָך ברײנעס איידעם, האָב געצויגן צו דיר, צו דיין געמיט, צו דיין אָרעמער שטוב? פארוואס האט זיך מיין נעשאָמע ווי מיט טוי אנגעטרונקען, זיצנדיק אַף דער הארטער באנק, אנגעשפארט אַן דיין פּראָסט־אָפּגעהובליעוועטן טיש? און דיין באשע? אויסער שטוב און קינדער, האָט זי נאָך מיט דיר געטיילט אויך דעם אָל פון פּארנאָסע, פארבנדיק פרעמדע בגאָדים — פאר־וואָס האבן אירע ליפּן קיינמאָל ניט ארויסגעטראָגן קיין קלאָלע צו קיינעם ניט? פארוואס האבן אירע אויגן קיינמאָל ניט אויסגעדריקט קיין האָס?

קאַלמען... באשע... „גאָט־געבענטשטע" ארבעטער פון א וועלט וואס איז פארגאנגען...

עס גייט אָפּ אין טרערן נאַכמענס נעשאָמע אַף א וועלט וואס איז ארויס „לעטאַרבעס ראָ" און שיינט אויף אַף דער וויים־אָנגעצויגענער הויט פון דער מיידלס הויכע נאַקן. ניט זינדיקע זיינען זיי, נאַכמענס ראַיוינעס. ער טראַכט ניט פון קיין שלעכטס. אזוי ליכטיק העל ווי דעם מיידלס נאַקן, איז דאָך נאַכמענס נעשאָמע. אזוי ליכטיק העל און יונג און פריש. קוקנדיק אַף איר צעזינגט זיך נאַכמענס נעשאָמע: שיר השירים... ישקני מנשיקות פיהו, כי טובים דודיך מיין... וואס גייען נאַכמענען אָן וועלטן! וואס גייט נאַכמענען אָן, וועלכע וועלט איז געווען בעסער! ער זעט ווי זיין נעשאָמע שפּרינגט ארויס און ציט די הענט צו אָט דעם רויט שעמעוודיקן מיידלעשן פּאָנים— משכני אחריך נרוצה...

נאַכמען כאַפּט דעם פינגער צום מויל — אזוי טיף האָט ער זיך מיט דער נאָדל איינגעשטאָכן. גוט אַף דיר נאַכמען! גוט אזוי! זינדיק ניט! האָט דען נאַכמען געזינדיקט?

און ווען יאָ געזינדיקט? ווען יאָ? נאַכמען וויל מער פון גאר ניט וויסן. ער גיט נאָך, העפקער איז העפקער. מאָשיאָך וועט קומען ווען די וועלט וועט זיין — כולי זכאי, אדער — כולי חיב. נאַכמען וויל מיט זיך ניט פארהאלטן מאָשיאַכס קומען. נאַכמען וועט צוגלייך מיט זיי, צוגלייך מיט אלע ארבעטער, אויסרופן...

עס דריקט נאַכמענען דער גאָרגל־קנאַפּ, עס פּלאָנטערן אים זיך די ווערטער און פאַר די אויגן גליען פייער־פונקען; ער שטייפט זיך אָבער איבער און כאַזערט מיט אקשאָנעס, שלינגנדיק די ווערטער — „זאָלן לעבן די אר־בעטער פון אַלע לענדער"!

— דער זייגער, דאַכט זיך, שטייט אָפּ אויף צען מינוט?

נאַכמען געפינט ניט קיין אָרט פאַר זיינע אויגן. עס באַשלאָגט אים אַ היץ און ער שפירט ווי דער שטערן איז אים געוואָרן נאַס. ער הויבט זיך אויף, רוקט אַליין צוריק די ווייזערס אויף צען מינוט, פאַרגראָבט צוריק די אויגן אין דעם לעבעדיקן בעגעד און שפירט, אַז די גרעסערע זינד, די שווערסטע, וואָס איז איצטער אָפּגעטון געוואָרן אויף דער וועלט, איז זיינע, נאַכמענס.

ווי ווייט און ווי טיף וועט נאָך נאַכמען זינקען?

און וועלכער קען זיין דער סכאַר פאַר אַזאַ קאָרבן, פאַר אַזאַ שווער וואָגיקן קאָרבן?

ער זוכט אינם מיידלס אויגן אַן ענטפער. אומזיסט. מיט אַ רואיקער קאַלטקייט קוקט זי צו אַלץ און צו אַלעמען, לאַכט און שמייכלט ווייניקער צו נאַכמענען. גראָבט נאַכמען אַלץ טיפער אין נייעם לעבן, שרייט איבער די נעשאָמע זיינע, ביז צום הייזעריק ווערן — זאָל לעבן דאָס נייע לעבן! און פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס די אַרבעטער מיידן אים אויס, פאַרוואָס זיי קערן זיך אָפּ פון אים מיט אַ גלייכגילטיקער קאַלטקייט. איז דען דאָס ניט זייער לעבן, זייערס, און ניט נאַכמענס?

אַזוי פּלאָנטערט זיך נאַכמען אַ צעטומלטער, אַ פאַרבלאָנדזשעטער. אַזוי שטויסט ער פון זיך אַ וועלט, נאָך וועלכער ער בענקט און אַזוי קריכט ער אין אַ לעבן, וואָס ער האַסט.

און כאַיע גיטל?

מיט אַן אויפגעריסן מויל און גלאַנץ אין די אויגן, וואַרט זי. זי וואַרט אויף דער געלעגנהייט ווען דאָס לעבן וועט נאָר אויף איין אויגנבליק אַ טאָעם האָבן און וועט אַריינקוקן אין איר טיר. זי וואַרט מיט דער אַנגעשטרענגטער גרייטקייט פון אַ קאַץ. זי נעמט ניט מער נאַכמענען אין באַטראַכט. זי האָט

צונעגרייט אירע אייגענע הענט. זי ווייסט ניט ווי אזוי, נאָר זי איז גרייט. זאָל עס נאָר א ריר טאָן בא דער טיר...

דער באַלעבאס איז זייער ניט צופרידן מיט נאכמענען. ער האָט אים געטרויט א סאך, זייער א סאך. א גרינעם אינגאנצן א גרינעם, קימאט א ווילדן, האָט ער גענומען און געמאכט פאר א מענטשן, וואס האָט ער גע־קענט און צו וואס האָט ער פריער געטויגט? און אפילע איצטער איז אויך ניט — אי־אי־אי. ניט מער — שיינע מישפּאָכע, געהאט צוטרוי, און טאקע זי אליין, כאַיע־גיטל...

די פאַרגאַסענע אויגעלעך פונם באַלעבאס גיבן זיך אַף דער העלפט א פארבאהאלט אונטער די אויגן־דעקלעך און גיבן כאַיע גיטלען א שנעלן מעסט אַפּ אין דער לענג און אין דער ברייט, א טאפּ אָן אין אלע פארבארגענע ערטער און א שאָץ אַפּ. זיי שווימען צוריק ארוים, די אויגעלעך, מיט א זיס שמייכעלע —

— אָט, ווען איך האב אייך אין געשעפט!

דאס איז דאס אנגעווייטיקסטע אָרט, כאַיע גיטלס. מענטשן זעען עס. וואס קען אַף דעם כאַיע גיטל זאָגן? זי לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ. א בינט געדאנקען הויבט זיך אָן אין כאַיע גיטלס קאָפּ קנוילן. עפשער איז דאך פאראן אן אויסוועג? עפשער איז אָט דער מענטש, וואס איז יאָ געפּאסט אין לעבן, עפשער דער מענטש וואלט געקענט כאַיע גיטלען אנווייזן די שליסלען צום לעבן?

דער באַלעבאס אָטעמט גיך און שווער. זיין שטים ווערט סוידעס־דיקער:

— אין א געשעפט דאַרף מען האבן א מענטש מיט באוועגונג, מיט א קער, מיט א קוק... — ווי איר!

כאַיע גיטל רויטלט זיך. איין געדאנק א בוילעטערער און קלאָרערער פון אלע, ציט זיך אין א גלייכער שנור פאר כאַיע גיטלען. זי וואגט אים אָבער ניט אָנצורירן. זי שפּירט אינסטינקטיוו, ווי דער געדאנק הויבט זיך אָן צו פארוואנדלען אין א געשטאלט. דאס געשטאלט דערנענטערט זיך צו איר. זי שפּירט אַף זיך זיין אָטעם, דאס שרעקט זי און רעגט זי זיס־

אנגענעם. זי ווארט מיט פארהאלטענעם אָטעם, און זי דערהערט קימאט ווי אפֿן אויער:

— ווען איך קען אייך האבן אין געשעפט...

זי שוידערט אויף, זי דערשפירט ארום זיך דעם באַלעבאָס דיקע האַנט. זי ווארפט זי בייז אראָפּ פון זיך. אָבער זי באהערשט זיך באַלד. זי שמייכלט אויף און פארגייט אין כיינעוודיקן אומעט:

— פון אייער פּאָסטן ווערט מען אויך ניט פעט...

דער באַלעבאָס שפירט זיך אָנגעגריפן:

— זאָל ער נאָר ווערט זיין! זאָל ער האבן די ווערט! דערווייל זע איך, אז ארבעט גייט איצטער ווייניקער ארויס ווי פריער, ווען איך קום אריין איז, אָדער מ'רעדט, אָדער מ'איז שוין ניטא. און אייער מאן אליין געפעלט מיר אויך ניט.

דער באַלעבאָס ווערט אָנגעצויגן בייז:

— ער האָט מיר שוין א פּאָר מאל צוריק אפגעענטפערט, ווייסט איר?

כאַיע גיטל עפנט ברייט פאנאנדער די אויגן. זי איז איבערגעשראָקן, אָבער דער באַלעבאָס פארשמייכלט איר שרעק:

— זעט איר שוין?

ער נעמט איר האנט און גלעט זי. כאַיע גיטל איז שוין אינגאנצן צע־טומלט. דאס געשטאַלט פארשווינדט, ס'פארשווינדט דער געדאנק, זי זעט שוין גאר ניט, זי שפירט גארניט. וואס וועט עס איצטער זיין? וואס וועט איצטער זיין?

ציפּקע לויפט אריין אין שטוב א פארפלאָמטע און צעוויינט זיך. א אינגל אין גאס האָט איר פארגעוואָרפן אירע צעריסענע שיכלעך. כאַיע גיטל איז צעטומלט. זי וויל אָפּ איר אנשרייען און גלעט זי. זי זאָגט:

— גיי, ציפּקעלע שפּילן...

און שפירט, אז געזאָגט האָט זי פונקט קאַפּויר פון דעם, וואס זי האָט געוואָלט זאָגן.

דער באַלעבאָס איז אויסערגעוויינלעך גוט: ער נעמט ארויס א פּאַפּירענע מאַטבייע און גיט עס ציפּקעלען אין האַנט, אָפּ שיך.

כאיע גיטל דערווייזט ניט ארויסצושטאמלען:

— צו וואס?

איצטער שפירט זיך דער באלעבאס שטייפער. ער געזעגנט זיך מיט ציפּקעלען, ער גיט די האנט כאיע־גיטלען און ציט זי ביז צו דער טיר. ער פארשטעלט ציפּקען מיט דער פּלייצע און ציט כאיע גיטלס האנט צו די ליפּן. כאיע גיטל ציט די האנט צוריק. ער שיקט איר א לופט קוש.

פון אַף יענער זייט טיר, דערמאנט זיך דער באלעבאס און זאָגט אָן:

— רעדט איבער מיט אייער מאן... ס'איז זייער וויכטיק! פאר אייך, פאר אונז אלעמען...

כאיע גיטל איז צערויטלט, פארשעמט. וואס איז דא געווען? וואס קומט דאָ פאָר? זי, כאיע־גיטל, אַן איישעס איש, וואס איז דאס? זי איז אויפגערעגט, דאס בלוט שלאגט איר פון די אויגן ארויס, זי וויל ניט וויסן, ווי אזוי ער זעט אויס! זי וויל גאר ניט וויסן, צי ער איז רייך! זי וויל פון גארניט וויסן, פון גארניט! וואס טוט זיך עס דאָ?

זי צעוויינט זיך. זי רייסט די האָר פון קאָפּ. זי שעלט דעם טאג פון איר געבוירן, זי שלוקעכצט, זי קען זיך ניט שטילן.

נאכמען קומט אריין. ער עפנט זיינע טיף איינגעפאלענע אויגן. כאיע גיטל וויינט דעמאלט, ווען ער איז אין שטוב ניטא — פאר נאכמענען איז דאָס ניי. ער זוכט מיט די אויגן. ער זעט ציפּקען מיט א פּאַפּירל־מאַטבייע אין האנט. ער שמעקט די לופט, קוקט צו כאי־גיטלען.

אָבער וואס איז דער אונטערשיד! האָט זיך דען פאר נאכמענען ניט אויסגעלאָשן דאס לעבן, יענץ לעבן, פון וועלכער נאכמען האָט געצויגן זיין שטאם?

נאכמען זיצט געדולדיק מיט א געבויגענער פּלייצע, געל פּאָנים, איינגעפאלענע אויגן און ווארט. אָט אזוי וועט ער אָפּזיצן זיין צייט פון מיטיק, און וועט זיך אזוי שטיל אויפהויבן, ווי שטיל ער איז אריין, און וועט צוריקגיין צו זיין ארבעט.

כאיע גיטלס טרערן וועלן אויך מוזן אויפהערן. זי וועט פארביסן־שטיל אויסווישן די אויגן, וועט פארביסן־שטיל זיך נעמען צו איר ארבעט,

ניט אויסרעדנדיק צו נאכמענען קיין איין ווארט ניט. זי וועט אין זיין זייט ניט א קוק טאָן.

ציפּקע פרעגט ניט און קוקט גאר ניט מיט קיין איבערגעשראָקענע אויגן. די גאס האָט איר שוין א סאך סוידעס דערציילט. זי איז אינגאנצן פארנומען מיטן געשאנקענעם געלט.

א בילד, וואס פארגייט אין דער גרויקייט פון אויפגייענדיקן מאָרגן.

און ווי האָט עס דען געקענט זיין אנדערש? האָט דען די סאמעטענע רואיקייט פון פראָלאג ניט דערציילט פון נאכט, פון שטאָק פינסטערער נאכט?

אַ כאַסענע

אין א זייטיק געסל, בא א זייט פון א לאנגן הויף אָנגעשאָטענעם וואַל, איבער וועלכן אלע צען־פופצן מינוט ציט אדורך מיט א שניידנדיקן פייף, א דורכיאגנדיקע באַן; ארום — אלטע, געשפּאָלטענע ארבעטער־הייזקעס; אפן ראָג — אַן אלמאסעג, פון וועלכן ס׳טראגט א קעסיידערדיקער שיקערער געמורמל, געמישט מיטן רייעך פון כיילעוו, און איבער דער לאנגער, ערדיק־צעקנוילטער און צעטרוקנטער גאַס, איבער וועלכער ס׳וואלגערן זיך פארזשאווערטע דראטן, ווייס אויסגעבליאקעוועטע שטיקלעך בלעך, שטיקלעך גלאז, וואס גלאנצן מיט אַן אויסגערונען אויג קעגן דער זון, אַן אלטער שוך, וואָס האָט מיט אזא טמימעסדיקן „פארוואס" פארצויגן די נאָז הויך־הויך, און איז אזוי אין דער גאנצער הויך פארדארט געווארן; אַן אפגעקומענער, אף דורך און דורך אויסגעווייסטער ביין, וועלכער ווארט געדולדיק אף א בעטלער־טאָרבע, קעדיי מגולגל צו ווערן, ווער ווייסט אין וואס; — איבער אָט דעם בינטל פארבן, וואס רוט אין זיין אייביקייט — קנוילן בינטלעך קינדער, אין צעריסענע בגאָדימלעך, פון וועלכע ס׳לויכטן ארויס שטיקלעך פארשמוציקטע גופימלעך — קנוילן אין שטילער פרייד קעגן זון און לעבן, געפלאכטן מיט הינט, ווייסע געפלעקטע, ברוינע, גרויסע און קליינע, געקריצטע, מיט רויטע פייכטע לעבער אף דעם אָרט פון אמאָליקע אויגן, און מיט געדיכטער סלונע, וואס ציט זיך פון זייערע מיילער צו דער ערד מיט אַן ענדלאזן שטראם. זיי ווארפן זיך, די הינט מיט די קינדער, אין זייער שטילער פרייד, איבער דער ערד, זיי קנוילן און קייקלען זיך איבער דער לענג פון דער גאס, און ס׳שווימט פארביי, ס׳רירט זיי ניט אָן דער ווייטער טומל, דאס טראמווייען געקלאנג און די פייפעריי פון אויטאָס פון דער ווייטער רייכער האנדלס גאס. בלויז פון צייט צו צייט קייקלט זיך אריין אף הויכע רעדער דאס פירקאנטיקע פורל פון דעם פרוכט־פאר־

קויפער, וועלכער פארהילכט די גאס מיט זיין קוויטשיקן „באנאנאס, באַ־נאנאס, וועניטע לאַ דאָסענא, באנאנאס!“ דאן צעלויפט זיך אַף א ווײלע דאס בינטל הינט און קינדער און בלייבט צעשאטן אַף די זייטן גאסן נע־דולדיק ווארטן, ביז וואנען דער הילכיקער קוויטש פון דעם פארקויפער פאר־שווינדט פון דעם צווייטן עק גאס, ווי דער עק פון דער לאנגער באַן, איבער דעם הויכן וואל אַף דער זייט גאס. ס׳שטערט ניט דער פארגליווערטער רו־איקייט דאס אדורכריידן זיך פון צוויי פרויען איבער דער ברייט פון דער גאס, דער קורץ אפגעהאקטער אויסרוף פון א גאסן־פארקויפער, דער אומ־בערעכנטער אָנעסדיקער לאנגער סקריפ פון א געעפנטער טיר דורך אן אלטער האנט. — אפגעזונדערט און פארזונקען אין זיך, ליגט די ארעמע ארבעטער גאס, אין די געדערים פון דער גרויסער רייכער שטאָט. אפגעזונדערט און ווי איינגעשלאפן.

אַף דער זעלבער גאס, אַף דער שוועל פון אן אויסגעקרומטן הילצערנעם טויער, האָט ער זי געטראפן.

ער איז מיט זיין פעקל זאכן דורכגעגאנגען. זאכן זיידענע, פאָדימנע, וואָלענע; מענערשע, פרויעשע; מיט שטרייפלעך און אָן, נו, יאָ. ער האָט זיין מאגן אין פעקל געטראגן, און האט פון יעדער שטוב דערוואַרט — עסן. מיט אים בא דער זייט איז מיטגעגאנגען זיין נעשאָמע — אזא קינ־דעלע, אזא שטיפעריש. זי, די נעשאָמע האָט אים בא דער פאלע גע־צויגן:

— אנו, גיב זיך א וואָרף אַף דער ערד, צווישן בינטל הינט און קינ־דער... אנו!

ער האט זי אפגעשטויסן, די נעשאָמע:

— איפּעש...

— קוק אים נאָר אָן, דעם יאכסן מיינעם, מיטן מאָגן אין פעקל! א י פּ ע ש . . . זון שטייט אן זיך צו קייקלען איבער שטינקענדיקער ערד, און ער....

האָט ער זיך פארשעמט און פארטראכט. און איז אזוי פארטראכ־טערהייד א גאנצן לאנגן פאס גאס דורכגעגאנגען, ניט איין מאל דאס פּע־קל צו פאנאנדערפענען. פלוצלינג —

ער האָט אזש דעם קאָפּ אפּגעבויגן — אזא באַק האָט דאָס אים געטון.
זי איז באַם טויער געשטאַנען, האָט אַף אים געקוקט און געלאַכט.

האָט ער זיך א גלייך־אויס געגעבן, א נעם שטייפער דאָס פּעקל, די פינגער גרייט... און איז אזוי שטיין געבליבן. א שטראָם א וואַרעמער, א פרייליכער, האָט זיך צו אים פון אירע גרינע אויגן געטראָגן, און האָט אים געקנוילט ווי זון דאָס בינטל הינט און קינדער אַף דער מיט פון צע־דאַרטער גאָס.

ער איז צו איר צו נעענטער. ער האָט דאָס פּעקל אַראָפּגעלאָזט.
ער האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער הויך. זיין ברייטע ברוסט האָט זי איינגאַנצן פאַרשטעלט. ער האָט עטוואָס אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, קעדיי צו קענען איר קוקן אין די אויגן. ער האָט געשפּירט דעם פאַרשיקערנדיקן פּעטן רייעך פון אירע שוואַרצע האָר. איר ווייסער, קימאַט קינדערשער שטערן, האָט אים געבלאַנקט אנטקעגן. און אירע גרינע אויגן, לייכטנדיקע און שטראַלנדיקע, האָבן אים ניט אויפגעהערט מיט זון באַגיסן. זי האָט גע־לאַכט.

מיט מידן ערנסט האָט ער זיך אין אירע פריידיקע זוניקע שטראַמען געבאָדן. ער האָט ניט געוואָגט צו זאָגן: — ווי גוט!.. ער איז נאָר אזוי גע־שטאַנען, אין זיין אויסגעצויגענער הויך, און האָט עטוואָס דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן קעדיי צו קענען אָן אויפהער טרינקען פון דעם שטראַמיקן קוואַל פון אירע פריידיקע גרינע אויגן. נאָכדעם האָט ער דאָס פּעקל גע־נומען, און איז שטיל, מיט געציילטע טריט אוועק.

לאַנג נאָך איז ער אזוי שטיל, מיט געציילטע טריט, געגאַנגען. ער האָט געשפּירט, דער זאַקן־פּאַרקויפער, דעם וואַרעמען שטראָם פון אירע לאַכנדיקע אויגן אַף זיין פּלייצע — האָט ער דעם טראָט פאַרמינערט, און איז אזוי שטיל געגאַנגען. און ערשט ווען ער האָט באַ דער זייט דערהערט דעם ערשטן קוויטש פון זיין נעשאָמע, וואָס האָט זיך פּלוצלינג צעוויינט, — האָט ער שטייף דאָס פּעקל א נעם געטון און אויסגערופן:

— זאָקן, זאָקן! מענערשע, פרויעשע, קינדערשע — זאָקן !

און נאָכדעם איז ער יעדן טאָג צו יענער גאָס געגאַנגען — — — — —

— ווילדע! — האט ער איינמאל, צום ערשטן מאל, אויסגעברומט.
האָט זי זיך נאך מער צעלאכט —
— ס'אר א בייזער דו ביזט, גרינגיטא! — און באלד נאכדעם צוגעגעבן
— פון וואנען ביזטו, גרינגאָ ?

האָט ער א כאפּ געטון איר האנט, און איז אזוי מיט איר קליין אומ־באוועגלעך הענטל געבליבן שטיין. אין דער לופטן איז זי געבליבן הענגען איר האנט, די פינגער פארבאהאלטן אין זיינער — א האנט אזא, א גרוי־סע, ווארעמע.

און זי האט אלץ געלאכט.

א צווייטן מאל האָט ער איר א זאג געטון —
— אפן וואל ביזטו געווען, ווילדע?
האט זי קורץ געזאגט:
— ווילסט ? קום...
און אפן וועג האָט זי אים א זאג געטון:
— דיינע זאכן וועלן ניט צעפוילט ווערן אין פעקל ?
דאָס איז געווען פונקט דעמאלט, ווען זיין נעשאָמע האָט אים א לאָך און א שנעל געטון אין נאָז...
— און איך זע ניט דיין מאמעס קליידל, און אפילע ניט דאס פאר־נעצטע נעזל פון דיין קליין ברודערל! — האָט ער איר נאכגעשפּאָט.
און צום ערשטן מאָל ערנסט, האט זי אים אפגעענטפערט:
— איך בין פריי !
אפן וואל האָט ער זי געפרעגט:
— קענסט פליען ?
זי האט ניט פארשטאנען:
— פליען ?

— יאָ, פליען! א פרייער מענטש קען פליען. ווילסט זען, ווי איך פלי? — קוק! קוק אף מיר... אך, זעסט ניט, ווי איך פלי? זעסט ניט, ווי איך האב מיינע ארעמס איבער דער לופט צעשפּרייט? זעסט ניט, ווי איך הויב זיך אלץ העכער, העכער? נו, זעסטו ניט ווי איך בין ניט מער דער זאַכן־פארקויפער פון דארט אונטן, פון דער גאַס? ס'אר א שיינע, וואונ־

דערלעבע, שיינע זאכן איך זע אין די הויכן! זעסט ניט, ווי מיינע אויגן ברענען? שפירסט ניט די שנעלע באוועגונגען פון מיין ברוסט? דו, ווילדע...

זי האָט זיך צו אים צוגעשפאַרט. און ער האָט זי דערשפירט — אזא קליינינקע, קינדערשע — ווי זיין נעשאָמע. זי האט געציטערט.

א פייף האט דורכגעשניטן די לופט.

ער האָט זי פאר די אָרעמס אנגעכאפט, און פון וואל אראפגעטראגן.

פון אונטן בא א טויער, אנגעשפארט אף זיין אויסגעקרומטן שטעקן, האָט אן אלטיטשקער מיט זיינע אויסגערונענע, רויטע אויגן, אויפמערקזאם געקוקט אפן פארל וואל אראפ.

א טונקל גרויע קאץ, וואס איז אזוי רואיק געלעגן אין גאלדענעם פאס פון דער זון און זיך געוואַרעמט, האָט פלוצלינג דעם קאפ אויפגעהויבן און די אויערן פארשפיצט: אן אפגעריסן שטיקל בלאט האָט געטון א שארך, א פלי, א קויקל זיך איבער, א שאר איבער דרערד, און איז לעבן א קופע מיסט געבליבן ליגן טויט...

זי האָט אלץ ווייניקער געלאכט. אירע אויגן האבן געקוקט צו די שפיצן פון אירע שיך. און איינמאל האט זי געזאגט:

— דער טאטע ארבעט באם פארט, און איך מוז אין שטוב העלפן...

ער האט גארניט געענטפערט. נאר איינמאל איז ער געקומען אן אויפ־געערגטער. זיינע אויגן האבן געפלאמט. זי איז ווי אלע מאָל — די לעצטע צייט — ארויס צו אים אן אומעטיקע און האט אים איר קליין הענטל אויס־געצויגן; ער האָט דאס הענטל צוגעצויגן און א קוש געטון — אין ווייכן פלייש, באם אנהויב אפטיילן זיך פונם גראבן פינגער. זי האָט דאס הענטל ארויסגעכאפט, און זיך צעלאכט.

האט ער זיך, ווי אין די ערשטע אמאלן, א צי אויס געגעבן אין זיין גאנצער הויך, האט עטוואס דעם קאפ אראפגעבויגן, קעדיי — ווידער אמאל צו שפירן דעם פעטן רייעך פון אירע שווארצע האר, און צו טרינקען פון פליסיקן ווארעמען קוואל פון אירע לאכנדיקע, גרינע אויגן.

און זי האט אלץ געלאכט, בלאנקנדיק קענן זיין גרויסן, פארשפיצטן פּאָנים מיט איר וויסן שטערן.

ווייסט ער? — נו, יאָ, וואָס מאַכט עס אויס — ער האָט שוין לאַנג געזען אַלץ: אי דעם טונקעלן לאַך פונם געעפנטן שוך אירן, אי די אַלט־קייט פון איר ביליק לייוונט קליידל. און די זאַכן האָבן אויך ניט פאַרדעקט די גאַנצע נאַקעטקייט פון אירע געזונטע יונגע פיס. אוואַדע האָט זי ניט געוואוסט, ווי אַזוי קונציק דעם פודער צו פאַנאַנדערשמירן איבערן ווייסן שטערן, און איבער דעם שפּיץ נאָז אירן. נו, יאָ — דער טאַטע אַרבעט אין פאַרט, און זי — אַפילו ניט אין פאַבריק. נאַרישע! האָט זי דאָס געדאַרפט דערציילן? האָט ער עס ניט געזען פון די געלע פלעקן פון צערונענעם פודער באַ די ווינקלען פון איר מויל? אָבער אירע אויגן! און ער האָט געזאָגט:

— ווי שטאַרק ס'איז דאָס פייער, וואָס פינקלט אַרויס פון אונטערן אָנגעוואָרפענעם באַרג אָרעמקייט!

און זי האָט געפרעגט:

— ס'געפעלט דיר?

— ס'ברענט!

— צום אָפּבריען?

אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן, און דאַן האָט ער געענטפערט:

— צום פאַרברענען!.. מיט דײַנע אויגן קען מען פאַקלען אָנצינדן —

— פאַקלען? צו באַלויכטן?

— צו אָנצינדן, צו פאַרברענען!

און ווידעראַמאָל האָט ער איר האַנט אָנגעכאַפּט, און זי פאַרבאַ־האַלטן אין זײַנע ביידע הענט. ער האָט איר געזאָגט:

— ווילדע! מיר האָבן נאָך קיינמאָל ניט גערעדט, קיינמאָל ניט... אַלעמאָל קום איך טרינקען פון דעם קוואַל פון דײַנע אויגן... און דו?.. דו ביסט פיין, דו ווילד מיידל! איך ווייס — ניט דו האָסט מיר אַפילו זאַכן געבעטן ווייזן... דו שטילסט מײַן דורשט, און באַפרידיקסט זיך מיט מײַן פרייד... ווי די זון — דו, ווילד מיידל!.. דו ביסט נאַטירלעך, דו ביסט די גרעסטע רײַכקייט פון דײַן מישפּאָכע, איך זע עס... דו רופסט מיך „גרינ־גאָ" — איך בין מער, איך בין דאָס, וואָס די גאַס רופט „רוסאָ". ווייסטו, ווי רײַך איך בין? זיי זענען מײַן אָרעם פּעקל, פונקט ווי זיי זענען דײַן אָרעם קלייד — זיי זענען אָבער ניט מײַן אויג און מײַן האַרץ... זיי זענען אויך ניט

מיין ווילן... ווילדע! מיר האבן נאך קיינמאל ניט גערעדט, און איך וויל מיט דיר ריידן — טיפער, הארציקער... און אומגעשטערט. איך וועל א ציי־מער דינגען, אן אנדער וואוינונג, און ווען איך וועל נאך דיר קומען — וועסטו מיט מיר גיין, אליין ?

ער האָט גוט געזען, ווי א צוריקגעטריבענע פארב האָט זיך לייכט איבער איר פאנים צעשפרייט. זי האט לאכנדיק געזאגט:

—ווארט צו, גרינגיטא, א ווייליטשקע, — און גיך ארייננעלאפן אין הויף אריין.

ווען זי איז צוריק צום טויער ארויס, האט זי געפרעגט:

— מארגן וועסטו אויך קומען ?

שווער איז אים אנגעקומען דאס צימער צו געפינען. ער האט דאך ניט געקענט, ניט געטארט — און מער פון אלץ האט ער דאך ניט געוואלט — זיין זון אף דער גאס פון זאטקייט פירן! שרעקלעך, ווי העסלעך, זי וואלט אויסגעזען אן אנגעזעטיקטע — זי, די זון פון דער מיסט־גאס.

אבער אויך די ארעמע גאס האט אים געפרעגט: א באכער, אדער א באווייבטער ?

איז אים שווער אנגעקומען צו געפינען דאס צימער.

און אין יענע טעג איז ער אויך אף דער מיסט־גאס ניט געגאנגען. עמעס — א רויטלעך פארב האט באדעקט איר פאנים; עמעס — זי האט אים געפרעגט: „אויך מארגן וועסטו קומען?" אבער — זי האט אים נאר־ניט צוגעזאגט, זי האט אים גארניט געענטפערט... יא! ער האט געוואוסט זיכער, אז די זון פון יענער מיסט־גאס האט פארטרווילעך אף זיין אקסל זיך געזעצט, אף שטענדיק! ער האָט דאס געשפירט... ער האָט מיט זיכער־רע, שווערע טריט געשפאנט איבער די גאסן, זיין צימער צו געפינען... ער האט זיך גאר ניט ארומגעקוקט אף זיין נויטעסדיקן מאגן, וועלכער האט אים געפוילט דארט אין פארשטויבטן פעקל זאקן, אין א ווינקל פון זיין אלטער וואוינונג. דאס האט אים גארנישט געארט, — זיין קינדערשע נע־שאָמע איז ווילד געווארן! אָט האט עס מיט א רואיקן ערנסט געשפאנט בא זיין זייט, נאכמאכנדיק די טריט פון א גרויסן — זיינע טריט, און אט

האט זיך עם אױף זײַן אַקסל אַרױפֿגעדראַפּעט, און געצװיגן אים בײַ די אױ־ערן, געקיצלט אין האַלדז, אין נאָז. אַט האָט עס אים װילד קאַפּריז געצװיגן בײַ דער פֿאָלע און מיטן קינדער הענטל געריבן די אױגעלעך, און אַט — איז עס אים דעם װעג פֿאַרלאָפֿן און אים אָנטקעגן זיך צעטאַנצט, צע־שפּרונגען, אַזױ װילד, אַזױ לאַכנדיק, אַז אים אַלײן האָבן זיך פֿון פֿרײלעכ־קײט די פּיס געהױבן... זי, זײַן נעשאַמע, האָט אים געשטערט זײַן גאַנג.

נאָר אַט האָט ער שױן אַ צימער געפֿונען. אין אַ קלײן אָפּגעשלאָסן װעלטל האָט זײַן צימער געטראָגן דעם נומער „צװײ און צװאַנציק".

בעסער אױסגעפֿינען האָט ער ניט געקענט. דאָרט איז געװען דאָס אָפּגעשלאָסענע װעלטל פֿון יאָושדיקער אָרעמקײט: יעדעס בינטל אָרעמ־קײט אָפּגעשלאָסן אין איר פּירקאַנטיקן פֿינסטערן קאַסטן, מיט אַ צונױב פֿון אַ שװאַרצער קלײנער לאַך פֿאַר אַ קיך, און אַן אױסגעצױגענעם שטריק אין די אײגענע דאַלעד אַמעס בײַ דער טיר. און יעדער טיר — אַ נומער. גױפֿל נומערן זײַנען זײ געװען אין יענעם אָפּגעשלאָסן װעלטל? — װער קען עס װיסן און װעמען האָט עס אינטערעסירט! נומער „צװײ און צװאַנ־ציק". אַרײַנגײענדיק אין הױף, נעמט מען זיך בײַ דער רעכטער זײַט נו־מערן; נאָכן נומער „נײַן", איז דאָ אַ שמאָלער דורכגאַנג; דורכן דורכגאַנג — אין אַ פֿאַרשמעלערט הױפֿל. די פֿערטע טיר אױף רעכטס האָט אַ פֿאַר־זשאַװערט בלעכל „צװײ און צװאַנציק".

אַ נידעריקע דיקע פֿרױ מיט שליסלען, האָט דעם שלאָס פֿון טיר אַראָפּגענומען, און האָט אים אַדורכגעלאָזט. די מאָרעשכױרעדיקע קורצ־זיכטיקע סטעליע האָט אים אַ שמײכל געטאָן. אױפֿן מיטן פֿון דעם אַרײַנגע־פֿאַלענעם פּאָל איז אַן אױסגעקרומט, פּירקאַנטיק נידעריק שטרױען בענקל געשטאַנען. ער האָט זיך צוגעזעצט.

— דאָס איז מײַנס — האָט שטײענדיק אין טיר, די דיקע נידעריקע פֿרױ מיט די שליסלען אין האַנט, געזאָגט.

ער האָט זיך אױפֿגעהױבן, און דאָס בענקל באַטראַכט — אַזאַ בענקל דאַרף ער האָבן... און באַלד נאָכגעדענקט: צװײ...

אױפֿן דריטן טאָג נאָכדעם, האָט ער דעם שטױב פֿון זײַן פּעקל אָפּגע־

קלאפּט, די נעשאמע פאר דער צווייטער האנט גענומען, און איז ארויס אין גאס, אפן וועג צו דער מיסט־גאס.

זי האט געלאכט אסאך. זי האט אים עטלעכע מאל באם לאץ אנגע־רירט. זי האט גערעדט גיך, און איז עטלעכע מאל אונטערגעשפרונגען. זי האט אים אין די אויגן ארייגעקוקט — אזוי געטריי, אזוי נאכפרעגנדיק! זי האט אים אבער ניט געפרעגט, פארוואס ער איז אזוי לאנג ניט געקומען. זי האט אים נאר געזאגט: דאס פּאנים איז בא דיר אזוי פארזארגט!..

און ער האט — ווי אלע מאל — זיך צונויפגעדרייט ווי א קנויל, און געוואָרט אז דער פליסיקער קוואל ווארעמקייט זאל אים אדורכשווענקען אף דורך און דורך, און זאל אדורכנעמען אלע זיינע גלידער. ער האט גע־זאגט:

— איך ווארט, דו זאלסט מיט מיר אין מיין צימער גיין!

ער האט געקוקט אין אירע אויגן, שטרענג, נאכשפּירנדיק...

זי איז גארנישט איבערראשט געווארן. זי האט אלץ לאכנדיק און אונ־טערשפרינגענדיק, געזאגט:

— איין ווײַלע, איך וועל מיר נאר דאס קליידל איבערטון.

און דאס קליידל האט זי אויך ניט איבערגעטון. זי האט נאר דעם האלב פארשמוצטן פארטוך אראפגעווארפן. די זאקן האט זי אויסגעצויגן שוין אפן מיטן גאנג, דורכן הויף צום טויער, און אירע קורצע שווארצע האר האט זי צעשויבערט, עטלעכע מאל פארקעמט, און צום לעצט פארהאַ־מערט מיטן קאם — שוין גייענדיק בא זיין זייט, ווייט אין גאס.

אויך אין גאס גייענדיק, האט זי אלץ געלאכט, געפלאפּלט און אונ־טערגעשפרונגען. און ווען זיי האבן זיך אין טראמוויי געזעצט — האט זי זיך צו אים צוגערוקט אזוי נאענט, אז ער האט זיין נעשאמע געמוזט אין האנט נעמען. זיי זיינען ארויס אף זיין גאס.

א ברייטע גאס, א שטילע, גלאט אויסגעברוקירט, הייזער נייע, געלב־לעך געקאלכט. די זון האט דא געלויכטן אזא קאלטע, רואיקע.

— וואו זיינען מיר? — האט זי קימאט ווי מיט אומצוטרוי געפרעגט.

און ער האט געענטפערט:

— אין אן ארבעטער־געגנט. א נייַע גאס אין אן ארבעטער־געגנט.

— און אט איז אויך אונזער טויער!

זיי האבן זיך אפּגעשטעלט. זי האט אים אנגענומען פאר א האנט און האט לאנג און שארף אים ארייננגעקוקט אין די אויגן. זי האט ניט אויפגעהערט צו שמייכלען. נאָר א געלער קאליר האט אנגעהויבן צו באדעקן די הויט פון איר פּאנים, הינטער וועלכן ס'האבן אנגעהויבן ארויסקריכן טונקעלע זומער שפּרינקלעך.

ער האט ארויפגעלייגט זיין האנט אף איר אקסל:

— קום !

און זיי זיינען איבערגעטראטן די שוועל פון טויער.

זיי האבן זיך ניט אפּגעשטעלט ביז דער טיר פון נומער „צוויי און צוואנציק". ער האט זי פאר א האנט געפירט. זי האט מיט שרעק און נייגער אף די זייטן זיך אומגעקוקט. בא דער טיר האט ער איר האנט אפּגעלאזט. ס'האט אפּגעקלונגען דער געעפנטער שלאס, און די אייזערנע רייפן זיינען מאכטלאז אף דער הילצערנער טיר געפאלן. ער האט די טיר אפּגעשטופּט, דעם קאפּ איינגעבויגן, אליין די שוועל איבערגעטראטן, און צו איר די האנט אויסגעצויגן:

— פארזיכטיק...

זי האט זיין האנט אנגענומען, האט זיך אבער בא דער שוועל פארהאלטן, ווי ניט ווילנדיק איבערגעטרעטן די לעצטע זון־גרענעץ, צו דער נאסער טונקלקייט פון צימער.

איז וואס זשע? וועט זי זיך פון זיין האנט ארויסרייסן, און וועט גיך, גיך אוועקלויפן, אהין... וואוהין? וואוהין וועט לויפן די טאכטער פון פארט־ארבעטער ?

אָדער... זיי האבן גענארט, אירע אויגן? און אויב ניט די זון — וואס האבן זיי געזוכט אירע לויכטנדיקע אויגן בא אים, בא דעם זאקן־פּארקויפער, בא דעם „גרינגא", בא דעם אזוי באשראקענעם „רוסא" ?

איצטער איז איר פּאנים שוין אינגאנצן געווען געל. די זומער־שפּרינקלעך פארשוואונדן. די אויגן אויסגעלאשן. דער ווייסער פּודער אף איר פּא־

נים איז אפגעשטאנען ווי אויפגעפלאצטע און אפגעשטאנענע שטיקלעך הויט. ס׳האבן זיך אראפגעגליטשט שטיקער פלייש פון אירע באקן צו דער גאמבע אראפ, און אפן אויבערשטן טייל פאנים אירן, האבן זיך אנגעהויבן מאלן טונקעלע קנייטשן ווי שווארצע אדערן.

וויפל ענלעכקייט אין איר פאנים צו א סאך פון יענע, וועלכע האבן שפּען־לאנג מיט זייערע געאַדערטע, און אויסגעארבעטע הענט — איבערגעווארפן די זאקן פון זיין פעקל, בלויז פון ארעמער גייציקייט וועגן! וויפל קערפערלעכע מידקייט אף איר פאנים! און זי איז דאך יונג...

זי האָט זיך נעסטארעט אויפצושמייכלען און איז איבערגעטראטן די שוועל.

מיט צעעפנטע אויגן האט זי אף די טונקעלע נידעריקע ווענט געקוקט. האָט אריינגעצויגן אין אירע צעשפרייטע נאזלעכער די קאלטע פייכטקייט פון צימער. האָט א קרומען שמייכל געטון צום קארגן ליכט פון קליינעם פענסטערל נאענט בא דער סטעליע, און האט מיד זיך ארומגעקוקט ארום זיך. זי האט זיך צוגעבויגן צום נידעריקן שטרויענעם בענקל, האט עס עטוואס אויפגעהויבן פאר א שפּיץ פון ווענטל, האָט עס צוריק אראפגעלאזט, און אנווייזנדיק אפן איינגעפאלן שמאלן בעטל, געפרעגט:

— מען מעג ?

און ער — ער האָט זיך אזוי אף א נידעריקן הילצערנעם קעסטל געזעצט, פארלייגט די הענט צווישן די קניען, אף איר געקוקט שמייכלענדיק, און נעדולדיק געווארט.

לאנג זיינען זיי געזעסן שווייגנדיקע. ענדלעך האט ער געפרעגט:

— זיך שוין צוגעוואוינט ?

זי האט א שמייכל געטון, דאס מויל געעפנט, און האט גארנישט געזאגט. זי האט ווידער א שמייכל געטון, ווי פארשעמט. און ער האט געפרעגט:

— מען מעג ?

ער האט זיך פארזיכטיק נעבן איר געזעצט, און נאכמער פארזיכטיק איר האנט גענומען צו זיך אף דער שויס און האָט זי אָנגעהויבן גלעטן.

פון דער זייט ארויס, האט זי צו אים א קוק געטון, אזוי ראכמאנעס־

דיק, מיט אזוי פיל ווייטיק, און האט פלוצלונג א ווארף געטון איר קאפ צו זיינע אקסלען, און זיך צעוויינט...

לאנג האט זיך איר קערפער אין קאנוואולסיווע שלוקערצן געווארפן. ער האט שטייף אירע ארעמס אין זיינע הענט געהאלטן. און שטיל, הארציק, ווי פון ערגעץ ווייטע טיפענישן, האט ער צו איר גערעדט:

— אזוי זעט אוים דאס לעבן... אזוי פאר אלעמען... פאר אלעמען, מיין קינד... אויסער איינציקע... יא! איינציקע... בלויז — איינציקע... אזוי זעט אוים אונזער אלעמענס לעבן — אזוי ווילן די איינציקע... וויין ניט... זיי זיינען געוואוינט צו טרערן... אונזערע טרערן זיינען זיי זיס — די איינציקע... מיר וועלן בעסער שעלטן... שעלטן וועלן מיר, און ברעכן... מיר וועלן ברעכן דאס לעבן... מיט מוסקלדיקע צארנדיקע פויסטן, וועלן מיר אויפברעכן דאס לעבן, אט דאס קאלטע פינסטערע לעבן... מיט פייער אין די אויגן... מיר וועלן ניט וויינען... מיר וועלן זיך הארטעווען, און טאנצן — טאנצן פייערדיק, מיט ליכט און צארן אין די אויגן... דו, שטראלנדיק מיידל, דו, טאכטער פון פארט־ארבעטער, ווילדע! שטראל אויף! צינד אן הערצער! זאג זיי: זעט ווי פינסטער איז אייער לעבן—ברעכט עס אויף!...

און דערווארעמט פון זיין אייגענער זעאונג — האט ער זיך פון בעטל אויפגעהויבן, און מיט אויגן שטראלנדיקע, אויסגערופן:

— צעטרייסלט, אט די קאלטע פינסטערע ווענט, צעברעכט זיי, און נעמט אויף די ליכטיקע ווארעמע זון — פאר אלעמען, פאר אלעמען...

מיט אויגן קינדערשע, פארטרוילעכע, לאכנדיקע, האט זי אף אים געקוקט, און מיט סנאפעס ווארעמקייט אים באווארפן.

ווידער אמאל איז זי געווען דאס מיידל פון טויער אף דער מיסטגאס — דאס ווילדע מיידל, מיט די גרינע לאכנדיקע אויגן.

מיט אויגן לאכנדיקע, אט ווי די זון וועלכע טרינקט אוים די לעצטע טראפנס רעגן, האט זי דערציילט:

— נעכטן, בא אונזער אלמאסענערא, דארט אפן ראג, האסט אים קיינמאל ניט געזעען? אזא נידעריקער, גראבינקער, מיט אויגעלעך פארלאפענע, לאכנדיקע פון א זייט ארוים — בין איך נעכטן אהין אריין, א לי־

טער וויין צום מיטיק נעמען. טוט ער מיר אזוי א זאג, ערנסט מיט אנגע־בלאזענע ליפּן:

— איך גראטוליר דיר! — און שטרעקט מיר אויס זיין האנט, א דיי־קע אזא, א פארפעטסטע. האב איך אים אזוי פארוואונדערט אנגעקוקט:

— מיר? גראטולירט איר?

— נו, יא, — ענטפערט ער — צו דיין כאסענע מיט דעם הויכן, מיט דעם... „רוסא"!

און נאָך איידער וואָס ווען, טוט ער מיך א פרעג:

— באם גאלעך, אדער באם „ראבי" מיט דער ציגן־בארד?

איך בין צעטומלט געווארן. איך קוק זיך אום — מענטשן בא טיש־לעך, ווער מיט א גלעזל וויין, ווער מיט ביר, און ווער מיט עפּעס אנדערש — זיינען אזוי מיט די גלעזלעך אויפגעהויבן אין דער הויך, פארגליווערט געווארן, און מיט אפענע מיילער קוקן זיי צו מיר. איך קוק זיך אום צום אלמאסענערא — און בא יענעם האבן שוין די אויפגעבלאזענע ליפּן גע־פלאצט און אויסגעשאטן אין א געלעכטער...

— א סאך געלט מוז ער האבן, דער „רוסא"... — האָט עמעצער בא א טישל געזאגט. און איך האב אזוי מיט דער פלאש אין טיש א זעץ גע־טון:

— כאזער! — האב איך א געשריי געטון צום אלמאסענערא, און בין ארויסגעלאפן אין גאס...

די גאנצע צייט, ווען זי האט גערעדט, זיצנדיק אפן ראנד פון זיין בעטל, איז ער לעבן איר געשטאנען, אראפּגעבויגן דעם קאפּ צו אירע אויגן. און ווען זי האט געענדיקט, איז ער פון איר אפּגעטראטן.

— כאזער? ווער ווייסט!.. אזוי האבן אים דערציילט יענע, די איי־ניקע... דער אלמאסען האט אים ניט געגעבן צייט נאכצוטראכטן. און עפּ־שער איז זיין קאפּ שמאל אף נאכצודענקען... דער „רוסא" האט געלט... נו, יא — אזוי זעט עס אויס, אזוי קען עס אויסזען — דער „רוסא" איז ניט פארשקלאפט אין די טויטע פיר ווענט פון פאבריק, ניט פארשקלאפּט צו א באלעבאס — דער „רוסא" האנדלט דאך...

אזוי האט ער געטאינעט, ארומשפאנענדיק מיט גיכע, קורצע טריט,

איבער דער לענג פון זיין צימער. און פלוצלונג האט ער זיך געגעבן א שנעלן שטעל אפ נעבן איר, האט א כאפ געטון אירע הענט, און פארקוועטשט אין זיינע:

— איך וויל מיט דיר רעדן !

ער האט צוגערוקט דאס נידעריקע שטרויענע בענקל צו אירע קני, און האט זיך אף אים געזעצט. ער האט פארלייגט זיינע הענט צווישן די קניען:

— ווער איז געווען מיין טאטע, ווער איז געווען מיין זיידע, און ווער איז געווען אפילע מיין עלטער זיידע, איך ווייס אפילע פון מיין עלטער־עלטער־זיידן — קיינער פון זיי איז ניט געווען קיין ארבעטער. קיינער ניט... סאכרים. שווינדלער?—מעגלעך. נאר קיינער ניט פון זיי מיט אן אוים־גערעכנטן שלעכטן ווילן. יעדער פון זיי האט יעדן טאג געדענקט וועגן דאס שלעכטס, וואס ער האט געטון, און ניט איינמאל האבן זיי אין שטי־לער טפילע מיט עמעסדיקע טרערן אין די אויגן, געקלאפט אל־כעט!.. וואס האבן זיי גענוג געדארפט טון? זיי האבן אפענע אויגן געהאט. זיי האבן געזען, אז צוזאמען מיט דער אראפדריקונג פון דעם ארבעטער — זינקט אויך דעם ארבעטערס גייסט, ער ווערט פארגרעבט, ער ווערט קולטורלאז... קולטור־לאזיקייט, אם־האראצעס, דאס איז דאס שרעקלעכסטע פאר וואס מען האט אין אונזער מישפאכע מוירע געהאט... נו, און איך... איך בין זייער זון... מיין ברוסט איז פול מיט קלאלעס צו דעם לעבן ארום מיר... איך זע דורך און דורך פארקריפלונג, און יעדער פארקריפלונג קארטשעט מיך צוזאמען אין ווייטיק... איך גאר, איך ברען צו זעען דעם טאג, ווען דאס לעבן וועט צוזאמענגעבראכן ווערן! אבער דערפירן צו דעם וועט דער ארבעטער, דער, וועלכער שפירט די פארקריפלונג אף זיין פלייצע... בא אים, באם ארבע־טער, איז דאס א פראגע פון לעבן, און ניט פון אידעען. און איך... אין מיר רינט דאס בלוט פון מיין מישפאכע...

זי האט אירע הענט אף זיין קאפ ארויפגעלייגט און אים געגלעט. נאכ־דעם האט זי זיך איינגעבויגן, און שטיל אים אין שטערן א קוש געטון.

ער האט זיך אויפגעשטעלט:

— אבער דו, דו, די טאכטער פון פארט־ארבעטער, מוזט אין פאבריק גיין!

— מוזט!.. מוזט צוזאמען מיט אלע ארבעטער אף דיין פלייצע שפירן די בייטש פון לעבן! און איך, א וואנדרער, מיט אויגן אפענע, וועל בא דיין זייט גיין... צוזאמען וועלן מיר דאס לעבן אויפנעמען, און צוזאמען קעגנזייטיק וועלן מיר זיך אויפמונטערן, צום קאמף...

— איך וועל אין א פאבריק גיין !

— מיין פעקל האט אסאך לעבנס דערפארונג — איך וועל דיך לער־נען. און מיט אויגן אנגעצונדענע, וועסטו ארויס אין די גאסן! פאקלען וועלן דיינע אויגן אנצינדן, און א פייער וועט זיך צעשפרייטן...

זי איז אויפגעשפרונגען פון בעטל, איז צו אים צוגעלאפן, און האט זיך צו אים צוגעטוליעט:

— איך וועל זיין אזא, ווי דו ווילסט... גרינגיטא !

אכט טעג איז זי ניט געקומען. יעדן טאג פון די אכט, ווען ער פלעגט די טיר אפשטויסן, און אריין אין צימער — פלעגט ער דאס פעקל בא דער טיר אװעקװארפן, און זיך זעצן אפן נידעריקן קעסטל, פארלייגט די הענט צווישן די קניען, דעם קאפ אראפגעבויגן צו דער ערד. אפט פלעגט ער זיך געבן א הויב אויף, א גיי צו צו זיין בעטל, א זעץ אוועק באם ראנד און פארלייגט א האנט אפן װענטל. ער פלעגט זיך סטארען אויפצולאכן מיט איר געלעכטער. אבער באלד פלעגט ער צוריק אראפשפרינגען און צוריק זיך זעצן אפן נידעריקן קעסטל, מיט אן אראפגעבויגענעם קאפ...

אפן ניינטן טאג איז זי געקומען. דאס איז געװען אין א זונטיק אינ־דערפרי.

צוויי קלעפ לייכטע און שנעלע האבן זיך דערהערט אין טיר. ער איז אראפגעשפרונגען א בארוועסער, און מיט א קישן פארדעקט זיין ביינער־נע ברוסט. ווי א שטורם האט זי זיך אריינגעריסן אין צימער אריין, און צו־זאמען מיט איר — א שטראם פרישע שניידנדיקע לופט.

זי האט געלאכט און געשפרונגען, און פריידיק אויסגערופן:

— ערשט היינט, זונטיק, האב איך באוויזן צו קומען צו דיר צוגאסט.

ער האט זי פארוואונדערט אנגעקוקט, און געזאגט:

— דריי זיך אוים א ווײלע צו דער וואנט... איין רעגע.

נאר זי האט א כאפּ געטון אן עק פונם קישעלע, א ריס געטון, און אוועקגעווארפן אין בעטל אריין. זי האט אים אנגעכאפּט בא די הענט.

— מיר וועלן טאנצן — איך ארבעט אין א פאבריק.

ער האט זי געגעבן א ציִ צו זיך, א דריק צו, און א כאפּ אן פאר די ארעמס. ער האט אף א שפּאן זי אפּגערוקט פון זיך, קעדיי זי צו באוואונדערן.

— אין א פאבריק?

ער האט זי געגעבן א נעם ארום, און האָט זיך מיט איר אוועקגעדרייט אין א ראד.

זי האט א האנט באפרייט און ארויסגענומען דעם קאם פון קאפּ. זי האָט דעם קאָפּ צעשויבערט.

ער האט אנגעכאפּט די שפּיץ פון אירע פינגער, און זיך פון איר דערווייטערט, אוועקלאזנדיק זיך ווידער אין א ראד. איצטער האבן זיי זיך געדרייט אזוי, אז שטייענדיק אין מיטן צימער, האָט יעדערנס קאפּ אנגערירט די קעגנאיבערדיקע וואנט.

זי איז אויפגעשפּרונגען. מיט א געמאכטער בייזקייט האָט זי ארויסגעריסן אירע הענט, זי האט קריגעריש דעם קאפּ פארווארפן, און האט זיך מיט די פויסטן אנגעשפּארט אף דיביינער פון אירע לענדן.

א ווײלע איז ער געבליבן פארלוירן שטיין, ווי פאר א רעטעניש. און ווי ער וואלט די רעטעניש געטראפן, האט ער זיך א לאז געטון צו איר, א נעם געטון איר קאפּ אין זיינע הענט, און זי אנגעהויבן באשיטן מיט קושן. מיט קושן, קליינע און אנגעשאטענע, האט ער באשאטן איר שטערן, אירע ברעמען, די אויגן, די נאז, די ליפּן, די באקן, און ווידער דעם שטערן, די האר פון איר קאפּ, די אויגן...

זי איז געשטאנען, ווי פארגליווערט און ווען ער האט זי אף א ווײלע אפּגעלאזט, אף איבערצוכאפּן דעם אטעם, האט זי איר קאפּ פארבויגן אף זיין ברוסט.

ער האָט זי אנגענומען פאר א האנט, און איז אוועק מיט איר, אין א

גיכן שפּאַן, איבערן צימער; זיי זיינען געגאַנגען, מיט גיכע טריט, הין און צוריק, הין און צוריק. זיי זיינען געגאַנגען לאַנג, פון צייט צו צייט איבערקוקנדיק זיך בלויז, און זיינען ווידער געגאַנגען.

זי האָט אויף אים א קוק געטון מיט מידע אויגן.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

ער האָט פאַרלייגט זיינע הענט אהינטער, און האָט זי גוטמוטיק־שטי־פעריש אָנגעקוקט.

נאָכדעם האָט ער זי א נעם געגעבן מיט איין האַנט, א הויב־אונטער אין דער לופטן. זי האָט זיך א וואַקל געטון, און זיך אויסגעצויגן אין דער לופטן מיט אַראָפּגעהאַנגענע פיס. ער האָט זי צוגעדריקט צו זיין זייט, און איז אַזוי אַוועק מיט איר אין א גיכן שפּאַן.

ער איז מיד געוואָרן. ער האָט זי געגעבן א שטעל אַראָפּ אויף דער ערד.

זי האָט זיך הויך צעלאַכט.

ער האָט בייז אירע הענט צונויפגעדריקט.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, ערנסט, מיט א לאַנגן קוק.

און ער האָט זי פאַר די היפטן אָנגענומען, א הויב־אויף אין דער הויך, און זי אַוועקגעשטעלט אויף זיין טישל.

— ווי ווילד!

— ניט ווילד, נאָר א טאַנץ... דער טאַנץ פון זיג!

אויף דעמזעלבן טישל האָט ער זיך געזעצט. זי — פון דער צווייטער זייט. ער האָט אירע הענט גענומען, און געזאָגט:

— דערציילט, דערציילט פון די טעג דיינע אין דער פאַבריק...

אויפן הויף האָט א האַרמאָניק געשפּילט. שכיינעס האָבן געטומלט. עטלעכע האָבן געזונגען. א קינד האָט געוויינט. א שאַכנטע האָט אַריבערגע־שריגן צו א צווייטער, און א מאַנסביל האָט הייזעריק געשריגן און געוואָרפן עפּעס אָן דער ערד.

ווען זיי זיינען דורכן הויף אין גאַס אַרויס, האָט זי געזאָגט:

— דאָס איז די נייע גאַס פון אַרעמקייט: פון דרויסן ברייט, ריין, ברוקירט, און אינעווייניק — דערשטיקט צו ווערן... אין אונזער גאַס איז מער לופט, אָבער אין דרויסן — שמוץ...

און ער האָט געענטפערט:

— ביידע זיינען זיי גלייך...

אויף אן אומגעוואָרפענעם בוים, אין ווילדן פּאַרק־טייל פון „פּאַלער־מאָ", האָבן זיי זייער פּלאַץ געפונען.

ער האָט געטראָגן א נייעם אויסבינדער, און זיין אַנצוג איז געווען געפּרעסט. זי — א ניי קליידל.

מיט א גלייכן רואיקן טראָט זיינען זיי צום בוים צו.

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט, א שמייכל געטון, און זיך געזעצט.

זיי האָבן געקוקט אין דער טיפער ווייט. זיי זיינען געזעסן צוזאַמענ־געפּרעסט, און געקוקט רואיק, פאָרויס. עס האָט אויסגעזען, ווי ביידע וואָלטן געקוקט מיט איין פּאָר אויגן.

ער האָט איר האַנט גענומען, זי האָט אן אָרעם אויפגעהויבן צו זיין אַקסל.

ער האָט געזאָגט:

— איך קוק, און זע גאָרניט... אפשר ווייסן מיר באַשטימט, וואָס פאַר אונז גייט, וואָס ס'וועט קומען — אָבער זען — זען מיר ניט... אָבער איך דאַרף ניט זען... איך שפּיר דיך בא מיין זייט, און ס'איז מיר גוט צו גיין מיין וועג...

און זי האָט געענטפערט:

— איך קוק אויף דעם וועג, וואוהין דיינע אויגן זיינען געווענדעט. זע איך דען ניט גוט? דיין האַנט פירט מיך, און איך שפּרינג, איך טאַנץ...

זיינע ברעמען האָבן זיך צוזאַמענגערוקט, און נאָך א ווײַלע שווייגן — האָט ער געזאָגט:

— ניט דאָס איז דער וועג! צווייען אין איין וועג, קענען ניט גיין... דער שקלאַף גייט אין די טריט פון זיין באַלעבאָס. פרייע מענטשן גייען מיט פאַרשידענע וועגן... צו איין ציל — דאָ איז דער אינהאַלט.

זי האָט אים אָנגענומען באַם אויער:

— איך ווייס דיין ציל...

און ער האָט איר געזאָגט:

— דאס צימער איז ניט מיינס — עס איז אונזערס... איך בין א וואנ־דערער, און דו — א פאבריקס מיידל. פארשידן זיינען די וועגן, אבער איי־נער — דער ציל... דער ציל וועט אויספילן אונזער צימער... און וועט איי־נער פון אונז דעם ציל פאראטן — — —

זי איז פון בוים אראפגעשפרונגען, און האט אים ביידע הענט אויס־געשטרעקט:

— איך שווער דיר אף מיין גאנץ לעבן!

דאן איז ער אויך אראפ פון בוים, האט צוזאמען מיט אירע הענט, אויך זיינע אין דער הויך אויפגעהויבן, און האט געזאגט:

— איך שווער, מיין גאנץ לעבן — פאר א ניי לעבן, פאר א בעסערס, פאר א ריין מענטשלעך לעבן!

זי האט אף אים געקוקט מיט אויגן, פול מיט ליבע.

ער האט איר קאפ אנגענומען מיט זיינע ביידע הענט, האט איר א קוש געטון אין די ליפן, און האט איר געזאגט:

— מיר האבן כאסענע געהאט, פון היינט אף אייביק!

❁ ❁
❁

דאָס מענטשל,
וואָס האָט געוואַרט...

זייער מערקווירדיק האָט דאָס אויסגעזען.

ווען דאָס אויג וואָלט געקענט אויסטיילן דעם גאַנצן אַרום און זיך אָפּ־שטעלן בלויז אויף דעם ווענעלע, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַן אומגעלומפּערט קעסטל צוזאַמענגעקלאַפּט פון אַ קינדערשער ניט פּעאיקער האַנט, און אויף דעם נידעריק ־ איינגעפאַלענעם פערדל, וואָס איז געווען אַ זייער געלונגענע פּאָר מיט זיין באַלעבאָס, אָט דעם מיט די אונטערגעהאַקטע פיס, וועלכער איז געשטאַנען אויף די קניען און האָט געקוקט מיט אָפענע טמימעסדיקע אוי־גן אַפן אַרום, ווי איינער, וואָס האָט זיך גאָר וואָס אויפגעכאַפּט פון שלאָף — עפּשער דעמאָלט, וואָלט יענער דערזען פאַר זיך אַ טראַגעדיע. די טראַ־געדיע פון יענע, וואָס קלאַמערן זיך אָן לעבן, ווי גאָסן קינדער אויף הינטער־שטע רעדער פון אַ דורכפאַרנדיק פורל. און בעעמעס, וואו האָט איר עס גע־זען אַ פערדל, וואָס זאָל זיין בלויז עטוואָס גרעסער פון אַ ציג, אַ ווענעלע פון צוויי אָדער דריי צוזאַמענגעקלאַפּטע קעסטלעך פון זייף אָדער משווע־קעס, און אַ באַלעבאָס איבער דעם — אַ מענטש אָן פיס, וואָס קוקט אַפן לעבן בלויז פון די קנעכל ־ ביינער פון זיינע קניען?

היינט די סכוירע, וואָס ער האָט דאָרט אין ווענעלע געהאַט! אַ פּאָר בינטלעך גרינס, וואָס זיינען גסיסעדיק געלעגן מיט אַראָפּגעלאָזט ־ פאַר־שמאַכטע בלעטלעך, אַ צוויי־דריי פּאָמידאָרן, וואָס האָבן געשטשירעט קעגן דער זון מיט אַרויסגעקראָכענע געדערים, און אַ פאַרדאַרט פּאַמעראַנצל, עפּעס אַ לעץ, וואָס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געלאַכט פון דער גאַנצער וועלט. און ניט מער.

מיט אַזאַ ביסל סכוירע, אויף אַזאַ פערד און ווענעלע, האָט זיך עס אַזאַ פאַרשווינדל אָפּגעשטעלט פּונקט אין די נאָכמיטיק שאָען, אויף איינער פון די

פארפולטסטע און באַלעבטסטע פּלאַסעם פון דער שטאָט בוענאָס איירעס און, האָט געוואַרט.

אויף וואס האָט ער עס געוואַרט אין די נאַכמיטיק־שאָען מיט אזא בינטל סכוירע, אויף אָט אזא פּלאַסע?

די פּילפּאַרביקע, שטענדיק יאַגנדיקע מאַסע, וועלכע האַט יעדע רעגע מיט שטאַרקע שטוים־שטראָמען אַרויסגעשאָסן פון די אונטערערד ־ באַנען אויף דער פרייער גאַס אַרויס, האָט זיך אַפּגעשטעלט און געשמייכלט. אַזוי פיל זון, אַז ראַכוועס, אַזא טומל און אַזא געיעג און דאַ, איינער — ווי אַ קינדער־שפּילעכל אין דער מיט גאַס. אָט באַלד וועט עמעצער אונטערקומען, וועט האַלטן אַ קורצע רעקלאַמע דראַשע, וועט זאָגן דעם פּרייז, אויף וועלכן דאַס איז צום קויפן, און וועט דעמאָנסטרירן: ער וועט אַריינשטעלן אַ שליסל אין אַ זייט פון וועגעלע, וועט עס אָנדרייען און דאָס פערדל און וועגעלע, צו־זאַמען מיטן מענטשל וועלן זיך אָוועקדרייען, צושאַקלענדיק מיט זייערע קעפּ אין טאַקט...

אַזוי קאַמיש! מענטשן האָבן געלאַכט. זיי האָבן געוויזן מיט זייערע פינגער. זיי האָבן אַפּגעריסן רעגעס פון זייער אַזוי ־ וויניקער צייט און זיי־נען געבליבן שטיין צו זעטיקן זייערע אויגן.

איין מענטש נאָר, וואָס האָט זיך דעם פאַרגעניגן ניט געקענט דערלויבן — דער „וויבילאַנט". מיט זיין האַרטער ערנסטער שטאַלצקייט איז ער צו־געגאַנגען מיט געמאַסטענע טריט צו דעם קליינעם מענטשל, וואָס איז גע־שטאַנען אויף די אונטערגעהאַקטע קנעכל ־ ביינער פון זיינע קניען, האָט אויסגעצויגן די האַנט צום פערד־און־וועגעלע און האָט קורץ און שאַרף באַ־פוילן:

— אוועק פון דאַנען!

דאָס קורצע מענטשל האָט זיך גאָר ניט געקליבן פּראָטעסטירן, אָט גלייך, ווי ער וואָלט שוין לאַנג געוואַרט אויף דעם באַפעל. ער האָט זיך צוגע־רוקט צו די פאָדערשטע רעדער פון זיין וועגל און האָט אויף זיי פאַרלייגט זיינע הענט.

אָרעם מענטשל! ער איז געווען נאָך נידעריקער פונם דעק פון זיין איי־נענעם וועגעלע.

צוויי ארעמע קינדער האבן זיך אדורכגעשטופּט פון צווישן דער פיל־פארביקער מיט זון־באגאסענער, מאסע, און האבן דאס נידעריקע מענטשל אונטערגעהויבן פאר די ארעמס. איז עס געקראכן ,דאס מענטשל, אף אלע פיר. קוים־קוים זיך אוועקגעזעצט.

די נאסן באוועגונג איז פארהאלטן געווארן. פון אלע ווינקלען האבן גע־הודיעט אויטאס. די עקן פון די שטיין געבליבענע טראמווייען האבן זיך אנ־געהויבן צו אויסציען אלץ לענגער און לענגער. א שטאלצער און באליידיק־טער האט זיך דער „וויכילאנט" אומגעקערט צו זיין ארט, מעסטנדיק די טריט מיט זיינע שווארץ ־ גלאנציקע שטיוולעטן.

דאָס מענטשל האָט א צי געטון מיט די לייצעס איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאל. דאס פערדל האט זיך געשטארקט, זיך אנגענומען מיט קויכעס, א שלעפּ געטון דאס וועגל פון אָרט — —

הימל און ערד! אפילע רעדער האָט דאס וועגל ניט געהאט קיין גלייכע.

דער אוילעם האט נעקייכט פון געלעכטער. דאס וועגל האט געהונקען אף די זייטן — אָט־אָט און ס'וועט זיך איבערקערן.

דאס מענטשל איז זיך גאנץ קאלטבלוטיק געזעסן אף זיין וועגל און האט געצויגן מיט די לייצעס. ניט ער האט זיך ארומגעקוקט, ניט ס'האט אים געארט וואס ארום־און־ארום אים יאָגט די באוועגונג — אָט־אָט און זי וועט אים צערייבן אף פּיצלעך.

מיט דער זיכערקייט פון אן ארעמאן, האט זיך דאס וועגל רואיק גע־שלעפּט בא דער זייט פון דער גאַס.

ווידער רואיק. הינטיש האט זיך די גאס צעליינט און זיך געטוליעט אין זון. בלויז פון די פינסטערע מיילער פון דער אונטערערד־באן האט עס אלע ווײלע ארויסגעשטויסן, צעיאגט און פאנאנדערגעשפּרייט פילפארבי־קע מאסן, יאגנדיקע מיט צעשפּרייטע נאזלעכער און פאנאנדערגעעפנטע אויגן.

אהין, ארויפצו, באם צווייטן עק פלאסע, האָט א צווייטער שטאָלצער „וויכילאנט", צוגעמאסטן זיינע טריט צום מענטשל. מיט א הויב די האנט

האט ער דאס פערד־און־וועגל אפגעשטעלט אין גאנג.

— צוריק! ניטא קיין דורכגאנג.

דאס מענטשל האט עס נאך געוואוסט פון פריער — ער ציט שוין די לייצעס אף צוריק.

די דריי קעסטלעך זייף אדער טשוועקעס קרעכצן. דאס פערד טוט, וואס אין זיינע קויכעס לינט — עס קערט זיך שוין אפילע מיט א זייט, אבי גאווירן. דאס מענטשל ציט...

מיט דער זיכערקייט פון אן ארעמאן — — —

מיט צעשפרייטע לאפעס טוליעט זיך די גאס אין זון. בלויז פון די פינסטערע מיילער פון דער אונטערערד־באן — — —

דאס מענטשל איז זיך גאנץ געמיטלעך צוגעפארן פונקט צום זעלבן ארט, פון וואנען מ׳האט אים נאר וואס דורכגעטריבן. ער האט גאנץ באלע־באטיש אפגעשטעלט דאס פערדל, אפגעלאזט די לייצעס און האט אף אלע פיר אנגעהויבן אראפצוקריכן פון וועגל.

ער איז געשטאנען אף דער ערד מיט זיינע אונטערגעהאקטע קני־ביינער און האט טמימעסדיק געקוקט אפן ארום ווי איינער, וואס האט נאר וואס געעפנט די אויגן פון שלאף.

דאס פערדל, עטוואס גרעסער פון א ציג האט טיף געאטעמט מיט די זייטן.

דאס בינטל נרינס אין וועגל האט שוין אנגעהויבן צו דארן. די צוויי פא־מידארן האבן שוין אויך אויסגעהויכט די נעשאמע. בלויז דאס איינגעדאר־טע פאמעראנצל, דאס לעצל, האט נאך אלץ אויסגעזען ווי עס וואלט געלאכט פון דער וועלט...

דאס מענטשל האט געווארט...

אין אַ שטעטל

אינם קליינעם שטעטל פ. ד. ט. טומלט זיך — דער טערקישער קרע־מער, נאזור איבראאים, איז אוועקגעפארן אין דער גרעסערער שטאָט פ. זיך קלאָגן אפן קאָמיסאר פון שטעטל.

נאזור איבראאימס קלייט איז איינע פון די עטלעכע וואס דאס שטעטל פארמאָגט. זי שטייט מיט דער פלייצע צו דעם גרינעם, געדיכט־געקרייזלטן וואלד, וואס נעמט ארום דאס שטעטל, און מיט א זייט צו דער נידעריקער און לאנגער שול־געביידע, וואס איז באדעקט מיט שטרוי.

אנטקעגן דער האלב־אויסגעבויגענער טיר פון דער שול־געביידע הויבט זיך אויף, ווי א פינגער איבער א פארמאכט מויל, א הויך־הויכער סלופ מיט אן אראפגעבויגענעם קופערנעם גלאָק אפן שפיץ.

איז, ווען מען שטעלט זיך הארט אוועק לעבן אט דעם סלופ און מען גיט עטוואס א צי אוים דעם קאָפ, דערזעט מען אין דער האלבער פינסטער־ניש פון איבראאימס קלייט, ווי א טונקל־נידעריקער פארשוין, מיט א קורצן שטערן און קורץ געשניטענע האָר, ווארפט אפן לאנגן פארקויף־טיש פאנאנ־דער, שווערע שטיקער פון העל־געבלומטע פרויען שטאָפן.

דאס איז איבראאים נאזור אליין.

איבראאים נאזור איז א מענטש א שווייגנדיקער און פארביסענער. די פרייזן פון זיינע סכוירעס זיינען ניט קיין הויכע, און ער האָט בעסער ליב צו מעסטן און שניידן, ווי צו רעדן. ער האָט אויך ליב, אז יעדער זאל זיך פארנעמען מיט זיינס. דעריבער איז זיין ווייב, אימענא, פון דעם ערשטן יאָר נאָך דער כאַסענע אָן (אינדעם איז שוין א יאָר צען) אוועק אין קיך.

אימענא איז א הויכע און דארע, מיט געלע פלעקן אף איר גרינלעכן פאָנים. און אזוי ווי אלע ניין כאהאָשים פון יעדערן פון די צען יאר, איז אימענעם בויך הויך און קיילעכדיק — קומט איר אוים צו שטיין איבערגע־

בויגן איבערן גרויסן קופערנעם טאָפּ און מישנדיק מיטן גרויסן קאָך־לעפל, אויסעסן זיך די אויגן פון אויסגעפּאַרעטן עסן און שטיקענדיקן רויך.

איבראאימס קינדער, פינף אין צאָל (דריי האבן זיך געפעלט און איינס איז נאָך ניט פארטיק), שפילן זיך אין עק פונם לאנגן און פוסטן הויף, וועלכער פאלט בארג אַראָפּ אין א שטייענדיק וואסער, וואו בעהיימעס שטייען ביזן בויך פארזונקען און הערן זיך פארטיפט צו, ווי פליגן בייסן די הארט־ברוינע הויט פון זייערע אָנגעצויגענע הינטנס. די ריטשקעלעך, וואס זיינען פארגליווערט בא איבראאימס קינדער צווישן נאָז און מויל, גלאנצן זילבער־מאַט קעגן דער זון. פון אין דער פרי ביז שפּעט אף דער נאכט גראָבן די קינדער שטיל, מיט דינע שטעקעלעך, אין דער ערד, און פון דער ארויסגעגראבענער ערד מאכן זיי פארשפּיצטע קוגעלעך.

זיי זיצן בא זייער ארבעט פונקט אזוי שטיל און פארביסן, ווי זייער טאַטע איבראאים נאזור, באַם פארקויף־טיש מיט דער פיר־קאַנטיק הילצער־נער מעטער־מאָס אין די הענט.

איבראאים נאזור האָט געהאט בעשבוינעם מיטן קאָמיסאר פון שטעטל. פון יענע בעשבוינעס, זאגט דער קאָמיסאר— א הויכער יונג מיט ברייטע פּלייצעס און הויכע שטיוול — פון יענע בעשבוינעם, איז איבראאים נאַזור געבליבן שולדיק דעם קאָמיסאר העכער הונדערט מיט פופציק פעזאס. אזוי מאָנט דער קאָמיסאר, דרייענדיק צווישן די פינגער א בינטל מיט שליסלען און בלאָזנדיק מיטן דרייפאלדיקן גוידער, וועלכער הענגט אראָפּ איבער דעם פאנאנדערגעשפּיליעטן טונקל שאקאלאדנעם העמד, וואס איז ארומ־גענומען מיט א ברייטן שווארצן פּאַס, באזעצט מיט געווער־קוילן.

דער קאָמיסאר, דאן כואן גאָמעז, איז א אינגערער זון פון דאָן רודאָלפאָ גאָמעז, דער פּריוואט סעקרעטאר פון גובערנאטאר פון דער גרעסערער שטאָט פּ.

און ניט קוקנדיק אף דעם, וואס דער קאָמיסאר פון שטעטל איז דער אינגערער זון פון דעם פּריוואט סעקרעטאר פון גובערנאטאר פון דער גרע־סערער שטאָט פּ. — איז שוין געווען דער פאַל, ווען דאס גאנצע שטעטל האָט געקליבן כסימעם און אוועקגעשיקט א דעלעגאציע אין דער שטאָט פּ. קעגן קאָמיסאר. דער קאָמיסאר אליין, האָט זי באגלייט צו דער באן און דריי־

ענדיק מיטן בינטל שליסלען צווישן די פינגער, האָט ער איר, לאַכנדיק גע־וואונטשן א גליקלעכע רייזע.

פון יענער געשיכטע מיט דער דעלעגאַציע — דערציילט מען — איז אויסגעבראכן א קריג אין דער שטאָט פּ. צווישן פּאָליציי שעף און גובער־נאַטאָר און זיך געענדיקט מיט פּעטש אין פּאַרלאַמענט פון דער הויפּט־שטאָט.

אזוי דערציילט מען.

נאָך יענער מאיסע מיט דער דעלעגאַציע, זוכט דאס שטעטל אויס־צומיידן דעם קאָמיסאַר.

אָבער איבראַאים נאַזור איז געבליבן שולדיק דעם קאַמיסאַר העכער הונדערט מיט פופציק פעזאָס. אזוי זאָגט דער קאַמיסאַר.

איבראַאים נאַזורס ברעמען זיינען צונויפגערוקט. ער שווייגט, און איז מוחל דעם קליענט, דעם קאָמיסאַר דאָן כואן גאָמעז, עמיצן אנדערש.

מאכט זיך אזא געשיכטע. —

דער „ארטיסט", א ווילדער פלי־סויכער, האָט אָנגענומען בא איב־ראַאים נאַזורן אַף העכער צוויי הונדערט מיט פופציק פעזאָס סכוירע און וויל דעם כויוו ניט באַצאָלן.

דער „ארטיסט" איז אין שטעטל פון די פרישע. איינגאַנצן א פּאָר יאָר. געקומען איז ער, ווערליק ער האָט זיך דעמאָלט פּאַר אלעמען פאַר־געשטעלט, פון דער הויפט שטאָט, וואו ער, צוזאמען מיט זיין ווייב, האבן געשפּילט טעאַטער.

צו ארטיסטן איז דאס קליינע שטעטל פּ. ד. ט. ניט געוואוינט געווען, דעריבער האָט עס מיט אביסל אומצוטרוי געקוקט אַף דאס נייע פּאָרל. די שטעטלדיקע האבן מיט א באַהאַלטענער מוירע געהערט דעם ארטיסט טרוקן־הייזעריקע שטימע און האָבן אויסגעמיטן זיין לאַנג צערונצלט פּאָנים. ווען דעם ארטיסטס ווייב איז געזעסן אין דרויסן מיט א שפּיגעלע אין האנט און גע־שמירט דאס פּאָנים מיט פּודער, האבן זיי פון ווינקלען ארוים געקוקט, האלב שעמעוודיק און האלב פרעך־שמייכלענדיק, אַף דער ווייסער הויט פון דער ארטיסטינס פיס, וואס האָט ארויסגעלויכטן פון הינטער איר קורץ קליידל, איבער אירע ברייטע בלאָע זאָקן בענדלעך. זיי האבן געקוקט פון ווינקלען

ארוים און האָבן זיך צוריק באהאַלטן מיט א פארשטיקט געלעכטער, ווען זי האָט מיד אראפּגעלאָזט די האנט מיטן שפּיגעלע און אירע אויגן האבן — קעלביש פארטראכט — געקוקט, איינס קיין צאָפן, דאס אנדערע קיין האָרעם.

ווען דאס שטעטעלע האָט אָבער א פּאָר מאָל געזען, ווי דער קאמיסאר אליין פארנויגט זיך פאר איר, און זי, ניט אויפהויבנדיק זיך פון בענקעלע, שטעקט אים אוים איר דין הענטל און נויגט אָפּ דעם קאָפּ אף א זייט מיט א דין געלעכטערל, — האָט דאס שטעטל זיך צוגעוואוינט צום ארטיסטישן פּאָרל און די „ארטיסטן" זיינען אויפגענומען געווארן פאר טוישווים.

איצטער האָט דער „ארטיסט" אָנגענומען בא איבראַאים נאזורן אף העכער צוויי הונדערט מיט פופציק פּעזאָס סכוירע און וויל דעם כויוו ניט באצאָלן. ער שיקט איבראאימען צום קאמיסאר. —

— אז דער קאָמיסאר וועט הייסן, וועל איך צאָלן...

אָבער איבראאים איז צום קאמיסאר ניט געגאנגען:

— בא מיר האָסטו גענומען סכוירע, מיר דארפסטו באצאָלן...

געגאנגען איז איבראאים צום קאָמיסאר צוליב א גאנץ אנדערן איניען. דער קאנקורענט, וואס האָט זיך געשטעלט קעגן איבראימען, צאָלט ניט קיין פּאַטענט און האלט אָפן דאס געשעפט ביז צוועלף אזייגער באנאכט, און איבראאים צאָלט יאָ א פּאַטענט און מען צווינגט אים צו פארמאכן דאס געשעפט פונקט אכט אזייגער. טאינעט איבראאים, אז ס'איז ניט יוישער־דיק, אלץ דארף זיין נאכן געזעץ נאָך. אבער דער קאמיסאר דרייט מיטן בינטל שליסלען צווישן די פינגער און לאכט:

— נוטע צייטן, אז א טערק לערנט מיך געזעצן...

איז איבראאים נאזור אוועק צום „ארטיסט" און געפרעגט אולטי־מאטיוו:

— באצאָלסט דעם כויוו, אָדער ניט?

האָט דער „ארטיסט" געלאכט:

— באם קאָמיסאר... באם קאָמיסאר וועל איך צאָלן.

מער האָט שוין איבראאים ניט געקענט אויסהאלטן, ער האָט א געשריי געטון:

— וואו געפינען איך זיך? אויף א מערדער־אינזל, צי וואס? העפקער איז דאָ, צי וואס?

ער האָט א קריץ געטון מיט די ציין, איבראַאים נאזור, און א פינקל געטון מיט רויט אויפגעלאָפענע אויגן. בא דער טיר האָט ער א שטאַרקן שאָקל געטון מיטן פינגער איבער דער לופט:

— איך וועל אייך ווייזן!... מיטן קאָמיסאַר...

און איז ארויס.

דאס איז געווען אזייגער צען אינדערפרי.

ארום דריי־פיר אזייגער באַטאָג, האָט קאַרלאָס שנעקס זון, אָט דער שנעק, וואס האָט דעם גרעסטן אַלמאַסען אין שטעטל, האָט זיין זון, וואָל־דעמאַר, נאָכן אויסשרייען א פּאָר מאָל, דערהאַרגעט א פּעאָן זייערן, מיט א קויל אין האַרצן. דאס איז געווען אפן ברייטן אפגעצאַמטן הויף, הינטער דער נייער אויסגעשפּאַנטער בריטשקע, צווישן קופּעס פערדיש מיסט. דער אַר־בעטער האָט צעטומלט א מאַך געטון מיט די הענט און איז אנידערגעפאַלן מיט צעשפּרייטע פיס אויף די קופּעס מיסט, און וואָלדעמאַר איז א בלייכער, מיטן רעוואָלווער אין האַנט, אריין אין שטוב.

אויף וואָלדעמאַרן מיטן בלייכן פּאָנים און מיטן רעוואָלווער אין האַנט, האָט זיך צוערשט אנגעשטויסן די הויכע דינסט כאַסעפּאַ, מיט א גרויסן שוואַרצן צאָפּ־האָר פאַרקעמט אויף הינטן אין א קאָק. זי האָט א קוק געטון אויף וואָלדעמאַרס האַנט און האָט זיך א צאַפּל געטון אויף צוריק, פאַרשטעלנ־דיק דאס פּאָנים מיט ביידע הענט. זי האָט צעטומלט אויסגעשריגן:

— מאַמע!...

און באַלד נאָכדעם:

— ראַטעוועט!

הינטער איר איז אונטערגעקומען דאָניא עאוכעניא, וואָלדעמאַרס מו־טער, א נידעריקע פרוי, א דראָבנינקע, מיט דראָבנע קנייטשעלעך ארום די אויגן און ליפּן. זי האָט שאַרף א קוק געטון אויף וואָלדעמאַרן, אויף וואָלדע־מאַרס האַנט און אירע בלייכע ליפּן זיינען וויים געוואָרן. זי האָט א כאַפּ געטון די דינסט כאַסעפּאַן פאַר א זייט און א שטאַרקן שטויס געטון אויף צוריק. זי האָט א טופּע געטון מיט איר דראָבנע פּיסל:

— אין קיך זאלסטו מיר אריין, די רענע!

זי האָט א נעם געטון וואלדעמארן פארן האנט:

— וואס האסטו געטון?

וואלדעמאר האָט ניט געענטפערט. ער האָט נאָר א מאך געטון מיטן קאָפּ צו דער טיר. דאן איז דאניא עאוכעניא צוגעגאנגען צו דער טיר, האָט א פיר געטון מיט די אויגן איבערן גאנצן הויף און זיי אָפּגעשטעלט אויף דעם אר־בעטער, וואס איז געלעגן צעשפרייט אויף קופעס פערדיש מיסט, מיט א פארבייגטן קאָפּ און א פארלייגטער האנט אפן ברוסט־קעסטל. זי האָט זיך א ריס געטון צו וואלדעמארן:

— אויף טויט?

זי האָט באַ אים א ריס געטון דעם רעוואלווער, א קנאַק געטון מיטן שלאָס און האָט איבערגעציילט די קוילן, זי האָט געשטאַמלט:

— איין קויל נאָר, נאָט מיינער... איין קויל נאָר...

זי האָט צוריק ארייגערוקט דעם רעוואלווער אין וואלדעמארס האנט און האָט אים אָנגענומען פאר ביידע ארעמס. זי האָט אים געטרייסלט:

— זון מיינער! ניט ווילנדיק... עמעס, ניט ווילנדיק? דו האסט גע־האלטן דעם רעוואלווער און פרובירט... און ער האָט זיך אונטערגערוקט... דו האסט ניט געוואוסט, אז דער רעוואלווער איז געלאָדן... עמעס, דו האסט ניט געוואוסט? און דער רעוואלווער האָט אויסגעשאסן... ניט ווילנדיק...

דאָניא עאוכעניא האָט פארלוירן דאס געדולד. זי האָט אים א שטארקן טרייסל געטון און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי אויסגעשריגן:

— וואס שטייסטו ווי א אידיאָט! הערסט ניט, וואס איך רעד צו דיר? ניט ווילנדיק!.. ניט ווילנדיק!..

אירע גרויע אויגן האבן דורך טרערן זיך געפרייט, זי האָט אויסגע־קנאַקט אלע צען קנעכלעך פון אירע פינגער און זי האָט געשטאמלט:

— ס'אר א גליק, וואס נאָר איין קויל... נאָר מיינער, נאָר איין קויל פעלט...

דאס איז געווען אזיינער פיר באטאָג.

די זון האָט זיך אלץ מער און מער געדוקט אויף הינטער דאָמינגאָס, די אלמאָנע פונם פארשטאָרבענעם כאָסע - פערעסעס, ראנטשע און

האָט ווי מיט א שפּיגל אָפּגעגלאַנצט אַף דער פאַראייניזאַמטער וואַקזאַל־געביידע, וואָס איז געווען, ווי א בעטלער־באָרד אין האַריקן בוזעם, פאַרזונקען אין שלאָף.

נאָכדעם האָט די זון אַרויסגעקוקט מיט א האַלב רויט אויג פון אַף הינטער דעם געדיכטן גרינעם וואַלד און האָט זיך רויט אנגעשפּיגלט אין שויב פון קאַרלאָס שנעקס שלאָף־צימער, צו וועלכער ס'האָט זיך פון דער צווייטער זייט ווייך־קעציש געטוליעט א ווייס־זיידן פאַרהענגל.

צוויי בריטבייניקע אינדיער האָבן מיט שמוציק באַרוויסע פיס איבערגעטראָטן די שטאָל־גלאַנציקע שינעס, און האָבן זיך דערנענטערט צום צוים פון שטעטל, וועלכער איז איצטער געווען פאַרוקט מיט פיר ווייס־געהובלעוועטע קלעצער. אַף זייערע קעפּ זיינען געלעגן ברייטע שטרויענע היט אין דער פאָרם פון א כינעזישן דאַך, אַף זייערע אַקסלען זיינען געהאַנגען, ווי אַף צום אויסטריקענען, ברייטע שוואַרצע רעקלעך מיט מענגעס לאַנגע אַרבל און דורך די גרויע געלעכערטע הויזן האָבן זיך אַרויסגעזען מיט בלאָטע אנגעוואַקסענע בייניקע קניעס.

אַרום דער וואַקזאַל־געביידע איז אויסגעוואַקסן א הויכער אינדיער. די שוואַרצע האָר זיינען אַראָפּגעהאַנגען איבער זיינע ברייטע אַקסלען ווי אַן אויסגעקלאַפּט שטיק בלעך, און באַם שטערן זיינען זיי געווען אַרומגענומען מיט א דין שטריקל.

ער איז אַרויסגעוואַקסן באַ דער וואַקזאַל געביידע, האָט אויפגענומען אַף זיינע גלאַנציק שוואַרצע האָר דעם לעצטן ראָזן אָטעם פון זיך אויסלעשנדיקן טאָג און איז פאַרשוואונדן.

אפן גלאָט אויסגעקערטן הויף פון ראַמאָן גאָנסאַלעז פּאָנדע האָט זיך א טונקל גראָע זשאַבע אויפגעהויבן אַף אירע געבויגטע הויכע פיס, האָט א שפּרונג געטון און איז געבליבן אפן בויך ליגן מיט דער פאַרשפּיצטער גאָמבע אַרויף, זוכנדיק אפן הימל דעם ערשטן שטערן.

ראַמאָן גאָנסאַלעז האָט אָפּגעוואַשן דאָס פּאָנים, פאַרקעמט די האָר, פאַרדרייט די שפּיצן וואַנצעס אַף אַרויף און האָט אָנגעהויבן אָנצופּאָמפּען גאַז איז לאָמפּ.

ראַמאָן גאָנסאַלעז פּאָנדע איז געשטאַנען פאַרוקט אין שטעטל, קימאַט

ווי אָנגעשפּאַרט אין גרינעם וואַלדס פּלייצע. אַ לאַנגע געביידע, אַ נידעריקע, איז זי באַשטאַנען פון צוויי מיט אַ האַלבן צימער און אַ באַזונדער קליין קיכל אַפן הינטערשטן הויף. די געביידע איז געווען אויפגעשטעלט פון ערד, פאַרקאַלכט פון דרויסן אַף ווייס, און דער דאַך געדיכט אויסגעלייגט מיט שטרוי.

האָט ראַמאָן גאָנסאַלעז, האַלטנדיק אין איין האַנט דעם לאָמפּ, אויס־געפּרובירט מיט דער צווייטער דעם האַק אין וואַנט, צי ער זיצט פעסט, האָט נאָך אַ צי געטון דעם אויסגעשניצטן הילצערנעם טעצל אַף אַ צווייטן פּרוּוו, און אוועקגעשטעלט אַפן טעצל דעם שפּיציקן פאַרשפּרינקלטן לאָמפּ. איצטער האָט ער זיך גענומען צוגרייטן די טישן.

אײנגאַנצן איז בא ראַמאָן גאָנסאַלעזן געווען די פּאָנדע נאָר אַ צוגאָב. ער איז כוידעש און כוידעש געפאַרן אין שטאָט פּ. אָפּנעמען זיין פּענסיע, וואָס ס'האָט אים געקומט ווי אַן אויסגעדינטן פּאָליציי־אַגענט. דעריבער האָט ראַמאָן גאָנסאַלעז זיך באַנוגנט מיט די עטלעכע פּענסיאָניסטן, וואָס ער האָט געהאַט — דעם קאָמיסאַר, זיין געהילף, דאָס פּאָר פאַלק ,,אַר־טיסטן", אַ קאַצעוור־געזעל און אַ באַן אָנגעשטעלטן. ער איז געווען קימאַט ווי צופרידן. און טאָמער איז נאָך אַמאָל צוגעפאַלן אַ דורכפאַרנדיקער אויך — האָט מען אין דרויסן אויסגעלייגט אַף אַ פּאָר הילצערנע פּיס אַ ברייט ברעט, אויסגעלייגט דערויף אַ קאָלטשאָן, פאַרצויגן מיט אַ ליילעך, און — אונטערן פרייען הימל שלאָפט זיך געשמאַקער.

צום ערשטן איז געקומען דאָס ,,אַרטיסטן פּאָרל". זיי האָבן אַ שנאָרע געטון בא די טישן. פון איין טיש האָבן זיי אַרויסגענומען אַ פּאָר ציין שטע־כער, בא אַ צווייטן האָבן זיי באַטאַפּט דאָס ברויט און באַם דריטן האָבן זיי געביטן די מעסערס. זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט בא זייער טישל, איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן, און האָבן זיך שטום אָנגעקוקט.

נאָכדעם זיינען אָנגעקומען דער קאַצעוור־געזעל מיטן באַן־אָנגעשטעלטן. זיי האָבן פאַרנומען זייער טישל.

ראַמאָן גאָנסאַלעז האָט געטראָגן אין אַ בלעכענער וואַזע, זופּ צו די טישן.

דער ,,אַרטיסט" האָט, קייענדיק אַ פּרעג געטון:

געשטאָרבן?

קיינער האָט ניט געענטפערט.

דאן האָט ראמאן גאַנסאלעז איבערגעפרעגט:

— געשטאָרבן?

דער קאַצעוו־געזעל, איבערגעבויגן איבערן טעלער און טראגנדיק דעם לעפל צום מויל, האָט געענטפערט:

— באלד אפן אָרט...

אינדעם זיינען אריין דער קאמיסאר מיט זיין געהילף. דער „ארטיסט" האָט זיך א שאר געטון אף זיין בענקל. דעם „ארטיסטס" ווייב האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אירע אויגן האבן א קוק געטון — איינס קיין צאָפן, דאס צווייטע קיין דארעם.

— גוטן אפעטיט...— האָט דער קאמיסאר ברייט געזאגט, און זיך אוועקגעזעצט אף זיין ארט.

— גוטן אפעטיט... — האָט שטיל נאָכגעזאגט זיין געהילף, און זיך אוועקגעזעצט נעבן קאָמיסאר.

דער „ארטיסט" האָט אויסגעבויגן דעם קאָפּ. די קנייטשן פון ארום זיין נאָז און ליפּן האבן זיך ארויפגעצויגן ארום די אויגן און אין מיטן פון די באקן זיינען בא אים געווארן טיפע שפאלטן. ער האָט געלאכט:

— איבראאים פארט מאָרגן פרי אין שטאָט אריין?

— געהערט... — האָט הארט געענטפערט דער קאמיסאר, און זיך אָנגעגאסן א גלאָז ביר.

— ער איז בא מיר געווען... ער האָט געזאגט, אז ער וועט אָנלערנען דעם קאָמיסאר...

— זאל ער, אויב ער וועט קענען.

— בא דער מיר האָט ער אזוי א מאך געטון מיטן פינגער....

און דער „ארטיסט" האָט געוויזן, ווי אזוי איבראאים האָט א מאך געטון מיטן פינגער.

דעם „ארטיסטס" ווייב האָט אויפגעהויבן דעם קאפּ און זיך צעלאכט מיט א דראבנע געלעכטערל. זי האָט גארניט געזאגט, נאָר זי האָט געלאכט.

דער קאָמיסאר האָט זיך אפּגערוקט פון טיש, זיך א בויג געטון אף די

צוויי הינטערשטע פיסלעך פון בענקל און האָט אַ דראָענדיקן שמייכל געטון:

— העי!.. באַ מיר קומט ער ניט מאָנען דיין כוויו, צאָלט מיר ניט אויס, וואָס ס'קומט מיר און פאָרט אין שטאָט אריין... פאָר, פאָר — פון שטאָט ארויס וועל איך דיך אהער קריגן...

ער האָט אָנגעגאָסן אַ צווייט גלאָז ביר. דער „ארטיסט" האָט ניט אויפגעהערט צו דרייען מיטן קאָפּ און לאַכן.

— ער פאָרט מיט כסימעס...

— זאָל ער! איך קען אַלעמען — איך האָב פאַר קיינעם קיין מוירע ניט.

דער שמועס האָט זיך איבערגעהאַקט.

ראַמאַן גאַנסאַלעז האָט דערלאַנגט ביפן „אַלא מילאַנעסאַ". דער קאָמיסאַר האָט צום דריטן מאָל אָנגעגאָסן ביר און אָפּגערוקט פון זיך די טעלער:

— היינט וועל איך ניט עסן.

דער באַן אָנגעשטעלטער האָט אַ פרעג געטון:

— קאַרלאָס שנעקס זון זיצט ארעסטירט?

דער קאָמיסאַר האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש. ער האָט אַ שפּאַן געטון צווישן די טישלעך און געזאָגט:

— אָרעם אינגל! ער איז נעבעך אומשולדיק...

ער האָט ארויסגענומען דאָס בינטל שליסלען און געדרייט צווישן די פינגער:

— אָבער פאַרוואָס באַהאַלטן זיי זיך, ווי מייז! פאַרוואָס שטיי איך אָפן קעגן אַלעמען און זיי באַהאַלטן זיך אין די לעבער!

דער „ארטיסט" האָט ניט אויפגעהערט צו לאַכן: — אָט דאָס זאָג איך דאָך! גייט ארויס אָפן, זאָגט... און ניט שיקן כסימעס, באַהאַלטענע...

דער קאָמיסאַר האָט אַ לאַך געטון:

— ווען איך וויל — פאָרט ער ניט. נאַר...

ער האָט זיך פאַרטראַכט און געקוקט אָפן באַשפּרינקלטן לאָמפּ. ער האָט ווי צו זיך ארויסגערעדט:

— איך האָב פאַר קיינעם קיין מוירע ניט...

דאָס האָט דער קאָמיסאַר געזאָגט, ווען ראַמאָן גאָנסאַלעז האָט אַראָפּגעראַמט פֿון די טישן און דער ווייסער קרעציקער הונט האָט זיך אויסגעצויגן פֿון דער צווייטער זייט שוועל.

אויף מאָרגן אינדערפֿרי האָט די זון געשייערט די שטאָל־גלאַנציקע שינעס, האָט זיך געקנוילט אויף הויך־ווילדן גראָז און זיך געדראַפּעט אויף דעם פֿריש אָפּגעוואַשענעם גרינעם וואַלד.

בײַ דער וואָקזאַל־געבײַדע האָבן זיך געקליבן אַלץ נײַע און נײַע מענטשן.

דאָס ווייס־געקאַלכטע ברעטל הויך איבער די שינעס האָט זיך ראַשיק געגעבן אַ לאָז אַראָפּ, ווי אַ פֿאַרכאַלעשטע האַרבסט־בלעטל פֿון בוים אַראָפּ. דורך דעם פֿיר־קאַנטיקן פֿענסטערל, וואָס איז אין וואַנט פֿון דער וואָקזאַל־געבײַדע, האָט דער שעף פֿון סטאַנציע אַרויסגעגעבן דעם ערשטן געשטעמפּלטן באַן־בילעט.

פֿון דערווײַטנס האָט זיך דערנענטערט אַ דין־נידעריק דאַמעלע, מיט צוויי ווייס־געפּוצטע קינדערלעך בײַ דער זייט. צווישן איר פֿאַנאַנדערגעשפּילטן טונקל־שאָקאָלאַדנעם זשאַקעטל, האָט זיך זון געטוליעט אויף די געהאָפּטענע ווייס־זײַדענע לאַצן פֿון איר העלער בלוזע, וואָס האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אָן די בערגלעך פֿון אירע ברוסטן.

הינטער איר האָט אַ דינער געטראָגן אַ טשעמאָדאַן מיט אַ געבלומטן קאַרב.

דאָס איז געווען דאָניאַ עאוכעניאַ דע שנעק, וואָס איז געפֿאָרן אין שטאָט פּ. אַריין, צו באַגלייטן איר זון, וואַלדעמאַרן, צום ריכטער. דאָניאַ עאוכעניאַ האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און שוין פֿאַרײַנס מיטגענומען אויך אירע צוויי קלענערע מיידעלעך אויף זיך דורכפֿאָרן.

אויפֿן האָריזאָנט, צווישן דעם שמאָלן פּאַס פֿון פֿאַנאַנדערגעטיילטן וואַלד, האָט זיך באַוויזן אַ טונקל פּינטעלע מיט אַ צעשויבערטן גראָען רויך פֿון אויבן, וועלכער האָט זיך אַלע מאָל אַלץ פֿאַרגרעסערט.

פֿון שטעטל אַרויס זײַנען אָנגעקומען פֿרישע מענטשן.

די באַן האָט אַ לאַנגן פֿײַף געטון און קוים פֿאַרהאַלטן די ראַשיקע רע־

דער באַ דעם הויכן פּלומפּ מיטן לאַנגן לעדערנעם אַרבל.

דער שעף פון דער סטאַנציע האָט אַ קלוגג געטון.

אין ערשטן וואַגאָן פון ערשטן קלאַס איז געזעסן דאַניאַ עאָוכעניאַ מיט אירע צוויי ווייס ־ אויסגעפּוצטע מיידעלעך. זי האָט זיך געמאַכט באַקוועם און דעם געבלומטן קאַרב האָט זי אַוועקגעשטעלט לעבן זיך אויף דער ווייך ־ לעדערנער באַנק. הינטער איר איז זון וואַלדעמאַר. איצטער איז ער שוין ניט געוואָרן צעשראָקן. בלויז אין זיינע פּאַרגאַנגענע אויגן האָט זיך דערקענט די אָן־שלאָף פּאַרגאַנגענע נאַכט. פון דער זייט זיינען געזעסן נאָך צוויי פּאַסאַזשירן מאַנסביל, אויף וועלכע קיינער האָט זיך ניט אומגע ־ קוקט. אין באַן זיינען אַריין פיין־געפּוצטע יונגעלייט און האָבן זיך געזעג־ גנט מיט וואַלדעמאַרן. זיי האָבן אים שטיפעריש ־ האַרציק געדריקט די האַנט און האָבן אים אָנגעזאָגט, אַז מיט דער צווייטער באַן וואַרטן זיי אים אויף צוריק. אַן אָרעמע פרוי, אין אַ ביליקן ציצן־קלייד מיט אַ שירם אין האַנט, איז דרייסט אַריין אין וואַגאָן, איז צו צו וואַלדעמאַרן און האָט אים אַרומגעכאַפּט באַם האַלז. זי איז צוגעפאַלן צו זיין קאַרק באַם רעכטן אויער:

— פאָר געזונט, אָרעמינקער... זיי גליקלעך... אוי, זיי גליקלעך...

זי האָט אָפּגעלאָזט זיין האַלז און איז צוגעפאַלן צום ווענטל פון דער ווייך־לעדערנער באַנק. איר געוויין האָט זיך געריסן ווי אַ שטראָם וואַסער פון אַ קראַן אַרויס, און פון געוויין אַרויס האָט זי מיספּאַלעל געווען:

— זיי גליקלעך... אוי, זיי גליקלעך, אָרעמינקער...

אַן אָרעמער פויער איז אַריין, האָט האַכנאַעדיק אויסגעצויגן די האַנט וואַלדעמאַרן:

— פאָר געזונט!

ער האָט אַ שטאַרקן טרייסל געטון וואַלדעמאַרס האַנט, און איז, ניט אַנטשלאָסן אַרויס פון וואַגאָן. אויף די טרעפּלעך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך פאַרטראַכט, אַ קער געטון אפילו דעם קאָפּ אויף צוריק און איז אַראָפּ אויף דער פּלאַטפאָרמע. ס'האָט אים געביסן, דעם פויער, די ניט זיכערקייט אויב מען וועט באַ דער סעניאָר שנעק אין שטוב געדענקען זיין, דעם פויערס, האַנט דרוק וואַלדעמאַרן.

אָבער די אָרעמע פרוי איז ניט אַרויס. זי האָט געוואָלט זיין זיכער אין

איר איינגעקויפטער פריינטשאפט בא דער פאמיליע שנעק, — ווען וואלט זי געקענט האבן אזא געלעגנהייט, ווי די איצטיקע? — דעריבער האט זי געוויינט אלץ העכער און העכער. דער פארדרייטער, שווארצער צאפ אירער האט זיך פאנאנדערגעלאזט און האט זיך אין אומארדנונג גענומען צע־שפרייטן איבער איר פלייצע. זי איז אלץ געלעגן מיטן קאפ אפן ווענטל און האט ניט אויפגעהערט צו קלאפן מיט די פויסטן אין ווענטל:

— אוי אומגליק, אוי גרויסער... זיי גליקלעך, אוי, זיי גליקלעך...

דאניא עאוכעניא האט זיך מיט א שמייכל אויפגעהויבן פון ארט. זי איז צו צו דער פרוי, פארלייגט א האנט אף איר פלייצע און איר עפעס א זאג געטון אפן אויער. דאן האט די פרוי אויפגעהויבן דעם קאפ, אנגענו־מען דעם שירם און איז שטיל ארויס פון וואגאן.

דער שעף פון סטאנציע האט צום צווייטן מאל א קלונג געטון. אין ערשטן וואגאן פון ערשטער קלאס איז מער קיינער ניט געבליבן, אחוץ דא־ניא עאוגעניא מיט אירע צוויי ווייס־געפוצטע מיידעלעך, וואלדעמאר און צוויי מאנסביל פאסאזשירן, אף וועלכע קיינער האט זיך ניט אומגעקוקט און מער קיינער ניט.

אבער אלע פון דרויסן זיינען געלאפן צום צווייטן וואגאן פון ערשטער קלאס. ס'זיינען געלאפן מאנסבילן, פרויען, פאליציי און קינדער.

אין צווייטן וואגאן פון ערשטער קלאס האט דער קאמיסאר, דאן כואן גאמעז, אויסגעפרובירט זיין פיזישן קויעך איבער איבראאים נאזורן. ער האט אים אנגענומען בא די לענדן און אים פרובירט אויפהויבן. אבער איב־ראאים נאזור האט זיך מיט איין האנט אנגענומען פאר דעם אפענעם פענס־טער און מיט דער צווייטער — פארן ווייכן ווענטל פון דער לעדערנער באנק. ער האט זיך געהאלטן מיט די גאנצע קויכעס און געטאינעט:

— האסט ניט קיין רעכט, מיך פון באן ארויסצונעמען! האסט ניט קיין רעכט. דאס געזעץ זאגט, אז דו האסט ניט קיין רעכט.

דעמאלט האט דער קאמיסאר, דאן כואן גאמעז, פרובירט אפן ראמא־נישן שטייגער — ער האט געריבן איבראאימען דעם קארק, האט אים אונ־טערגעפאטשט אין פלייצע, האט פרובירט מאכן א בייגל ארום איבראאימס

האלז. אָבער איבראַאים האָט זיך איינגעשפּאַרט מיט די הענט און פיס און האט גערטאַינעט:

— דאס געזעץ זאגט, אז דו טאָרסט ניט... האָסט ניט קיין רעכט.

מענטשן האבן זיך געשטופּט, מיט אָפענע מיילער.

דער קאמיסאר איז בלייך געווארן.

ער האט אפּגעלאזט איבראַאימען און איז אוועק צום שעף פון סטאַנ־ציע:

— טו א טויווע, נעם אראָפּ דעם טערק פון באַן...

דער וואגאָן איז פול געווארן מיט פּאַליציי. זיי האבן פארנומען אַלע ארויסגענג. זיי האבן זיך געהאַלטן בא זייערע שווערדן, און מיט פארשפּיצ־טע אויערן געוואַרט.

דער שעף פון סטאנציע איז ניט זיכער אוועק צום טערק:

— קום אראָפּ אין ביורא אריין.

— איך גיי ניט. דאס געזעץ זאגט, אז קיינער האָט קיין רעכט ניט.

— גיי אראָפּ, וועסט בעסער מאַכן...

— איך גיי ניט. נאכן געזעץ נאָך...

דער שעף פון סטאנציע איז צו צו איבראַאימען און האט אים אנגע־נומען באם אָרבל:

— קום...

איבראַאים האט זיך אבער געהאַלטן בא זיינס:

— אויב דו ווייסט ניט דאס געזעץ, טאָ גיי קלינג אין דער שטאָט פּ., קלינג אין דער הויפּטשטאָט. קיינער האט קיין רעכט ניט...

דער שעף האָט יאושדיק א קוק געטון אפן קאָמיסאַר. דער קאמיסאר האט בייז ־ איינגעשפּאַרט געוואַרט. דעמאָלט האט דער שעף צום לעצטן מאָל פּרובירט. ער האט מיט איין האנט אנגענומען איבראַאימס אָרעם און מיט דער צווייטער — ארומגענומען זיין פּלייצע. ער האט אים א שטאַרקן צי געטון:

— קום!

אבער איבראַאים האט אנגעהויבן צו שרייען:

— מענטשן, קוקט! קוקט, וואס מען טוט! ס'איז ניט נאכן געזעץ. וואו איז דאס געזעץ!

דער שעף האט אפגעלאזט. ער האט א מאך געטון מיט דער האנט און איז ארויס. נאך אים דער קאמיסאר.

דער וואקזאל־גלאק האט צום דריטן מאל געקלונגען.

דער קאמיסאר איז געשטאנען א בלייכער און האט געביסן זיינע שפיץ נעגל.

די באן האט זיך גערירט פון ארט.

די פאליציי האט צעטומלט ארויסגעשטעקט די קעפ דורך די פענסטער און טירן — זיי האבן ניט געוואוסט, וואס צו טון. זיי האבן מיט די אויגן געזוכט זייער קאמיסאר.

אין ערשטן וואגאן פון ערשטער קלאס איז געפארן דאניא עאונעניא מיט אירע צוויי ווייס־אויסגעפוצטע מיידעלעך, און נעבן איר — איר זון וואלדעמאר. זיי זיינען געפארן אין דער שטאט פ., אויסגיסן זייער אומשול־דיק הארץ פאר דער גערעכטיקייט און מיטן ערשטן באן זיך אומקערן צוריק.

אבער אף זיי האט זיך קיינער ניט אומגעקוקט. אלע האבן מיט א פאר־באהאלטענעם שמייכל געקוקט אפן בלייכן קאמיסאר, דאן כואן גאמעז, ווי ער האט געביסן זיינע שפיץ נעגל.

די פאליציי איז ניט אנטשלאסן און פארשעמט געשפרונגען פון וואַ־גאן אראפ.

די באן האט זיך אלץ מער און מער דערווייטערט פון שטעטל.

אַן אומבאַקאַנטע

פאַר די גאַנצע צען יאָר פון זייער וואוינען אין שטאָט, האָט זי זיך אמבעסטן איינגעלעבט מיטן שטרויענעם וויגשטול, וועלכער איז געשטאַנען באַם עק פון זייער טאָפּל־בעט. ווען איר שווערער צעגאַסענער קערפּער פלעגט זיך אַראָפּלאָזן אין דעם נידעריקן און אויסגעקרימטן געזעס פון דעם וויגשטול און דער וויגשטול פלעגט זיך אַף זיינע צוויי אויסגעבויגענע לייסטלעך אַ וויג טון — פלעגט די הויט פון איר פּנים זיך צוזאַמענעמען אין דינינקע פאַלדעלעך באַ די זייטן פון די אויגן, די טונקעלע קישקעלעך פון אונטער־די אויגן פלעגן זיך געבן אַ שאָר אַרויף, פון וואָס די אויגן אַליין פלעגן זיך פאַרציען מיט אַ מאַטאַוון נאַסן גלאַנץ. זי האָט צופרידן געשמייכלט.

פלעגט זי אַזוי, אירע — ווי גראַבע וואַליקעס — קיילעכדיקע הענט, פאַרלייגן אַף די זייטלעך פון וויגשטול, און וויגנדיק זיך, שמייכלען מיט אירע גלאַנציק־נאַסע אויגן — צו דער סטעליע אַרויף.

פאַרן וויג־שטול האָט זי געהאַט אָן אָפּגעקליבענע צייט: אָנהויב אוונט, ווען די שטוב איז שוין געווען אינגאַנצן אויפגעראַמט, און די טאַכ־טער פלעגט זיך מיט שטילע טריט אַרויסגאַנווענען פון שטוב — דע־מאָלט האָט זי געוואוסט אַז אַ היפּשע ווײַלע וועט איר קיינער ניט שטערן. וואָרום דער מאַן, אַז פרי, וועט ער פריער ווי אין אַ פאַר שעה אַרום ניט קומען, און זי, די טאָכטער זאָל לעבן, יונג בלוט... מיט גוואַלד דאַרף מען זי אין שטוב אַריינשלעפּן. און אין וויגשטול איז אַזוי באַקוועם — ברייט. דעם קאָפּ צו פאַרוואַרפן, די מידע פיס אויסצוציען, און עס וויגט זיך אַזוי... דערמאַנט זיך: ווייטע און ווילדע סטעפּעס — שטורמישע רעגן־נעכט — ווינטן וואָס הויבן די שטוב אין לופטן — פערד און וואָגן — אַן איינציק שטיבעלע איבער ברייטע ווייטע פעלדער — דער אַלטער טאַטע מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד — אַ פאַמיליע אַ געדיכטע, שטענדיק־פאַרהאָרע־

וועטע, און פעסט־צוזאמענגעבונדענע — דער ריח פון פעלד, מאטע, און בעהיימעשע מיסט...

עס קלאפט איבערן וואנט די שניידער־מאשין פון שאכן, און ווייטער אהין — לאכן, שרייען און קלאפן דער האלבער צענדליק היטלמאכער, צוזאמענגעפרעסטע אין דעם קליינעם צימערל פאר דער סאלע; אין קיך האט זיך צעזונגען דעם שטוב־פארוואלטערס קעכן און איבערן הויף־פארקן שרייט גוואלדן א פיאנא — קיינער קען אבער ניט אויפרייסן דעם נאסן גלאנץ פון אירע שמייכלנדיקע אויגן, פארטראכטע צו דער סטעליע ארויף...

עס וויגט זיך דער שטול בא דער זייט פון טאפל־בעט. אויסגעפוצט, פארטראכט שטייט קעגנאיבער אויסגעצויגן דער טאכטערס איינציק בעטל. עס שפיגלט זיך אין געשליפן שאפע־שפיגל דער פארפוצטער און מיט צענד־ליקער קאלירן קרעלן־באהאנגענער עלעקטרישער לאמפ, וועלכער הענגט אראפ איבערן לאנגן טיש אוןווארפט א העלן שיין אף די קעפלעך פון די בלומען אפן מיטן טיש, אף די דורכזיכטיקע שויבן פון בופעט פון וועלכן ס׳גלאנצן ארויס העל־זילבערנע ראנדן פון קרישטאלענעם געשיר, און איבער די רוקנס פון די פעקלעך צוזאמענגעלייגטע קארטלעך, וואס שטעקן ארויס פון די פאלקעס איבער דעם מאנס שרייב־טיש.

דורך צען יאר שטאטישן לעבן, האט דער שטרויענער וויגשטול באם זייט פון זייער טאפל־בעט אויפגעהאלטן אין איר, און פאנאנדערגעווארעמט א גליענדיקן פונק איבער א ווייטן לעבן, וועלכער איז פאר זיי שוין לאנג פארגאנגען...

די טיר גיט זיך א רים אויף, און א יונג, דין מיידל, מיט א ווייסער הויט פון פאנים, געגרויטלטע באקן, און גלאנציקע אויגן — לויפט אין צי־מער אריין.

— דער טאטע נאך ניטא?

געקרייזלטע, שווארצע הערלעך פאלן אף איר ווייסן שטערן.

דער וויגשטול הערט זיך אויף צו וויגן, און די פאלדלעך בא די זייטן אויגן פארשווינדן פון דער מאמעס פאנים.

— א — הא! דער טאטע גייט שוין... שטענדיק דער זעלבער אויס־רייד... אליין וועט זיך דאס ניט דערמאנען.

זי סטאַרעט זיך אָפּטײלן די פּלײצע פֿון װענטל, און שפּאַרט זיך אָן מיט אירע קלײנע דיקע, גראָבע הענט, אָן די זײטלעך פֿון װיגשטול. דאָס געלינגט איר ניט. די הענט פֿאַלן מאַכטלאָז פֿון די זײטלעך אַראָפּ, און דער שטול גיט זיך אַ שטאַרקן װיג אויף הינטן...

— מאַמעלעך...

— קען זיך ניט אָפּקלעפּן פֿון דער שטרויענער שמאַטע...

דער שטול מאַכט אַ צוריק באַװעגונג אויף פֿאָרנט. דאָס מאָל פֿאַר־שטשעמעט די מאַמע די פֿיס אין דער פֿאָדלאָגע, און כאַפּט אָן דעם שטול פֿאַר די פֿאָדערשטע זײטלעך, ס׳געלינגט איר.

דער װיג־שטול בלײַבט געהאַרכזאַם אויף די שפּיץ־פֿינגער שטײן.

— גײ שױן, גײ דערגיס דעם טשײניק... אַ מויד אַזאַ... ראָזע!

אַזױ װי ראָזע איז שױן פֿון יענער זײַט טיר און קײנער ענטפֿערט ניט, — באַשליסט זי —

— נ—נע—ע! און הײבט זיך שװער פֿון װיגשטול אויף.

דער װיג־שטול הוידעט זיך פֿרײַ פֿאַנאַנדער.

זי עפֿנט פֿאַנאַנדער די גלעזערנע װענטלעך פֿון בופֿעט.

עמיצער גיט אַ שטופּ די טיר, אַ ריס, און אָן עפּן פֿאַנאַנדער.

דורך דעם טיר־לאָך שפּאַרן זיך אַרײַן פּעקלעך קײַלעכדיקע, גראָבע, לאַנגע, דינע, געפּאַקטע אין גלאַטן געלן פּאַפּיר, אין צײַטונגס־פּאַפּיר, מיט דינע שטריקלעך געבונדן און מיט גראָבע, און הינטער אָט די אַלע פּעק־לעך — ער, איר מאַן, כאַקאַבאַ, אַ שטילער, געבויגענער, שמײכלדיקער.

ער פֿרעגט שטיל װי אין דער װעלט אַרײַן —

— װאו איז — זי?

ער װאַרט ניט אויף קײן ענטפֿער. ער לײגט די פּעקלעך אויפֿן טיש, אויף דער ערד, אויף די בענקלעך אַרום.

ער װאַרפֿט דעם הוט אַראָפּ און בלײַבט הילפֿסלאָז שטײן, אַרומזוכנ־דיק אויף אַלע זײַטן.

— ניטאָ קײן בענקל?

— פֿעלן דען בענקלעך? —

זי װאַרפֿט אַראָפּ צװײ פּעקלעך און מאַכט אַ בענקל פֿרײַ.

ער זעצט זיך צו, אויסציענדיק די הענט איבערן טיש און פּארקוקט זיך אין געשליפענעם שפּיגל פון דער שאפע.

— ווּעסט טרינקען טיי?

אף א ניקלנער טאַץ טראגט זי גלעזער, צוקער, געפּרעגלטס. ער פּרעגט —

— ווער איז ער, דער יונגערמאן באם טויער?

הארט באם טיש בלייבט זי שטיין, מיט דער טאַץ אין האנט —

— וועלכער יונגערמאן?

ער הויבט אויף דעם קאפּ, קוקט זי אָן און הויבט זיך אויף פון בענקל. ער זאגט גארניט. ער גייט צו זיין שרייב־טיש, רוקט ארויס א טישקעסטל, נעמט ארויס א פּעקל טאבאק, און שטופּט אין זיין ליולקע. ער שטופּט עס לאנג און נאָך לענגער ציט ער עס ביז וואנען עס צעברענט זיך.

ער רוקט צו דאס בענקל צום שרייב־טיש, דרייט אָפּ א שטייענדיק עלעקטריש לעמפּל און בינדט פאנאנדער פּעקלעך צוזאמענגעלייגטע קארטלעך.

די טאכטער קומט אריין.

— ס'קאכט...

מיט א געקנייטשטן שטערן און שארפן אויג קוקט ער אין יעדער קארטל באזונדער. ער רעכנט און צעלייגט די קארטלעך איינע אונטער איינע. ער כעשבנט און פירט אונטער סומען. ער וועגט די פּעקלעך קארט־לעך אין די הענט און בינדט זיי ווידער פאנאנדער. ער פארקוקט זיך א ווײַלע אפן שטייענדיקן עלעקטרישן לעמפּל.

— די קארטלעך וועלן דאָך ניט אנטלויפן — די טיי ווערט קאלט...

עס פאלט א העלע שיין אף א שטיק ברוינער נאָז זיינער, האלב אפּ־געברענטן שטערן, פארכאפּט די ווינקל־ביינער פון די בלאס־ברוינע באקן, קליינע שטיקעלעך אפּגעברענטן נאקן און צעשפּרייט זיך אף די אקסלען פון זיין טונקל־גראען רעקל.

זיינע ברוין־שווארצע, ווי קיינמאל־ניט געוואשענע הענט, צעשניטענע און פארגרעבטע פון שווערער פעלד־ארבעט, פון מיט צען יאר צוריק נאָך, נעמען נאָך אויך היינט ניט ארויף אף זיך די שוואכע שיין פון אן עלעק־

טריש לעמפּל — די שיין ווערט פאַרלוירן אין די טיפע שוואַרצע שאָטנס פון די צווישן־פינגער, הינטער די הויך אַרויסגעשטעקטע קנעכל־ביינער פון די הענט, און אין די טיפע שאָטנס פון די צווישן־אַרבל.

ער ציילט און רעכנט און לעשט דעם לעצטן פונק פון אַ ווייט לעבן, וועלכער איז פאַר זיי שוין לאַנג פאַרגאַנגען.

ער עסט שווייגנדיק. די באַוועגונגען פון זיינע הענט צום מויל זיינען ניט קיין גלייכע, פּונקט ווי ניט קיין גלייכע זיינען די באַוועגונגען פון זיינע געדאַנקען.

אַט האָט ער צוגעטראָגן דעם לעפל צום מויל. נאָר איידער ס'האָט דער לעפל צום מויל דערגרייכט, לאָזט ער אים צוריק אַראָפּ און פּאַווא־לינקע הויבט ער צוריק דעם לעפל צום מויל צו.

זיין ווייב, סאָרע האָט אַ געקנייטשטן שטערן און שמייכלדיקע ליפּן. שווער צו טרעפן אויב זי איז ברויגעז אָדער צופרידן. זי בייזערט זיך אַף דער טאָכטער און די אויגן גלאַנצן בא איר מיטן ווייגשטול גלאַנץ.

— אַ מויד ביזטו!.. אַ קאַלע־מויד...

ראָזע איז נאָך אַלץ אויפגערעגט.

די שוואַרצע קרייזלעך האַלטן אין איין אַראָפּפאַלן אַפן ווייסן שטערן, זי לאַכט, און די בעקלעך פלאַמען —

— אַ קאַלע־מויד... סיעמפּרע 1) קאַלע־מויד... וואָס איז אַ קאַלע־מויד?

זי צעלאַכט זיך און לאָזט פאַרשעמט אַראָפּ דעם קאָפּ אין טעלער.

כּאַקאַבאַ טוט אַ געשריי, דאָס ערשטע מאָל פאַרן גאַנצן אָוונט, אַז ער האָט אַ געשריי געטון:

— איך האָב פיינט די נאַרישע ביינדלעך! ווי אַ מענטש זאָלסטו רעדן!

ראָזע הויבט צעמישט דעם קאָפּ אויף, זי קוקט פאַרלוירן אַפן טאַטן:

— וואָס האָב איך געזאָגט?

די מאַמע מישט זיך אַריין:

---

*) שטענדיק.

— אַנשטאָט באַם טויער, זאָל זיך עס א ווירטשאַפט לערנען פירן, א קיך...

— ביזט דאָך א מאַמע!

אָבער סאָרע איז ניט פון „יענע", מיט איר גאַנצער שווערוואַגיקייט גיט זי אים א שפּיז אַדורך מיט א שפּאַטישן קוק. אָט־אָט רייסט זיך בא איר אַרויס: טיפּעש!.. נאָר — ניין, זי האָט בלויז געזאָגט:

— אין קאַמף איז ניט געווען קיין טויער...

— פאַר אין קאַמף...

סאָרע לאַכט נוטמוטיק:

— איך בין דיר מוחל אַלע דיינע „מאַריעס", מיט אַלע גליקן, מיטן איפּעשדיקן הויף אַפילע, פאַר א שטיקל קאַמף.

ראָזע כאַפּט אונטער:

—א כויף איז דאָס? — א קאָנוועטיזשע... מאַקינע 1) קלאַפּט, כיטלען, באַסורע, 2) מען גיסט אין כויף, לאַכט, שרייט און — אין...

כאַקאָבאָ שמייכלט אונטער. פון דער אויבערשטער קעשענע שלעפּט ער אַרויס די ליולקע, ער בלאָזט זי אויס:

— אַזוי, אַזוי הייסט עס? געפעלט דיר ניט די דירה?

ער קלאַפּט אויס די ליולקע אָן עק פון טיש.

ראָזע ברענט אויף. זי שיסט אויס ווי מיט א דראַבנעם פּולווער:

— עס אונא ווערגוענזא וויוויר ען אונאָ קאַסאָ, קאָמאָ עסטאָ! 3)

כאַקאָבאָ שווייגט. ער שמייכלט אַריין אין די גראָבע קנוילן רויך.

סאָרע שטעלט אַרויף פּרוכטן אַפן טיש. זי זיפצט אָפּ:

— ווער ווייסט דאָרטן וואָס דער טאַטע מאַכט...

און כאַקאָבאָ ענטפערט:

— דריי קליענטן געמאַכט היינט נייע.

כאַקאָבאָ יאָגט נאָך א טראַמוויי, אָן אַמניבוס. אין טראַמוויי אָדער

---

1) מאַשין.

2) שמוץ.

3) ס'איז א בושע צו וואוינען אין אָט אַזאָ הויז!

אָמניבוס לייענט ער א צייטונג, א זשורנאַל; ער זאגט און לויפט מיטן אימ־פּעט פון שטאט. און דאך — ווי א ווילדער אומגעבעטענער גאסט, רייסט זי זיך אדורך, די דערינערונג פון צייטן לאנג פארגאנגענע, מיט אן אימ־פּעט, מיט עלענבויגנס, דורך מענגעס טעג רואיקע, גלייך אונטערגעשארענע, ווארטנדיק אף דער רייע.

וואס וויל זי, די אומגעבעטענע ווילדע דערינערונג? ווער דארף זי, און ווער וויל זי?

באקאָבאָן קוועטשט דער קאלנער. ער ווערט אים ענג. ער ציט אים פאַ־נאנדער מיטן פינגער, ער דרייט מיטן קאפּ, הוסט. ער פארבאהאלט דאס פּאָנים אין צייטונג, און לייענט ארויס... ווער דארף זי, ווער וויל זי, די אומ־געבעטענע לאנג פארגאנגענע?..

ער כאפּט זיך אראָפּ אין ערשטן אלמאסען, און טרינקט א גלעזעלע, אמאָל צוויי. די רעפוע איז שוין א לאנג אויסגעפּרובירטע: א גלעזעלע, אדער צוויי אַנים — און עס נעמט אפּ ווי מיט די הענט. די פיס גייען גאר לייכטער און מען באקומט גאר בא זיך אליין אן אנדער ווערט...

— איך, באקאָבאָ, א מענטש מיט קאפּ און פעאיקייטן — אן אייביקער פויער? — לוי מיט א גרויסער אלעף!.. איך, באקאָבאָ, מוז האָבן, מיינע, ניט קיין סאך — וויפיל? צען טויזנט? — וואס איז צען טויזנט? צוואנ־ציק טויזנט — אויך ניט אסאך... הונדערט — בעבע! — אלץ מעגלעך, הונדערט צי הונדערט — אָבער אסאך קען איך האָבן! וואס דען, ניט? די שטאָט גיט, מען דארף זיך נאָר אויסטויגן...

אזוי טראכט באקאָבאָ, גייענדיק אפן וועג צו א קליענט, נאך א פּאָר אויסגעטרונקענע גלעזלעך און צעלאכט זיך:

— בע—בע—בע... איך באקאָבאָ, א פויער...

ער שטעלט זיך צו, דערמאָנט זיך עפּעס, טראכט נאך, און גיט צו:

— גערעכט. וואס דען, ניט גערעכט? א דירע איז דאס? אי, וועט איר זען, וואס באקאָבאָ קען! א דעפּארטאמענט א גאנצן — פון פיר צימערן און מעבל נייע, ניט ווי איצטער — אן עס צימער, צוויי בעטן, א טיש, שאפע, בופעט, און בענקלעך — טאקע באלאָשעס...

ער קלאַפּט האַסטיק אָן צום קליענט. ער צעשפּרייט די אָרעמס און באַגריסט זיך פריילעך.

— ווי גייטס? וואָס מאַכט איר? וואָס מאַכן אַלע אין שטוב?

ווי פרישע לופט, גיט אָפּ קליענט אַ שלאָג אַרויף כאַקאָבאָס פריילעכ־קייט. מענטשן זיינען זייער אומעטיקע — זיי האָבן ליב פריילעכקייט, און ווען כאַקאָבאָ איז פריילעך, ווילן אים זיינע קליענטן גערן אין שטוב.

כאַקאָבאָ שפּאַסט און וויצלט זיך און אינצווישן גיט ער אַ טאַפּ:

— דאָס בעט האָסטו שוין געמעגט בייטן.

נעמט דער קליענט זייער לייכט אויף כאַקאָבאָס באַמערקונג, און טיילט זיך מיט אים גוטברודעריש, אָפנהערציק:

— ניטאָ קיין סענט בא דער נעשאָמע.

פאַרוועלקט אַף אַ רעגע כאַקאָבאָס פּאָנים — אַ מאָדנע לאַגע: אָן אָרע־מער געוויר... פאַרמאָגן, פאַרמאָגט ער שוין די שיינע עטלעכע טויזנטער, און האָבן, האָט ער — קוים אַף דירע געלט...

און גיי באָרג ניט?

און כאַקאָבאָס פּאָנים לייכט ווידער אויף. ער איז צוריק פריילעך:

— מען וועט זיך שוין אָן אייצע געבן...

וואָרום וואָס — זיינס באָרגט ער דען? וואו האָט ער דען? וואו האָט ער דען געהאַט זיינס? — אַלץ איז דאָך זייערס! מיט זייער געלט וואַקסט ער, כאַקאָבאָ.

— אַ בעט האָסטו געדאַרפט אַ לייטישס, אַ גוטס, אַ בראָנזענס...

— אָט ס'וועט געשען — אַ טאָג, שפּעטער מיט יאָרן, און ער, כאַקאָבאָ וועט געבן אַ שטעל אַף דאָס באָרגן — אויס באָרגן! און עס וועט אַריינ־פליסן, אַ זאַק אַ גאַנצער — אַ סאַך! וויפיל?

— ווער קען וויסן וויפיל! און דעמאָלט —

כאַקאָבאָ רייבט צופרידן מיט די הענט, געזעגנט זיך, ווינטשט דעם קליענט אַלדאָס גוטס, און גייט צו אַ צווייטן...

— נאַרישע סאָרע! אין קאַמף וויל זי — אין פּוסטן, ווילדן קאַמף. וואָס האָסטו, נאַרישע סאָרע, געהאַט פונם קאַמף? איך, דיין מאַן כאַקאָבאָ, כע—כע—כע...

ארום טיש זיצן זיי, עטלעכע באקאנטע ווייבער, צו גאסט געקומענע. ווער פון זיי טרינקט א הייס גלעזל טיי, און ווער — מאטע.

אפן טיש אין א פרובטן טעלער ליגן פרוכטן.

סאָרע באדינט די געסט. די גאנצע צייט האלט אף איר פּאָנים אָן דער זעלבער שמייכל, וועלכער האָט זיך אָנגעצונדן און צעלייגט באם עפענען די טיר דעם ערשטן גאסט. מיט דעמזעלבן שמייכל טיילט זי צוקערלעך און נים די קינדער, וואס שפּילן זיך אין ווינקל־שטוב און בא די טירן. דאס זיינען די קינדער וואס האָבן באגלייט זייערע מאמעס אהערצו, צו סאָרען צו גאסט.

מיט אפענע ערנסטע אויגן און אויסגעשטרעקטע הענטלעך באגעגענען זיי יעדער מאָל, סארען, ווען זי דערנענטערט זיך צו זיי. זיי בעטן ניט — ס'קומט זיי. זייער ארבעט פון באגלייטן די מאמעס, מוז באצאלט ווערן! א מינהעג אזא. און ווי איז דעם, וואס ברעכט דעם מינהעג — איר שוועל וועט פון מאמעס ניט איבערגעטראטן ווערן — קינדער זיינען פארביסענע שטריי־קערס.

איין ווייבל זאגט:

— אז מיין שוויגער האָט שוין כיישעק אונטערצושערן די האָר...

אלע לאכן, א צווייט ווייבל פרעגט: און אייער שוויגער האָט נאָך וואס צו שערן?

אלע לאכן ווידער. איינע זאגט:

— וואס אמאל ווערן די קליידלעך אלץ קורצער, און א צווייטע זיפצט אפ:

— איך ווייס ניט וואס צו טון מיט מיין ברוי־זיידן קלייד...

סארע באדינט די געסט. פון צייט צו צייט נעמט זי איבער פון א גאסט דאס מאטע טעפל, פילט עס אן, גיט אליין א צוויי־דריי ציי, נאכ־דעם גיט זי דאס טעפל איבער א צווייטער, אזוי ארום האלט זי אויף דאס גלייכגעוויכט אין דער געזעלשאפט.

עמיצער האט געפרעגט:

— און אייער ראזע — ניטא אין שטוב?

צום ערשטן מאל פארשווינדט דער שמייכל פון סארעס פאנים, אף

איין רענע, און צינדט זיך ווידער אן. זי זאגט, רואיק און קאַלט:

— אַף א ווײַלע אוועק...

און עמיצער באמערקט:

— א מיידל אין אירע יארן דאַרף מען היטן!

סארע וויצלט זיך אָפּ:

— וואו מען דאַרף היטן, וועט מען שוין ניט אויסהיטן — באַהיט זאָל מען ווערן!

און דאך האבן די געסט אויפגעהערט טרינקען טיי און מאטע. די פּרוכטן האבן זיי שוין אפילע ניט אנגערירט.

ווען סארע האָט מיט דעם זעלבן שמייכל ארויסגעבאגלייט דעם לעצטן גאסט, איז זי מיט איר שווער צוגאסענעם גוף צוגעפאלן צום טיש, און האט מיט ביידע הענט אונטערגעהאלטן דעם קאָפּ.

דער טונקעלער שאטן פון אונטער סארעס אויגן האט זיך צעגאסן איבערן פּאנים אראָפּ, און האט פארכאפּט פון ביידע זייטן דעם שפּיץ נאז. אירע אויגן האבן ארויסגעגלאנצט מיט מוטנע רויטלעכע ווייסלעך. זי האט א שטופּ געטון א בענקל, אייגנעהאלטן א טופּע געטון, און צום ווייטלטן מאָל — פארשטיקט אויסגעשריגן:

— זאָלסט מיר זאגן וואו דו ווערסט פארפאלן אַף לאנגע שאען!

ווייסער ווי שטענדיק איז דאס מאָל ראזעס פּאנים.

מיט א שארפן סאד טיילן זיך אויס אירע שווארץ - געקרייזלטע האר פון דעם הויכן, ווייסן שטערן. אירע שטענדיק-גלאנציקע, שווארצע אויגן, זיינען היינט מיט א ניט ריינעם הייטל פארצויגן און קוקן שפּיציק, ניט היימיש. אירע דינע רויטע ליפּן שפּריצן מיט נאסקייט. זי ענטפערט קורץ:

— ניט דיין אייסעק!

ארויסגעזאגט און זיך אליין דערשראקן. זי כאפּט א האנט צו די ליפּן און קוקט מיט שרעק צו דער מאמען.

סארע ענטפערט ניט. זי גייט — דאכט זיך רואיק, צו ראזען, נעמט

— דאכט זיך — רואיק אן ראזעס האנט, און ראזע גיט א קוויטש —

—אוי!

— ניט מיין עסק, זאגסטו — הא? ניט מיין עסק?

זי האלט ראזעם האנט צונויפגעדרייט, פארקוועטשט, קנייפט און רייסט שטיקער פון ראזעם באקן, נאז, שטערן, האר, אקסלען, פלייצעס...

— ניט מיין עסק — וואס? ניט מיינער, נאר וועמענס דען? וועמענס?

ראזע שטייט מיט אן אראפגעבויגענעם קאפ, און שווייגט. ניט קיין קרעכץ. איר ווייס־אויסגעטאקטער נאקן איז פון די קניפ אויפגעלאפן אין רויטע פלעקן. מיט דער צווייטער האנט האלט זי זיך אן אין דער מאמען, און די מאמע קען זיך ניט שטילן:

— ניט מיין עסק, נאר וועמענס דען? וועמענס עסק איז דאס? הא?

און די מאמע גיט זי א שטויס פון זיך, און באלד נאכדעם א הילכיקן פאטש — איצטער וועסטו מיר שוין יא זאגן וואו דו ווערסט פארפאלן אף לאנגע שאען — הא?

צוזאמענגעדרייט אין א קנייל, פאלט ראזע אף איר בעטל. זי גראבט אריין דעם קאפ אין קישן און די פיס בלייבן איר נאכהענגען אף דער ערד, ווי פרעמדס, איבעריקס.

א ווײַלע בלייבט סארע שטיין אין פארלעגנהייט. זי גייט אבער באלד צו צום בעטל און רייסט ראזעס קאפ פון קישן:

— וואו ביזטו געווען, זאלסטו מיר זאגן!

ראזע לאזט זיך ניט אויפדעקן דאס פאנים. סארע שטופט ראזעס קאפ אלץ טיפער און טיפער אין קישן און האקט מיט די שפיץ שיך איבער ראזעס אראפגעהאנגענע פיס, וועלכע גיבן זיך נאך יעדער קלאפ א באמבל אין דער לופט.

פלוצלינג ניט ראזע א הויב־אויף זיך פון קישן און א גלייך אויס קעגן דער מאמען. ראזעס פאנים איז איצטער געלבלעך און געפלעקט, דער רוקן אויסגעבויגן, די אויגן — נאס, אויסגעלאשן. זי פרעגט מיט א טעמפער שטימע:

— וואס ווילסטו?

— וואו ביזטו געווען?

— וואס האב איך דא בא אייך, דא, אין דער שטוב? וואס האט איר מיר געגעבן, און וואס האב איך?

און ראזע ברעכט אויס מיט א געוויין.

דאס געוויין העלפט. סארע פארברעכט מיט די הענט:

— גערענק, ראזע גערענק, וואס דו וועסט פון אונז מאכן! גערענק עס גוט!

כאקאבא שטופט זיין ליולקע און שמייכלט צו זיך אליין.

דאס גלאז טיי איז שוין קאלט, נאר ער האלט נאך אין ציען און שמייכלען.

סארע שווייגט, שווייגט פארביסן.

בא כאקאבן האט זיך שיר ארויסגעריסן:

— וואס ביזטו אזוי פארזארגט?—זיין צופרידנהייט לאזט אים אבער ניט פארטראכטן זיך.

— טרעפן מיט א מענטשן, איז שוין קימאט א לאטעריע צעטל... און כוץ דעם, פארשטייסטו?

ער גיט א וואונק צו דער טיר צו:

— א באלעבאטיש קינד, אן איידעלער, און א פארדינער דערצו... מיט דער צייט...

ער גיט האסטיק א צי, א צוויי־דריי מאל, און לאזט א גראבן זייל רויך ארויס.

— גערענקסט, סארע, אונזער שטיבל אין קאמפ?

סארע זיפצט אפ:

— האלעוואי וואלט איך די שטאט ניט געקענט!

— כע—כ— כע... נארישע אידענע! וואס האסטו צוגעלייגט צו דער שטאט?

— וואס האב איך צוגעלייגט? איך וויים... און וואס האסטו פון דער שטאט?

כאקאבא קוקט זי שפאטיש אן:

— וואס האסטו? — האסט אלץ — האסט פארנאסע, האסט א פאר־זארגטע עלטער און דאס קינד וועט אויך ווערן באזארגט.

סארע פארציט מיט די ליפן:

— אזוי? אלץ פארזארגט? — א גליקלעכער מענטש!.. קען איך ניט וויסן, ווי אזוי דו האסט דיין עלטער פארזארגט?

כאקאבא צעלאכט זיך שוין עמעסדיק.

— ווייסט נאך אלץ ניט? אט וועל איך דיר מיטן בלייפעדער ווייזן— — —

— א—א, מיטן בלייפעדער? ס'איז עפעס אנדערש. און דיין טאכטער האסטו אויך באזארגט מיט דער בלייפעדער?

כאקאבא פארלירט דאס געדולד — מער רעדט ער וועגן דעם ניט. ער ציט פון ליולקע פאוואלינקע.

— ליגן שטענדיק בא די קליענטן, זיין פארקויפט ערגער פון איך-וויים-ניט-וואס, ניט קיין שטוב, ניט קיין ווייב, ניט קיין קינד. וואס? — הו—הא, הו—הא. ער האט געלט בא די קליענטן — א גליק האט אים גע-טראפן...

כאקאבא ווערט אין קאס:

— געגוג!

ער גיט פון זיך א רוק אוועק דאס קאלטע גלאז טיי און גיט זיך א הויב אויף פון טיש.

ער גייט צום שרייב טישל. אין מיטן וועג שטעלט ער זיך אפ. ער האט נאך עפעס ניט דערזאגט. ער דרייט אוים דעם קאפ צו סארען... כאפט דאס דער רוען! — ער גיט א מאך מיט דער האנט און זעצט זיך צום שרייב טישל. ער דרייט אפ דאס טיש-לעמפל, ער שטרעקט אוים די האנט נאך די קארטלעך אף דער פאלקע, און זיין האנט בלייבט אינדערמיט הענגען...

זי ווייגט? לעצטנס וויינט זי יעדער אפדערנאכט. נאר קיינמאל אזוינס ניט געווען. מוז זיין ניט געזונט... דארף מען גיין צו א דאקטאר... מען וועט דארפן זען וועגן א דאקטאר... ער בינדט פאנאנדער די קארטלעך.

ראזע קומט אריין. אף דער טיר נאך פרעגט זי:

— געבן א היים גלאז טיי?

כאקאבא קערט צו איר אום א האלב פאנים:

— וואָלסט בעסער אכטונג געגעבן אויף דער מאַמען — זי איז ניט געזונט...

פארשטשעמעט צווישן די ציין די ליולקע, זיצט כאקאבא פארטיפט אין קארטן. ער שפּילט א „עסקאבא״ און פארשפּילט, און יעדער מאָל ווען ער פארשפּילט, זאגט ער מיט א געמאכטער הארציקייט:

— קאראמבא!

פון זיין צופרידן פּאנים איז אבער קענטיק, אז ניט זייער שטארק א׳ז ער בא זיך דערשלאָגן פון מוישעס געווינען. פארקערט, בא יעדער מאָל פארשפּילן, שענקט ער מוישקען א באגייסטערטן שמייכל, פון וואס אויף מוישקעס רויטלעכן פּאנים טרעטן די געלע זומער־שפּרינקלעך נאך בוילעטער ארויס, און זיין — אין־דער־העלפט־פארברענטער שטערן — באדעקט זיך מיט שווייס.

מוישקע שפּילט שווייגנדיק, ערנסט, און אנגעשטרענגט. זיינע רויטע האר, שטענדיק צוגעפּלעטשטע צום קאפּ, הייבן זיך ווי שפּיזן אויפגעשטעלט, און זיינע אויגן הייבן זיך צעבליט און צעצינדן...

זעט עס כאקאבא? האט ער וועגן דעם א מיינונג? ער, כאקאבא, יאגט אלע ווײַלע די טאכטער נאך א מאטע, און א גלאז טיי. ער פארגעסט ניט אלע ווײַלע צוואווארפן דער טאכטער א צערטל־ווארט:

— עפּשער וועסטו, טאָכטער, מיטשפּילן? — און קוקט אויף מוישקען, ווי נאכפרעגנדיק: ווי מיינסטו?

מוישקע שוויצט און דרייט זיך אפּן בענקל. ער איז ערנסט, זייער ערנסט. עפּשער דערפאר ווייל ער איז אינגאנצן נאך קיין צוואנציק יאר ניט אלט, און ער האט נאך ניט די גענוגנדיקע דערפארונג ווי אזוי דער טאיווע צו שמייכלען אין פּאנים? און עפּשער דערפאר וואס די פרעמדקייט אין ווייטן לאנד שרעקט אים נאך — ער איז דאך נאך דא אינגאנצן א „גרינער״? און עפּשער א סאכרישער גאנג צו געווינען דעם קוינע?..

ער שווייגט פארביסן און ערנסט.

כאקאבא בייסט אזש פאר פארדרוס די ליולקע. האט זיך אוועקגעלייגט און ליגט גאנצע אוונטן אין בעט — אן אלט שטיק פליישׁ אזא, פאר־

נעמט מער ווי א האלב בעט. און פוילט... וואס? וואס פעלט איר? שווייגט און טו איר עפּעס! אַט, וואלט איר איצטער כאקאַבאַ געזאגט אזוי ווייך... ער וואלט אוועקגעלייגט זיין האנט אף אירער, און וואלט עס איר געזאגט... און ער וואלט איר נאך א קוק געטון אין די אויגן... יא, גלייך אין די אויגן! און וואלט אויסגעהאלטן איר קעגנקוק, — זיכער אויסגעהאלטן! און עפשער באנאכט, נאך א קוש געטון אויך... עפשער... ווארים, ווען מאכט זיך דאס אזא גליק — אן ערלעך אינגל, געראטן, געקומען ווער ווייסט פון וואנען און ארייגעפאלן גלייך צו אים, צו כאקאבען? — אין קאמף וואלט זי דאס געהאט, וואס? און זי, ראזע, געפעלט אים אויך ניט. עפּעס איז זי לעצטנס מיעס געווארן, פונקט אף צו להכעיס. א געל פּאַנים האט זי באקומען, מיט פלעקן אזעלכע. און א גאנג א צעקראכענעם, שוין באלד די מאמע.

ער הוסט זיך אפּ, און גייט א ווײַלע ארום אין הויף. אין דער עמעסן כאפּט ער זיך ארײַן אין קיך, און רוימט ארײַן ראזען:

— וואס ביזטו אזוי צעקראכן? א פרעמדער מענטש אין שטוב, מעג־סטו ארויסווייזן אביסל א פרייליכערן פּאנים!

— אוואדע! ווען ער קען אין שטוב בלייבן, איין טאג, כאטש איין טאג, וואלט ער זיך מיט איר אדורכגערעדט, אדורכגערעדט וועגן אלץ. און מיט דער מאמען וואלט ער זיך אויך אדורכגערעדט, שארף און קלאר. ער וואלט אלץ איינגעשטעלט, ווי ס'דארף צו זיין. איין טאג נאר דארף ער...

ער קומט צוריק א שמייכלנדיקער. ער פרעגט:

— ווי זעט אוים אין גאס?

מוישקע פארטראכט זיך, מיט א געקנייטשטן שטערן:

— שווערלעך... שטיל אין גאס, נאר מען קען ארבעטן...

דער שטרויענער וויגשטול האט זיין איינגעשטעלט אַרט פארלוירן. ער וואנדערט היינט גאנצע טעג ארום. ס'טרעפט זיך היינט, אז אינדערפרי ווערט ער פארוואָרפן מיט קישעלעך און צודעקס, — פארגעסט מען זיך אַן אים ביז טיף אינמיטן טאָג, און צומאָלס אויך ביזן אָוונט. ס'טרעפט אויך גאַנץ אָפט אז מען נעמט אים אַן מיט קאָס פארן קארק און מ'גיט אים א

שליידער אוועק, איז נאָר א דאנק די פלינקע פיס בלייבט ער מיט גאנצע ביינער.

דער גליקלעכסטער טאָג פאר אים איז, ווען מען ווארפט אים ארויס אין הויף ארויס — דעמאלסט איז ער זיכער מיט א פּאָר רואיקע שאָ, און צומאלס אויך מיט א גאנצער נאכט, און א גאנצן טאג נאכדעם, אויב מ'האט זיך אָן אים ניט דערמאנט. דאס ארט פון דער אלטער, פארנעמט היינט אממערסטן די דיקע, ווארימע, שווארצע קאַץ. צומאלס אויך אף א רעגע, א פּאָר שכיינישע קינדער. זיין אָרט אין שטוב איז — דאָ באַ איין בעט, דאָ באם צווייטן, בא דער קליידער - שאנק, באם בופעט. ווען מען קען, וואלט מען אים אונטער די בעטן ארונטערגערוקט. אמשטארקסטן ליידט היינט דער וויגשטול פון דער אלטער. זי קאפּעט אים מיט די פיס, שליידערט אים שטופּט מיט די זייטן. פון דער יונגער איז נאך צו דערליידן, נאר די אל־טע — באהיט זאל מען ווערן!

איינמאל נאָר, פאר דער לעצטער צייט, האָט זיך אין אים ארייגנגע־ווארפן די אלטע מיט אזא אימפּעט, און מיט אזא האסט — אז דער וויג־שטול האט זיך צו איר צוגעדריקט און ארומגענומען, — געמיינט, אז צו־ריק א גוט לעבן געווארן, און ס'וועט אוועק ווי אין די אלטע, גוטע צייטן... האָט אָבער די יונגע אף דער אלטער, און אף אים, אזוי פיל וואסער דעמאלט געגאָסן, אז דורך צוויי טעג און צוויי נעכט האָט ער נאָך די ביינער ניט געקענט אויסטריקענען... וואס ס'איז דעמאלט געווען, ווייס דער וויגשטול ניט צו דערציילן. ער ווייסט נאָר, אז א פלעשל עסיק און א נאַס טיכל זיי־נען אף אים געלעגן ביז שפּעט אין אָוונט. ערשט שפּעט אין אָוונט, ווען דער אלטער איז אין שטוב אריין, האָט א צי געטון מיטן נאָז און א פרעג געטון:

— וואס שפּירט מען דא עפּעס אין שטוב, ווי עסיק, צי וואס? —

האט די יונגע, איילינק דאס פלעשל עסיק אראפּגעכאפּט, און פארוויינס דאָס נאַסע טיכל. האָט האסטיק דעם וויגשטולס פלייצע מיט דער האנט גע־ריבן, ווי וועלנדיק פון אים, מיט איינמאל, אפּרייבן דעם לעצטן שפּור פון דער אלטער, און האט אים אין הויף ארויסגעטראגן.

פון דעמאלט אָן האט זיך עס אנגעהויבן.

אזוי איז זי, די גאס — לופט, פול מיט לופט.
און וואס איז לופט, אויב ניט האפנונג?
שיקערע האפנונג! וויפל קויעך דו רופסט ארויס!

כאקאבא ווערט מיט יעדער טאג אלץ עלטער, דאס פעקל אלץ שווע־רער; און מיט יעדער טאג טראגט ער עס אלץ לייכטער, אלץ צופרידן־שמייכלנדיקער. און מיט יעדן פארשוואונדענעם טאג, זעט ער אלץ נעענטער יענעם טאג... יענעם טאג, וואס נארט און רופט, און ציט:

— איך גיי, איך גיי.

ציט מיט אלע כושים, כאקאבא, און ער גייט, ער שפאנט, ווי א נע־הארכזאם פערד אין וואגן.

אוונט. ווי שטאלענע שומרים האבן זיך די עלעקטרישע לאמפן איבער די גאסן אויסגעשטעלט, און בלאנקען מיט זייער ווייסער שיין איבער ברוק און ווענט. ווי ווייטע דורכפארער אף א פרעמדער חתונה, האבן זיך די שטערן אין טיפן הימל פארהאלטן, און קוקן. וואס זעען זיי? ניט היימיש קלינגט דעם דורכגייערס טריט איבערן ברוק — ער אײלט. דער ווארעמער קלאנג און געטוליעטער שיין גיבן זיך פון אן אויפגעעפנטער טיר א ריס ארויס און ווערן באלד בא דער טיר דערשטיקט.

ס'גליטשט זיך שטיל אדורך אן אויטא, און ערגעץ קלאפן אדורך רע־דער פון א פור. און אין אט דער שטילער פרעמדקייט, שפירט כאקאבא א קוואל פון ווארעמקייט.

ער האט אים ליב, כאקאבא, דעם אנהויב פון צעשפרייטן אוונט. ער האט אים ליב קימאט ווי — דאס בעט. ער גלעט זיך אין דער שטילער פרעמדקייט פון אוונט, און טוליעט זיך, און ווארעמט אויס זיינע האפנונ־גען, ווייטע און ניט זעבארע, ווי די טיפע, טונקעלע הימלען אין דער נאכט. זיינע טריט זיינען שווערע, רואיקע און איינגעהאלטענע.

ער איז באלאדן מיט פעק. גייט ער אהיים?

כאקאבא ווייסט ניט. ער פארלאזט זיך אף די פיס — זיי וויסן שוין, וואס זיי האבן צו טון אין דער שא. ער, כאקאבא, איז צופרידן. פון וואס? א נאפקעמינע פון וואס! ס'איז גוט אזוי, ס'איז ווארעם. נאך א גאנצן טאג

האוועז און שוויצן, נאך א גאנצן טאג נערודער און טומל, רוט איצטער כא־קאבא אפ. ער קומט צו זיך, און איז צופרידן.

ווי דינינקע, צערונענע וואלקנדלעך, יאגן זיי אדורך די געדאנקען פאר־ביי אים, פארשווינדן, און ווערן פארביטן מיט אנדערע אויך אזעלכע דינינ־קע, צערונענע... אנזאמלונגען. קליענטן, א כאסענע־געמאכטע טאכטער, א באזארגטע עלטער, באקוועמלעכקייטן, און — איבער דעם אלעמען א שטרא־לנדיקע צופרידנדיקע אויפגערייצטקייט.

שוין יארן אין דעם. און אומפארמיידלעך איז איר קומען, פונקט ווי איר פארשווינדן. אבער — צו וואס טראכטן? איז דען ניט גוט אט די אויפרעגונגען?

וואס? סארע? ווי אלעמאל, מיסטאמע, אין בעט. ראזע א שווייגנדיקע און מיעסערע, עפשער נאכמער ווי אלעמאל. און וואס נאך?

— אפ־גע־בר־ע...

וואס! ?

כאקאבא האט זיך האסטיק א שטעל אפ געגעבן. וואו איז ער? ער שפירט א קעלט אדורכלויפן דורך זיין גאנצן קערפער ביז אין די שפיץ נעגל פון די פיס.

ער קוקט זיך ארום, און שרייט צו זיך אליין אויס: נאר! זיך אליין שיר די גוטע שטימונג ניט צעשטערט. און ווי אזוי איז אים איינגעפאלן בא דער סאמע טיר פון איינגענעם הויף... מיט שווערע, איילנדיקע טריט טרעט ער אריין אין הויף אריין.

א טומל אין היטלמאכערס צימער האט זיך איבערגעריסן, און א קאפ האט פון טיר ארויסגעשטעקט... כאקאבא גייט צו זיין צימער, דעם גרויסן צימער — דעם עס ־ צימער.

דאס קלאפן פון מאשין אין צווייטן צימער, באם שניידער, האט זיך אויך איבערגעריסן, און ווידער האט א קאפ ארויסגעשטעקט...

אין כאקאבאס צימער איז פינסטער. ער פארשנעלערט דעם טראט. די טיר איז אפן. ער רופט:

— סארע! ראזע!

און ווארפט די בעקלעך אין פינסטערן צימער, צווישן מיר און שרייבטיש.

— סאר — ר...

— אנטשולדיקט... זייט אזוי גוט, קומט אריין... קומט אריין צו אונז...

— וואוהין?

און א שטארקער האמער קלאפט דארט טיף אין כאקאבאס ברוסט־קאסטן אוים מיט קלעפ שטארקע און געציילטע: פרייד!.. אומגעריכטע פרייד!.. אליין געבעטן... פרייד...

הילפלאז שטייט כאקאבא א געבויגענער, און הערט:

— נישט גוט געווארן... אוועק אין שפיטאל... ס'איז גארניט... ניט גוט געווארן...

און טראכטן טראכט כאקאבא: אזוי איז דאס... שוין יארן אין דעם... צוערשט פרייד, פרייד אומגעריכטע און ניט בארעכטיקטע, און נאכדעם.... יאוש אין אויסגעברענטן, טליענדיקן הארץ... האט ער דען ניט געוואוסט?

שטייט ער אזוי א געבויגענער, מיט א פארברענט פנים, און ברייטע טונקעלע הענט, וואס הענגען שווער אראפ — שטייט ער אזוי און שמייכלט שולדיק: — אזא אלטער, און האט נאך ניט געוואוסט, אז... פרייד מוז באצאלט ווערן...

אין טיפער איינגעשלאפענער נאכט האט מען זיי אהיים געבראכט. א פור האט זיך צוגעקייקלט צו דער טיר פון זייער שטוב.

מען האט זיי אונטער די הענט פון פור אראפגעפירט, כאקאבאן און סארען.

עמעצער איז פארלאפן און האט אין זייער צימער ליכט אנגעצונדן.

מען האט סארען צום בעט צוגעפירט. א טונקעלע, שווערע מאסע, האט זי זיך איבערן בעט איבערגעבויגן. מען האט זי אפגעלאזט, און ווי א שווערע, פארמלאזע מאסע איז זי אפן צערודערטן בעט געבליבן ליגן אן באוועגונגען.

מיט כאקאבאן איז מען געבליבן שטיין. וואוהין פירט מען אים? צו די בעטן — ניט צו איינער, און ניט צו דער צווייטער איז באקוועם. אף א בענקל — אויך ניט. און כאקאבא אליין האט זיך אנגעשפארט אף אקסלען צוויי, פוןביידע זייטן, מיט א קאפ אן אראפגעלאזטן, און שווייגט. ווארט

ער אַף עפּעס? אדער גאר ווי א געצערטלטער קראנקער — האָט ער זיך אַף אקסלען צוויי אנגעשפּארט, און איז איינגעשלאָפן?

מענטשן קוקן זיך איבער.

און כאקאבא הויבט פּאוואָלינקע דעם קאָפּ אויף. ער קוקט פארשטיי־נערט אַף דער קעגנאיבערדיקער וואנט. ער הויבט דעם קאָפּ אָלץ העכער. אָט האָט ער אים אביסל אַף א זייט א קער געטון. ער קוקט אַף א צווייטער וואנט, אַף מענטשן. ער באפרייט פּאוואָלינקע איין אקסל, נאכדעם א צווייטן. זיינע אויגן הויבן אן באקומען א שארפקייט, ווי ער וואָלט גע־וואָלט אן עפּעס זיך דערמאנען. זיי שרעקן אים, די מענטשן.

ער טרעט פון זיי אָפּ אַף א טראט און נאך אַף א טראט. וואס גייען זיי אים נאך די מענטשן? ער טרעט נאך אַף א טראט אָפּ. ער זוכט פון הינטן, מיט דער האנט אן אנהאלט. ער טאַפּט אן דאס ווענטל פון ראזע'ס בעטל. ער שפּארט זיך אן דערין מיט זיין גאנצער פּלייצע. וואס ווילן זיי די מענטשן? ער קוקט זיך אום און דערקענט ניט. וואס איז דאס? וואס איז דאס, וואס שטייט דא? ס'איז אים אזוי באקאנט, און ער קען זיך ניט דער־מאנען. ער ציט מיט דער האנט צום שטערן — וואס קען דאס זיין?

אך, יא — ס'איז דאך ראזעס בעטל... ראזעס!

ער גיט זיך א ריס, און נעמט דאס בעטל מיטביידע הענט ארום:

— ראזע! מיין ארעמע ראזע! מיין טייער קינד, ראזע! מיין איינציק קינד! מיין גאנץ לעבן! ראזע...

ער גראבט דעם קאָפּ אין די קישנס פון בעטל אין איבערבעט, צודעקס, ער שמעקט, ווי א הונט — און קוקט, און רופט:

— ראזע! מיין איינציק קינד, ראזע! וואו ביזטו!

און פּלוצלינג גיט ער זיך א שטעל אויף. זיינע אויגן גלאנצן. דער רוקן אויסגעבויגן. ער לויפט צו צום ערשטן און כאפּט אים אן באם לאַץ פון רעקל:

— זאגט נאר! איר זענט דאָך א שאכן. איר קענט דאָך מיין שטוב — זאגט מיר: האט איר געקענט מיין טאכטער?

ער דערשרעקט זיך, עפשער איז ער ניט געווען העפלעך. רוקט ער ארויס א בענקל און בעט ווייך:

— זיצט, איך בעט אייך. איך האב דאך מיין טאכטער אינגאנצן ניט געקענט. שטענדיק געווען פארנומען — האב איך ניט געקענט. איר קענט דאך מיין שטוב, איר האט דאך אויך געקענט מיין טאכטער — דערציילט מיר: ווער איז זי געווען, מיין טאכטער? גלויבט מיר, בענעמאנעס...

און כאקאבא פארשטעלנדיק מיט ביידע הענט דעם פאנים, האט זיך א וואקל געטאן...

יוזעל האָז

.1

דאָס, וואס אָנשטאָט זיצן איבערגעבויגן איבער א רעקל אָדער א פּאָר הויזן, צוזאמענגעלייגט די פיס הינטער זיך אף א שטרויענעם בענקל אדער אף א הארטן טיש — איז יויעל איצטער געשטאַנען שאָען־לאַנג איינגע־פּאַקט צווישן הונדערטער מענטשן אין דעם ענגן־הויז פון פּאָליציי־דעפּאַר־טאַמענט, אָדער אין די גרויסע זאַלן פון דעם אימיגראציע־אַמט און האָט בלויז געקוקט אף די ווענט, אדער אין די פארשוויצטע פּעני־מער פון אומבאַקאנטע מענטשן — דאָס האָט פאר יויעלן גאָר ניט געביטן. יעדער מאָל ווען ער איז ארויס אין גאַס מיט אַן אונטערגעשריבן פּאַפּירל אין האנט, האָט ער ניצאָכנדיק זיך ארומגעקוקט אף אלע זייטן, האָט אָפּ־געווישט דעם שוויים פון פּאָנים, און זיך געלאָזט לויפן. ווי ער וואָלט געאיילט עפּעס ניט צו פארשפּעטיקן.

אפילע א פּאָר טעג נאָכדעם ווי ער האָט שוין די ארויספּאָדערונגס־פּאַפּירן אוועקגעשיקט, איז ער נאָך אלץ מיטן זעלבן אימפּעט און פריידיקן גלאַנץ אין די אויגן, געלאָפן איבער די ברייטע און שטענדיק פארפולטע מיט מענטשן — בוענאָס איירעסער גאַסן, יאָגנדיק, בא די זייטן מיט זיינע לאַנגע הענט.

ס'האָט זיך אים אלץ אויסגעוויזן, אז ער טוט עפּעס וויכטיקס און נויטיקס.

און פּלוצלונג האָט זיך עס אויסגעוועפּט, און יויעל איז אינמיטן גאַס געבליבן שטיין: וואָס?

ווי דער לויף פון א שטערן, האָט זיך פארביי אים דורכגעטראָגן די דערינערונג פון זיין ערשטן טאָג קומען אין דעם דעמאָלט פאר אים נאָך ניי־און־פרעמד לאַנד; ס'האָבן זיך אדורכגעשניטן פארביי אים די

שווערע, אָן־סאָפּיקע, טעג פון שטיין שאָען־לאַנג אויף די שוועלן פון די רע־
גירונגס־אנשטאַלטן אויף צו באקומען דאס רעכט צו ברענגען ווייב און קינ־
דער צו זיך, און איז פארשוואונדן אין דער ענדלאָזיקייט ווען דאס שיף
וואס וועט זיין פאמיליע אויף זיך טראָגן, וועט זיך דערנענטערן צו די ברעגן
פון בוענאס־איירעס.

און ווייטער?

ער האָט דערפילט א מידקייט אין זיין גאנצן קערפער. ער האָט דאָך
יאָרן־לאַנג געארבעט. ער האָט דאָך יאָרן־לאַנג געצילט צו עפּעס! און אָט
קומט דער „עפּעס", דערנענטערט זיך, און יויעל איז מיד, ער קען ווייטער
ניט גיין.

יויעל איז מיט מידע טריט אוועק צו זיך אין צימער, אויסצוציען זיך
מיט זיין לאַנגן קערפער אפן שמאָלן אייזערנעם בעטל, און ארומוועבן זיך
מיט די דינע זיסע פעדים, פון דעם וואס דאַרף אָנקומען.

און פון ערגעץ — אן אומעט א גרויער, צוערשט א דינינקער, און
נאָכדעם אלץ גרעבער און גרעבער, האָט זיך איבער יויעלן צעשפּרייט,
אדורכגענומען און האָט אים פון איין זייט אפן צווייטן געווארפן.

ליגט יויעל אויף זיין שמאָל געלעגער, און זוכט מיט גוואלד, איבער דעם
גרויען אומעט, ארויסצורופן די פארשטעלונג פון זיין אלטער היים, ווען דער
בריוו־טרעגער וועט די פּאפּירן ברענגען — — —

אָט זיצט פויגל מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן איבער דער מאשין... אדער
זי מישט גאָר אין א טאָפּ אויף דער „פרימוס" מאשינקע, וואס שטייט אפן
הויכן קאסטן אין ווינקל פון צימער... איציקל זיצט אויף דער פּאָדלאָגע און
האָקט טשוועקעס. די מאמע שרייט צו אים אז ער זאָל אויפהערן שפּאַלטן
קלאָפּט מען אין טיר. ס'ווייזט זיך דורך דער האלב־געעפנטער טיר אן אויס־
דעם קאָפּ... רויזל האָט זיך גאָר פלוצים פאנאנדערגעזונגען... אין דעם
געבויגענער עלנבויגן, א פוס, און דער גראָבער בריוו־טאַש פונם בריוו־
טרעגער...

פויגל גיט אויף גיך א וויש אָפּ די הענט אָן קליידל, און לאָזט זיך צום
בריוו־טרעגער. עס קלאַפּט איר, פויגלען, דאס הארץ, — זי פילט אז דער
בריוו איז ניט סתּם א בריוו, נאָר ס'איז א בריוו מיט עפּעס... — זי רייסט

פּאַרזיכטיק אויף דעם ראַנד פון קאַנווערט, און דערזעט די שפּיצן פון קאַ־לירטע פּאַפּירן... זי האַלט ניט אויס... ענדלעך!.. און צעוויינט זיך: יויעל, יויעלקע... — — —

ווייל ער, יויעל, ארויסשלעפּן די פרייד, וועלכע ער האָט געטראָגן אפן שפּיץ פון אימפּעט גאַנצע צוויי יאָר, ער וויל מיט איר זיך דערוואַרעמען, אויפהויבן — און דער גרויער אומעט, וואָס האָט אים ארומגעוויקלט אין זיין האַלב־פינסטער צימערל אפן שמאָל בעטל, שטויסט גראָב די פרייד אוועק, יאָגט זי, און מיט האַרטע שטויסן דערמאָנט ער אים —

— יויעלקע? — יויעל האָז... געדענקסט?

און פאַר יויעלן שווימען ארויס דערינערונגען, האַלב פאַרגעסענע פון ווייטן אַוואַר. ער דערזעט זיך אין גרויסן העל־באַלויכטענעם צימער פון דעם פּראָפעסיאָנעלן פּאַריין, דאָרטן, אין דער אַלטער היים. אין צימער איז אָנ־געוואַרפן שטיקלעך פון אויסגעוויכערטע פּאַפּיראָסן. אַ טומל, כּאַוויירים און כאַוועירטעס. יויעל שטופּט זיך צווישן זיי.

— האָז, וואָס מאַכסטו?

יויעל שמייכלט. ער וועט דאָך ניט גיין מיט יעדערן מאַכן סקאַנדאַלן פאַר יעדער וואָרט. ער הערט ווי עמעצער זאָגט —

— יויעל, וועט גיין צו די באַלעבאַטים — נישקאָשע, ער מעג!

און ער שפּירט ווי מען פּינטלט צו אים מיט אַן אויג. ער ווייסט אַז מען האָט דאָס ניט געזאָגט ערנסט — מען ווייסט דאָך סאַי ווי סאַי אַז ער וועט ניט גיין, עלע וואָס דען? — מען וויל אים אָנשרעקן...

און פאַרוואָס רופן זיי אים „האָז"? זיינען אַלע דען אַקטיוו? האָט ער ווען אַ שטרייק געבראָכן?

—האָז שניידט זיך אָפּ אַ באַלעבעסל...

אַ גליק וועט זיי טרעפן, ווען יויעל וועט אַלעמאָל ליגן ניין איילן אין דר'ערד. — האָז שניידט זיך אָפּ אַ באַלעבעסל.

נישקאָשע, ער געדענקט, און ער האָט דאָס דעמאָלט גאַנץ גוט געזען, ווי זיי האָבן פאַרביסן געשמייכלט ווען ער איז צום ערשטן מאָל געקומען אין פאַריין מיט פויגלען. אַ נידעריקערע פון אים, אָבער אַ ברייט־פּלייציקע,

פולע, מיט א ווייס פּנים און שוואַרצע אויגן. די האָר זיינען בא איר שטענדיק געווען פאַרקעמט ווי אין טעאַטער אַריין, און א בלוזע האָט זי אויך שטענדיק געטראָגן א ווייס־יאָמטעוודיקע. די ווייס־ראָזע הענט ביזן אַקסל אַרויף האָבן אַרויסגעאָטעמט דורך די לאַנגע, דורכזיכטיקע, זיידענע אַרבל אירע. ער האָט געהערט ווי אימיצער האָט שטיל א זאָג געטון —

— געזען דאָס ווייב וואָס דער האָז נעמט זיך?

נו, אוואַדע, האָט ער געשמייכלט. ער האָט נאָך דערמאָלט גענומען פויג־לען אונטער דער האַנט. ער האָט זיך צו איר צוגעטוליעט. ער געדענקט עס גאַנץ גוט.

ניין, ברידערלעך! יויעל אַרבעט, יויעל ליידט, יויעל פוילט אין א „קאָנווענטיזשע צימערל", אָבער יויעל רייסט זיך אַף אַרויס, יויעל וויל לעבן. יאָ, יויעל וויל לעבן!

ער האָט זיך פון בעטל אויפגעהויבן, האָט צוגעמאַכט די טיר פון צי־מערל און אַרויסגענומען פון קעשענע אַן אַרומגעוויקלט ביכעלע. ער האָט דאָס פּאַנאַנדערגעוויקלט, און אַפן קאַלירטן טאָוול פון ביכעלע, איבערגע־לייענט, וואָרט און וואָרט: —

— Banco de la Nación

ער איז לייכט אַדורך מיטן האַנט איבערן טאָוול פון ביכעלע, ווי דער צאַרטער גלעט פון א מאַמען איבער דעם פּנים פון איר איינציק קינד, און האָט עס פאַרזיכטיק געעפנט. מיט לייכטע שפּרונגען זיינען זיינע אויגן גע־לאָפן פון איין ציפער צום צווייטן און באַם לעצטן ציפער געבליבן שטיין —

— 485.65 $.

ער האָט אַף דער שנעל געגעבן א מאַך־צו דאָס ביכעלע, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט אַז די ציפער זאָלן זיך ניט דערשרעקן פאַר זיין אויג און אַרויסלויפן, און האָט א שפּרונג אונטער געגעבן —

— זאָל זיין האַז, אָבער יויעל וועט אַרויס אַפן ברייטן וועג, ער וועט אַרויס...

ער האָט זיך צוגעזעצט אַפן בעטל און האָט גענומען א בלייפעדער אַף צו כעשבענען.

אויסגעקומען איז, אז ביז וואנען פויגל מיט די קינדער וועלן קומען, וועלן אים אוועק העכסטנס די פינף־און־אכציק פּעזאס. א הונדערטער וועט אוועק אף אביסל מעבל אויסצוצאָלן, און דרייהונדערט וועט בלייבן אף א מאשין, א שילד, דירע און אביסל רעקלאמע.

יאָ, יויעל וועט אַרויס אפן ברייטן וועג. די טעג פון ארבעטן בא יענעם, זיינען שוין בא אים געציילטע. דער ברייטער וועג איז פאר די אויגן.

און דאָך —

אָנגעשפּאַרט אָן די קני, האָט יויעל דעם קאָפּ פארבאהאלטן צווישן די הענט. אן אומצופרידענקייט מיט דאס דערגרייכטע, א ביטערקייט פארן אָוואר, און ניט גלויבן אין מאָרגן — האבן זיך ארום אים געוויכערט ווי שטיקער וואָלקנס פאר א שטורעם.

— נאָך אלעמען האָט ער געטראַכט — איז שטענדיק שווערער קאמף און ארבעט... קאמף און ארבעט. און לעבן? ווען האב איך געלעבט, און ווען וועל איך לעבן?

אף דער מיט פּלייצע, איבער א דינעם שנור, האָט א ווארימער פונק א גלי געטון, א גליטש געטון זיך, און איידער ס'איז דערגאַנגען צום רוקן, איז עס אויסגעלאָשן געוואָרן.

און יויעל האָט א טראַכט געטון —

— זינד?.. בלויז זינד איז לעבן?.. און איצטער ווען פויגל קומט?

דער אומעט האָט יויעלן געשטיקט. ער האָט געהאט דעם פארלאנג פון וועלן זיך אָנשיקערן, פארגעסן. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, באטראַכט די ווענט פון זיין צימערל, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל דעם שוועל דער־פון איבערגעטראַטן, און אָן עקל צו זיין וואוינונג, ווי דער עקל צו זיין גאַנצן ביז־איצטערדיקן לעבן, האָט אים ארומגענומען —

— איפּעש און זומפּ...

די אלע שכיינים פון דער גאַנצער רייע טירן איבערן שמאָל־לאַנגן הויף, האבן זיך ווי צוזאמענגענומען און זיך אויסגעשטעלט פאר יויעלס אויגן: —

— קוק אונז אָן, אָט זיינען מיר...

זיי האָבן ציניש זייערע מײַלער פאנאנדערגעעפנט, אויפגעדעקט זיי־

ערע ברוסטן, מיט שווארץ שמוציקע פינגער פאַנאַנדערגעעפנט די אַזוי־אויך־גרויסע לעבער פון זייערע בגאָדים, דורך וועלכע ס'האָט זיך געזען ס'קווי־טיקע לייב; זיי זיינען מיט די פינגער אַדורכגעלאָפן דורך זייערע שטעכיקע שווארצע האָר, ווי צווישן קוסטעס ווילד־פאַרוואַקסענעם וואלד; ווי אפגע־שטאַנענע שמוציקע קאַלוזשעס, האָבן געגלאַנצט זייערע אויגן מיט אַ רויט הייטל פאַרצויגן... קויט, שמוץ און קרענק... און אַלע האָבן זיי זיך אַזוי היימיש געשאַרט צו יויעלן, גוטברודעריש צו אים געשטשירעט מיט זייערע צעפוילטע מיילער —

— אונזערער, אונזערער...

יויעל האָט אַ שוידער געטון. ער האָט זיך געגעבן אַ שטעל אַנידער, און אַ טרייסל אָפּ מיט די אַקסלען, ווי וועלנדיק אָפּטרייסלען פון זיך די אַלע שווערע זעאונגען. ער האָט צו זיך אַ זאָג געטון: —

— נאַרישקייטן — מידקייט און ניט מער...

אָפּן אָנהויב רוקן און עק פון דינעם שנור, האָט ווידער אַ פונק אויפ־געגליט, און זיך באַלד אויסגעלאָשן. יויעלן איז צום צווייטן מאָל דער גע־דאַנק דורכגעלאָפן —

— זינד?..

ער האָט צוגעדריקט די צונג צום גומען. ער האָט געוואָלט שפּירן אַ פייער פון מאַשקע, וואָס צעגליט זיך איבערן גאַנצן קערפּער און פאַרדרייט דעם קאָפּ.

ער האָט אַרויסגענומען דאָס באַנק־ביכעלע און עס איבערגעלייגט פון איין האַנט אין דער צווייטער, אַזוי עטלעכע מאָל קעסיידער, ווי זוכנדיק אַרויסצוציען דאָס געזוכטע פייער פון די קאַלטע פּאַפּירענע טאָוולען.

דער טאָג קייקלט זיך לאַנגזאַם אַראָפּ. די אַרעמקייט פון די צימערן אַרויס, שפּרייט זיך איבערן שמאָלן הויף, שלאָגט אָפּ אָן דעם אַנגעגליטן ווענטל, וואָס טיילט אָפּ דעם „קאָנווענטיזשע הויף" פון אַ צווייטן, און צע־טראָגט זיך אין רייכעס פון שימל און צעפוילטקייט איבערן גאַנצן הויף און פּילט אויך אויס יויעלס צימער.

באַם גרויסן קראַן וואָס איז אין עק הויף, שטייט די גאַנצע איינוואוי־

נערשאפט — מענער, פרויען און קינדער, מיט נאקנס אנטבלויזטע, בראָנ־זענע, מיט שוויס באַגאָסענע, און וואַרטן אויף דער רייע, צו קאָנען אראָפּ־שווענקען דעם לעצטן שוויס פון פארגייענדיקן טאָג.

יויעל מיידט אויס ווי ווייט־מעגלעך צו זיין באַ זיך אין צימערל, ווייל דאָס צימערל דערמאָנט אים אָן אייביקער ארעמקייט, אָפּגעשטאַנענער יאוש־דיקייט. ער שפּאַנט גאנצע טעג איבער די גאסן, רוט זיך אָפּ אויף בענק אין גערטנדלעך, זיצט ערגעץ שאָען־לאַנג באַ א ביליקער קאפע, און שמייכלט צו יעדער דורכגייער, גרייט פאר יעדער דורכגייער זיך פארענטפערן, אז בלויז אויף א פּאָר טעג רוט ער זיך דאָס אָפּ אזוי, יויעל... אז צוויי יאָר נאָכאנאנד האָט ער, יויעל, געארבעט איינגאנצן אָן אָפּרו, און ערשט איצטער וועט ער זיך דאָס א נעם־טון צו דער ארבעט... בלויז א פּאָר טעג...

ער שוויצט, שמייכלט, עטעמט שווער, און האלט אין איין ווישן דעם שוויס פון פּאָנים.

נאכט רוקט זיך אָן, און שפּרייט זיך ביסלעכווייז אויס איבער דעכער, מאכנדיק איינגאנצן פינסטער אין שמאָלן הויף.

צינדן זיך אָן די איינציקע, קליינינקע עלעקטרישע לעמפּעלעך אין די צימערן. הענגען זיי, די לעמפּעלעך, אויף אויסגעגעסענעם דינעם דראָט, איבער די מיטנס פון די צימערן, מיט פענימער פון פליגן באפינטלטע, און דער־ציילן דער ראכוועסדיקער נאכט א מאיסעלע — דאס מאיסעלע פון אָרעמקייט...

ניט געקומען דאָס געהאָפטע ווינטל — נאכט האָט אָפּגענארט.

דאָס דיקע צווילינג, דאָ באַלד דערנעבן — דער „אלמאסאנערא" מיטן ווייב — באַוועגן זיך צו לאנגזאם אויף צו קענען באַפרידיקן אלע קוינים, וואס קומען נאָך א קאַלטן טרונק.

א דין, יונג מיידעלע, שטעלט אוועק א ליידיקן סיפאָן אפן טיש, ווישט אָפּ מיט דער האנט דעם שוויס פון פּאָנים און זאגט אין דער וועלט אריין —

— שוין דער דריטער סיפאָן...

— א פלאַש ביר און צוויי סיפאָנען.

— א בילס און א סיפאָן.

פון הויף ארויס, מיט גרויע שטעכעלקעס דאס פּאָנים באוואקסן און

מיט אן אויסגעקראכענעם קאָפּ, איינגעבויגן, אין א פּאָר אלטע שטעקשיך, וואס הערן ניט אויף צו פּאטשן די ערד—רוקט זיך אין אלמאסען אריין דער אַלטער טאָמאַס. ער גייט צום פּארקויף־טיש צו, שפּארט זיך אָן אים אָן מיט זיינעביידע פויסטן, און קוקט ברויגעזדיק אויף די פלעשלעך און פושקעלעך פון דער קעגנאיבערדיקער וואנט.

דער אלמאָסענערא קען זיינע שביינים. טאָמאַס איז ניט פון די וואס וועלן זיך מיט סאָדע־וואסער לאָזן נארן. אָבער פאר א פלעשל ביר וועט אים זיין אלטע מיט א שמאָטע איבערן פּליכן קאָפּ שמייסן. דערלאנגט ער אים א גלעזל רויטן וויין —

— צום געזונט, טאָמאַס!

טאָמאַס פארזוכט פון גלעזל, רוט זיך אָפּ, קערט עס מיט איין מאָל אריין אינם פאַנאַנדערגעעפנטן מויל, אוןווארפט ארויס אפן פארקויף טיש א מאַטבייע, א צען סענטיקע. ער קערט זיך ברויגעז אויס, און פּאַטשט אין זיינע שטעק־שיך פון אלמאסען ארויס.

דער הוט אראָפּגעקייקלט צו די פיס, די לאנגע הענט פארווארפן איבער די דינע קניען, מיט א פאנאנדערגעעפנט מויל און פארמאכטע אויגן— גלאנצט יויעלס העל־בלייך פּאָנים קעגן דער לעוואָנע. ער שטייט איצטער אויף דער שיף, איבערגעבויגן איבער דעם אייזערנעם צאם פון דעם מיטלדעק. ער זעט ווי די לעוואָנע גליטשט זיך אין יאַם. נעבן אים שטייט פויגל. די קינדער שלאָפן אונטן. ער שפּירט א מידקייט אין די ביינער; ס'איז היים. אראָפּ אונטן וויל זיך ניט. פון קאפריז ווענן, וואלט ער איצטער געוואלט זיין אליין מיט פויגלען, אפגעזונדערט. ער זאגט איר: ערגער ווי כאַיעס באהאנדלט מען אונז אין דריטן קלאַס — א גאנצן כוידעש צעשיידט מען מיט גוואלד א פאַמיליע... און מיר זיינען דאָך ניט צעשיידט...

פויגל שפּארט זיך אָן אים אָן:—

— א כוידעש, יויעלקע, איז דיר צו לאנג?

צעפלאקערן זיך אין יויעלן די בלוטן. ער פארקלאָגט זיך פאר פויגלען—

— א כוידעש דען? שוין צוויי יאָר... צוויי יאָר ווי איך בין פארוואָרפן פון מיין פאַמיליע, לעב ווי א פארשיקטער, ארבעט מיטן לעצטן אימפּעט, און וואס?

בויגט זיך צו אים פויגל צו, און גיט אים א שעפּטשע אין אויער אריין: —

— ווער הייסט דיר זיין א יאָלד? זעסט ניט אז ס'איז דאָ צו קויפן?

יויעל קוקט זיך ארום. ער זעט א גרויסן זאַל מיט בענקלעך ארומגעשטעלט ארום די ווענט. ס'פארשווינדלט אים אזש פאר די אויגן פון די בינטע קאָלירן פון די מיידלשע קליידלעך, וואס ער זעט אין זאַל און פון די שטי־קער ברוסט און נאַקעטע פיס, וואס גלאַנצן פון זיי ארויס. ער פארבייסט מיט די ליפּן, און זיינע אויגן עסן זיך איין אין די ברוסטן פון איינער. ער דריקט זיך פאר ווייטיק די קניען. נאָר, ניין! יויעל וועט ניט אויסגעבן געלט אף די זאכן!, ניין!.. שווער קומט אים אָן, אָבער — ער גיט א ריס דעם קאָפּ אָן א זייט, און עפנט די אויגן...

א קליין קודלאַטע הינטל, ארבעט שנעל מיט די פיסלעך, רייסט זיך קוים פון שאָטן ארויס, בלייבט נעבן יויעלס פיס שטיין, באשמעקט די ערד, און לויפט אוועק.

אין קופּקעלעך אויסגעשאָטן אין גאַס ארויס, בא די שוועלן פון זייערע הויפן, ווער אף די שוועלן גופע, ווער איינגעקלעפּטע אין בענקלעך בא די זייטן פון די טראטוארן, און ווער אף די טראטוארן אליין — זיצן זיי מיט פיס צעשפּרייטע, אָפענע מיילער, און קעפּ צום הימל פארווארפענע. ס'גלאנצט נאָך אפּ א פיצל האָפנונג אף זייערע אין יאוש פארווייקטע פענימער — עפּשער א שטיקעלע, פיצעלע ווינטל...

קינדער פון אלע הויפן, פון דער גאנצער גאַס האבן זיך אין מיטן דער גאַס צוזאַמענגענומען, האלטן זיך פאר די הענטלעך, און טאנצן אין א גרויסער ראָד, זינגען אין א פולן כאָר, אלע מאל העכער און העכער; און האָבן זיי איין ליד געענדיקט, און האָט איינע א צווייט ליד אָנגעהויבן — כאַפּט דער גאנצער כאָר אונטער, און פארהילכט די גאַס, און פילט אויס די לופט, און דאכט זיך — שטופּט אליץ העכער און העכער אוועק דעם שטיקנדיקן הימל.

די לעוואָנע רוקט זיך אף א זייט. דער העל גראָער שיין מיט וועלכן די גאַס איז באַגאָסן, ווערט עטוואס אומעטיקער. דאָ און דארט האקט זיך א טיר צו, ווער ס'דרימלט מיט אן אראָפּגעהאנגענעם קאָפּ איבערן בענקל

אַראָפּ, ווער אַנגעשפּאַרט אין א טיר. א יונג ווייבל האָט איר קאָפּ צו מאַנס אַקסל אָנגעלענט. דאָ און דאָרט מאַכט אן עלעקטריש לעמפּל צו מיטן אויג. מיט שטימען עטוואָס הייזעריקע, האַלב פאַרשלאָפענע, ציט דער קינדער־כאָר, פון דער גאַנצער גאַס צוזאַמענגענומענער, א געזאַנג צו דער נאַכט.

ניטאָ ווער ס׳זאל מיט שטרענגער שטימע זייער געזאַנג איבעררייסן, פאַר וועמען מוירע צו האָבן.

ערגעץ אין טיפער נאַכט האָט א זייגער אָפּגעזיפצט: צוועלף...

מיט שטילן כויזעק לאַכט די נאַכט: פאַרכאַלעשטע האָב איך זיי אין זייערע לעכער פאַרוואָרפן...

מיט פאַרביסענעם שמייכל קוועלט די נאַכט: זייער קינדער־כאָר האָב איך אויסגעלאָשן...

מיט פאַרשפּעטיקטן טראָט, און לאַנגן שאָטן פאָרויס — קערט יויעל אין זיין געסל אריין.

אָנגעצונדן דאס לעמפּל, זעצט ער זיך צו אויף זיין בעטל.

ער קוקט דורך דער אָפענער טיר אין נאַכט אריין; און פאַר די אויגן דרייען זיי זיך אין רעדער, פאַרשווינדן, און שווימען ארויס, אין שרעק און הייסער זיסקייט: — פויגל, און יענע, פון גרויסן זאַל, מיטן קאַלירט־קליידל...

מיד, און בייז פאַר אן אומבאַשטימטן „עפּעס", וואַרפט יויעל דאס בעטגעוואַנט פון בעט.

מיט אַנטבלויזטן קערפּער טוילעט ער זיך צו דער פרישקייט פון די הוילע ברעטער פון בעט. די ברעטער הויבן אָבער אָן צו קלעפּן צום לייב, און דער אומרואיקער „עפּעס" יאָגט אים פון בעט אַראָפּ.

ער צינדט אָן דאס לעמפּל, און זעצט זיך אויף א בענקל.

ס׳פאַלט מיד זיין קאָפּ צו די אָרעמס. דער שווער טראָפּנדיקער שוויים לאָזט אים ניט איינדרימלען אפילו. נעמט ער דאס קישעלע אונטערן אָרעם און שלעפּט זיך שטיל אין הויף ארויס.

שטיל קריכט ער אויף די טרעפּלעך וואס פירן צום צימערל פונם פאָר־פאָלק. בא זייער טיר בייגט ער אָפּ אויף א זייט, און שלעפּט זיך ארויף אויפן לאַנגן בלעכענעם דאַך.

ער ציט זיך אויס אפן דאַך מיטן קישן אונטערן קאָפּ און זיפצט שטיל אָפּ.

דאָ, אונטערן פרייען הימל, שפּירט זיך יויעל באַרואיקט. דער גערדאַנק זיינער פליסט ווי א זויבער וואַסערל קעגן דער לעוואָנע. ער דערמאָנט זיך אָן זיין היינטיקן כאָלעם אינם גערטנדל, און ס׳פאַרדריסט אים פאַרוואָס ער האָט דעם קאָפּ אָפּגעדרייט אַף א זייט, בלויז דערפאַר וואָס ער האָט ניט געוואָלט אויסגעבן געלט. ס׳איז ניט עמעס — טאַינעט ער צו זיך אליין — איך האָב אָפּגעדרייט דעם קאָפּ, ווייל איך האָב ניט געוואָלט זינדיקן. ניט מער. ניט געוואָלט קעגן פויגלען.

דער גערדאַנק וועגן יענעם זאָל, לאָזט אים ניט אָפּ, און קעדיי צו פּאָטער ווערן פון אים — רייצט ער אָן זיך דערינערונגען מיט פויגלען, דערינערונ־גען וואָס צערייצן די בלוטן.

און פּלוצלונג שווימען זיי אַלע אַרויס, אָט די פון פאַריין, זיי דרייען זיך אין א ראָד און טייטלען מיט די פינגער:

— יויעל האָז, יויעל האָז, יויעל האָז...

יויעל שמייכלט, אָבער יענע לאָזן ניט אָפּ: —

— יויעל האָז, דרייט אוועק מיטן נאָז, ווייל ס׳איז אים א שאָד די קעשענע...

— ניט עמעס, ניט צוליב געלט, ניט עמעס...

ס׳העלפט ניט — זיי שרייען אזוי שטאַרק, אז זיי פאַרטומלען אים. יויעל שפּירט אז ס׳שטיקט אים. ער וויל זיך ראַטעווען. ער זוכט מיט די אויגן, און זעט — ווייט, הינטער זייערע פּלייצעס, זיצט איינער און שפּילט אַף א האַרמאָניע. ער שפּילט שטיל און דין. אָבער יעדער קלאַנג פון דער האַרמאָניע, טרעפט שאַרף, ווי א דין דרעטל אין יויעלס אויערן אריין און צעגייט זיך איבער זיין האַרץ. נעמט זיך יויעל אָן מיט קויכעס, גיט א מאַך מיט זיינע לאַנגע הענט, און גיט זיך א ריס פאָרויס...

יויעל שפּירט אז ער האָט איבערגעריסן א כאָלעם. ער עפנט פאַנאַנדער די אויגן און פאַרשפּיצט די אויערן. מאָדנע — דער כאָלעם האָט זיך אי־בערגעריסן, און די האַרמאָניע שפּילט. ער קוקט זיך אַרום: —

אין א לאַנג ווייס העמד, מיט די פיס צונויפגעלייגט אין א בייגל, זיצט

אפן דאך דער שווארצער אסקאר, און ציט מיט א האַרמאַניע. אין ניצאַכנ־דיקער פרייד ליובטן זיינע אויפגעדעקטע ווייסע ציין, און די העל־לייכטנ־דיקע ווייסלען פון זיינע אויגן — פינטלען און ווינקען צו דער לעוואָנע, ווי זיי וואלטן זי גערופן מיט־טאַנצן.

יויעל פאַרמאַכט באַרואיקט צוריק די אויגן, ער שפּירט קלאָר, אַז:

— אוועק קיין ארגענטינע — אוים האָז...

דורך די לייכטע פליגלען פון כאַלעם, רייסט זיך בא אים נאָך אדורך דער עק פון גנדאַנקעלע:

— יויעל, און — גענוג!..

.2

אינדערפרי האָט זיך יויעל אויפגעכאַפּט אַן אויפגערעגטער, מיט א ניט־געשמאַק אין מויל. ס'האָט זיך אים אַלץ אויסגעוויזן ווי ער וואָלט עפּעס פאַרשפּעטיקט, געקומען פון א שפּעטער כאַסענע, אָדער גאָר געגעסן זיסקייטן, וועלכע האבן אין מויל איבערגעלאָזט א ניט־גוטן געשמאַק. אינ־מיטן אָנטון זיך האָט פאַר אים א פּלאַטער געטון א קאָלירט קליידל.

ער האָט זיך דערמאָנט.

האַלב אָנגעטון איז ער געבליבן זיצן אפן בעטל. פון וואַנען איז דאס צו אים געקומען אָט דער כאַלעם, פּלוצלונג? אז ניט ער האָט שוין פון דעם געדענקט?

ער האָט פאַר זיך דערזען יענע כאַווײרים מיט וועלכע ער איז אמאל „אהין" געגאַנגען. דאס איז געווען דאָרטן. געדרייטע גאַסן, און נאָכדעם א געדרייטער אריינגאַנג אין א גרויסן זאַל. נו, יאַ, זיי האבן געזינדיקט. אָבער ער, יויעל, ניט. ס'איז א ליגן — ניט צוליב געלט האָט ער ניט געזינדיקט! ער האָט ניט געוואָלט...

אָבער פאַרוואָס איצטער, ערשט איצטער איז צו אים געקומען דער כאַלעם? איצטער ווען פייגל האלט שוין באַם קומען?

א האַלב אויסגעלאָשענער פונק האָט זיך צעגליט באַם אָנהויב פון זיין ברוסט־קעסטל. יויעל האָט זיך אזש א קראַץ געטון אין פּאַטילניצע: —

— ווען ניט איצטער... כאָטש ווען ניט איצטער...

און פון הינטערן אויער ערגעץ, האָט אים אַן אומבאַקאַנטער „עמעצער" אונטערגעזאָגט: —

— אַ שאָד געלט, וואָס?

ניין, יויעלן, איז דאָס געלט ניט קיין שאָד. ער שאַרט פון אַ קעשענע אַרויס דאָס גאַנצע ביסל מעזומען געלט, און ציילט עס איבער. פאַרקערט — ער קען דערווייזן אַז ער איז ניט דאָס, וואָס מען וואַרפט אים פאָר. אָבער— איצטער?

איצטער?

ער איז אַריין אין אַ גערטנדל, און האָט זיך צוגעזעצט. בעעמעס איז יויעל אין אַ מאָדנעם פּלאָנטער, ער קען שווערן אַז ס'איז אים ניט קיין שאָדן דאָס געלט, ער קען שווערן, נאָר... איצטער?

ער דערמאָנט זיך, אַז גאַנצע צוויי יאָר האָט ער די געדאַנקען געטריבן פון זיך, ווי פּאַסקודנע פליגן, און איצטער — אַך, יויעל, איצטער!..

ניין, יויעל, וועט דאָס ניט טון! ניין...

ער גיט זיך אַ ריס פון אָרט, און בלייבט צוריק זיצן. דאָס זיס־וואַרעמע געפיל פון טאַיווע האָט זיך אין אים איינגעגעסן. ניט פון היינט אַליין, נאָך נעכטן, און פאַרנעכטן האָט זיך צו אים דאָס געפיל געקלעפּט, דעמאָלט האָט ער עס געדאַרפט אָפּטרייבן, דעמאָלט. אָבער דעמאָלט איז יויעל געווען פאַרביטערט פון מידקייט. ס'האָט זיך אים געוואָלט פאַרגעסן. און איצטער... אַך, איצטער איז שפּעט...

יויעל קרעכצט קימאַט, און איז צופרידן וואָס אַזוי איז אַרויס בּאַ אים דער פּסאַק — איצטער איז שפּעט...

אַוואַדע איז שפּעט. יויעלן טאַנצט אַזש דאָס האַרץ פאַר פרייד. איצ־טער איז שפּעט. און ס'וועלן זיך צעצינדן לאָמפּן, ס'וועלן פינקלען ווייסע טישטיכער, ווײַן וועט אַף געגרייטע טישן שטיין אָנגעגרייט... איצטער איז שפּעט.

און פייגל?

יויעל וויל דערפון ניט טראַכטן. טאָר אַן אַרבעטער קיינמאָל ניט אַ זינדיק טון? שטענדיק אַזאַ פינסטער לעבן, און איינמאָל — בלויז איינמאָל וויל יויעל שפּירן דעם יאָנטעוו פון בלוטן... ער ווייסט, יויעל, אַז ס'איז

כאַזעריש — ער ווייסט, נאָר ער וויל דאָך א זינדיק טון. ער מוז עס... ער שפּירט אַז ער מוז שטילן די בלוטן, צופיל האָט ער געיאָגט, צופיל געפינס־טערט, און איצטער מוז ער זיך א רייניק טון, שטילן די בלוטן... און זיך ווידער נעמען צו דער ארבעט... יאָ, ערשט איצטער וועט זיך יויעל א נעם טון צו דער ארבעט.

יויעל געפינט אויס אַז פון פייגלס טויווע וועגן מעג ער אזוי טון. ער מוז דאָך ארבעטן ... קימאט א רעפוע...

יויעל לאַכט אויף, צו זיך אליין — כי־כי, און הויבט זיך אויף פון אָרט: —

— אזוי שפעט, אזוי שפעט!

ערשט איצטער כאַפּט זיך יויעל אַז ער איז פאַרזעסן אין גערטנדל. ער איילט צו קויפן א צייטונג, אף צו זוכן ארבעט.

ער האָט אויסגעפונען דעם נומער, א האלב אָפענע טיר, איין שויב א צובראָכענע, און אף דער צווייטער א צוגעקלאַפּט בלעטל פון א מאָדע־זשורנאַל.

דער שניידער־באַלעבאָס, א נידעריקער, מיט געקרייזלט געלע האָר און געדיכטע פּאָר וואָנצעס פאַרדרייטע אף ארויף, מיט א פּאָר טונקעלע ברילן אף דער האקעוואטער נאָז, איז געשטאַנען באַם לאַנגן טיש, און מיט דער גראָבער שער געשניטן איבער די ווייסע ליניעס, וואָס זיינען געווען אָנגע־צייכנט איבערן אויסגעלייגטן שטאָף.

ניט אָוועקנעמענדיק די שער פון שטאָף, האָט זיך דער באַלעבאָס אויס־געדרייט, עטוואָס אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און איבער די ברילן ארויס האָט ער אָפּגעמאָסטן יויעלן עטלעכע מאָל פון קאָפּ ביז די פיס, ווי וועלנדיק א שטייגער אָפּמעסטן, וויפיל אזא פאַרשוינדל ווי יויעל, האלט אין דער לענג...

און ניט זאָגנדיק גאָרניט, האָט זיך דער באַלעבאָס צוריק אויסגעדרייט צום שטאָף, אָנגעקוועטשט די שער, און די שער איז ווידער אוועק איבער די ווייס אָנגעצייכנטע ליניעס — כ־כ־רעם, כ־כ־רעם...

יויעל האָט האַכנאָעדיק געוואַרט, האלטנדיק דעם הוט אין האַנט.

דער שניידער־באַלעבאָס האָט גענומען א שטיק פונם אָפּגעשניטענעם

שטאָף, און האָט עם דערלאַנגט דעם דאַרן יונגנמאַן וואָס איז געזעסן אי־בערגעבויגן בײַ דער מאַשין.

יויעל האָט געוואַרט.

דער שנײַדער־באַלעבאָס האָט געמאַכט אַ טראָט צו יויעלן.

יויעל האָט זיך געגעבן אַ צי צוזאַמען, און אַ צי אויס.

די צוויי עקן פּונם לאַנגן סענטימעטער, וואָס זײַנען געווען איבערגע־לייגט איבערן שנײַדערס קאַרק, האָבן אַ טאַנץ געטון איבער דעם שנײַדערס קײַלעכדיקן בויך. ער האָט זיך אויסגעקערט אָן אַ זײַט, האָט אַראָפּגענומען פון אַ פּאָליצע אַן אײַנגעקײַקלט שטיק שטאָף, און האָט עס אוועקגעטראָגן אויפן לאַנגן טיש.

יויעל האָט אַ הוסט געטון.

דער אַרבעטער בײַם מאַשין האָט זיך ניט אומגעקוקט.

דער שנײַדער־באַלעבאָס האָט אוועקגעשאַרט דאָס צוגעשניטענע שטאָף אַף צו מאַכן פרײַ אַן אָרט.

יויעל האָט אומגעדולדיק אַ פרעג געטון: —

— איז ווי־זשע?

ניט אויסדרייענדיק זיך, אַזוי פון הינטן אַרום, האָט אים דער שנײַדער באַלעבאָס אַ זאָג געטון: —

— ניין.

יויעל האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, און איז אַרויס אין גאַס.

אין גאַס איז ער געבליבן שטיין, און האָט אַ זאָג געטון צו זיך אַליין: —

— אָט האָסטו דיר דאָס לעבן... און גיי זינדיק ניט...

ער האָט אַ קריץ געטון מיט די ציין, און אויסגעשפּיגן. ניין, יויעל וועט זיך אַנדערש אַ נעם טון צום לעבן. ער וועט זיך ניט לאָזן, אַז אַ גאַנץ לעבן זאָל ער דאַרפן שטיין מיטן היטל אין האַנט אַף יענעמס שוועלן. ניין און ניין! מאָרגן, פון מאָרגן אָן...

ווידער זעט ער זיך אין אַ הויכן און גרויסן צימער. זון און לופט. ער אײַלט, ער דאַרף פאַרענדיקן אַ רעקל. פײַגל קומט צום צווייטן מאָל אַרײַן: —

דער מיטיק ווערט דאָך שוין קאַלט...

אָ, יויעל אַרבעט ניט בּאַ יענעם. דער מיטיק ווערט קאַלט, און דאָס שטיקל אַרבעט ניט מאַכן צו דער צייט, איז בעסער? אַ קונד דאַרף מען היטן. ער זיצט איבערן רעקל, איילט, און ווייסט אַז דאָס איילט ער זיך פון זיך אַליין, קיינער יאָגט אים ניט...

— שוין, פון מאָרגן...

דעם טאָג האָט יויעל מער קיין אַרבעט ניט געזוכט.

ער איז אַוועק צו זיך אין צימער, און האָט זיך אויסגעצויגן אויף זיין בעטל, וואַרטנדיק מיט אומגעדולדיקן ציטער אויפן אָוונט.

אַ גאַנצן שטיק פון טאָג איז ער אָפּגעלעגן ווי אין פיבער. ער האָט פאַר־לוירן דאָס נאַטירלעכע געפיל פאַר זינד. ער האָט געוואַרט אויף דעם אָוונט, ווי אַן אָוונט וועלכער דאַרף ברענגען אומבאַוואוסטע גרויסע געשעענישן. וואָס וועט דער אָוונט ברענגען? ער האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער, האָט געוואָלט איינשלאָפן — דורכשלאָפן דעם טאָג — און האָט ניט געקענט. פאַרנאַכט־צו, איז ער ווי אַ משוגענער געלאָפן פון איין ווינקל צימער ביז דעם צווייטן — ער האָט ניט געקענט פונם פאַרנאַכט פּאָטער ווערן, אָט ווי ער וואָלט, דער פאַרנאַכט, אויף די פּלויטן זיך אָנגע־האַנגען, און וויל ניט אַוועק, יויעלן אויף צולאָכעס.

און מיטן ערשטן אויפלויכט פון עלעקטרישע לאָמפּן, האָט זיך יויעל, ווי אַ הונגעריקער הונט, אין גאָס אַרויסגעכאַפּט, מיט צעשפּרייטע נאָז־לעכער.

פון אַ הויז־טיר האָט אַ שטאַרקער ראָזער שיין אין אַ ווייטער טונ־קעלער גאָס אַרויסגעלויכטן.

האָט זיך יויעל אַרומגעקוקט, פאַרשנעלערט דעם טראָט, זיך ווידער אַרומגעקוקט, זיך צעשטעלט, אַריבער אויף דער צווייטער זייט גאָס, האָט איבערגעוואַרט דאָס דורכגיין פון אַ מוטער מיט אַ טאָכטער, דורכגעלאָזט אַ יאָגנדיקן אויטאָ, ווידעראַמאָל זיך אַרומגעקוקט, און מיט שנעלן טראָט אַריין אינעם ראָזן שיין פון דער אָפענער טיר.

ער האָט האַסטיק געדריקט דאָס טיר־קנעפּל פון דער אינווייניקסטער טיר. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט. פון שטאַרקער אויפרעגונג, האָט ער אונטערגעהויבן די פיס.

ווען די טיר האָט זיך געעפֿנט, האָט ער זיך געגעבן אַ ריס אַריין אינ־ווייניק, און איז אַף יענער זייט געבליבן אָפּהענטיק שטיין.

די עלטערע פֿרוי וואָס האָט אים די טיר געעפֿנט האָט זי פּאַוואָלי צוריק צוגעמאַכט און אים רואיק־קאַלט געזאָגט, אָנווייזנדיק אין אַ גרויסן צימער אַריין: —

— איר וועט צוואַרטן אַ רעגעלע... דער פֿון אינווייניק גייט שוין אַרויס.

די פֿרוי איז געבליבן באַ דער טיר שטיין, צוליגנדיק אַן אויער צום גערויש פֿון דער גאַס.

ער איז אַריין אין דעם אָנגעוויזענעם צימער, האָט אַרומגענומען מיטן אויג אַלץ וואָס איז אין צימער געווען, און האָט זיך שטאַרק פֿאַרשעמט. אַזוי האָט ער געזען די וואַרט־צימערן באַ דאָקטוירים. ער האָט זיך צוגע־זעצט אַף אַ האַרט־געבויגענעם בענקל, און האָט זיך דערשפּירט ניט באַק־ווען, צעשראָקן, אַזוי וואַרט אַ פּאַציענט אַף זיין ריי באַם דאָקטער.

די אַלטע פֿרוי איז אַריין אין צימער און האָט אַף אים אַ קוק געטון. יויעל האָט זיך אויסגעדרייט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אים האָט זיך אויסגעוויזן ווי די אַלטע פֿרוי וואָלט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן, אַנ־שטויסנדיק זיך נאָך וואָס ער איז אַהער געקומען.

דאָס טיר־גלעקל האָט אָנגעהויבן צו קלינגען.

די פֿרוי איז איילנדיק אַוועק צו דער טיר. יויעל האָט זיך געגעבן אַ ריס פֿון אָרט, אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס יאָגט מען אים נאָך, יויעלן, מען זוכט אים, און אָט וועט מען אים געבן אַ שלעפּ אַרויס אין גאַס, און פֿאַר אַלעמען אין די אויגן, וועט מען אַף אים אָנווייזן: —

— קוקט, זעט, דעם שיינעם מענטש — יויעל, הייסט ער, פֿויגלס מאַן...

אַ זייטיקע טיר האָט זיך געעפֿנט. פֿון דאָרט איז אַרויס אַ מאַן. באַ דער טיר, אַ פֿרוי, אַ נידעריקע און שוואַרצע, אין אַ ברייטן, יאַפּאַניש זיידענעם שלאָפֿראָק, האָט דעם מאַן אַרויסבאַגלייט און צו יויעלן זיך פֿאַרנייגט —

— קומט אַריין...

יויעלן האָט גיך אַ שווינדל געטון פֿאַר די אויגן. ער האָט אַף דער גיך

זיך אריינגעזייטיקט אין צימער אריין.

ער איז געבליבן שטיין בא א ברייטער בעט. אין זיינע פאנאנדער־געעפנטע אויגן, האבן אין בלאסן שלאף־צימער־שיין, זיך געשפיגלט און געדרייט פייערן דורך אויפגעבלאזענע באלן דורכזיכטיקע ווייסע זיידן, ווי די טאיווע אף דער זון דורך דורכזיכטיקע זומער־קליידלעך.

א פאר נאקעטע הענט האבן אים ארומגענומען, און ליפן האבן זיינע א באק א ליימן בים געטון —

— ליבער, טייערער...

ער האט אויסגעצויגן זיינע הענט, און האט אנגערירט לייב, שטיקער נאקעט לייב — פרויען־לייב.

ער האט זי באקוקט מיט הייסן נייגער. א דין זיידן העמדל, אף שמאלע סטענגעלעך האט זיך אראפגעלאזט איבער אירע אקסלען ביז די קני אראפ.

יויעל האט געלאכט, זיס נאריש געלאכט. ער האט מיט די אויגן געגעסן שטיקער פון אירע נאקעטע אקסלען, נאקעטע ברוסטן, הענט, קניען ביז איבער די עלאסטיש־אנגעצויגענע טונקל־זיידענע זאקן, און האט געלאכט.

זי האט זיך געזעצט אפן בעט, און האט אויסגעצויגן צו אים אירע הענט:

יויעל האט שיר ניט אויסגעשריגן:

— לעבן!

טרערן זיינען אים געשטאנען אין די אויגן.

אף א מאמענט, איין מאמענט נאר, האט ער פאר זיך דערזען פויגלען. ווי פון וואלקנס ארויס, איז זי אדורכגעשוואומען פארביי זיינע אויגן, און איז פארשוואונדן. ער האט ניט געזוכט צו אנהאלטן איר אנזען פאר זיינע אויגן. ער האט געהאלטן די נאקעטע הענט מוסקולן פון דער זוינע, געגלעט אירע באקן, מיט די שפיץ־פינגער אנגערירט אירע ברוסטן און געלאכט, נאריש־זיס געלאכט.

און ער האט שטארק געאטעמט, האסטיק שטארק געאטעמט, מיט אזעלכע שטארקע אטעמצוגן, שלינגט א דורשטיקער דאס וואסער פונם קרוג.

— שוין?
זי האָט אים צו זיך צוגעדריקט, און א בים געטון אין א זייט פון האלז. זי האָט זיך פלינק באפרייט פון אים.
א צעטומעלטער איז ער געבליבן אליין. און זיך אליין געפרעגט:
— שוין?
א געפיל, ווי א גרוי פוסטקייט, האָט זיך איבער זיין נאַר־וואָסיקער זיסקייט פארשפרייט:—
— איז — שוין?
זי האָט אויסגעשטרעקט איר האנט.
און, יויעל האָט גאָר פארגעסן צו באצאלן, ער אנטשולדיקט זיך, ער שמייכלט, ער צאָלט.
זי האָט אַף איר קורץ זיידן העמדל ארויפגעצויגן דעם יאַפּאַנישן שלאַפראָק. זי האָט מיט צוויי דריי באוועגונגען צורעכט געמאכט די האָר פון איר קאָפּ. זי האָט אים א לייכטן קוש געטון, און געעפנט די טיר.
זי האָט זיך פארנייגט פאר א צווייטן: —
— קומט אריין...
ווי אן אויסגעשאָסענער איז יויעל ארויס אין טונקעלער גאָס. ער האָט זיך ארומגעקוקט, איז אריבער אַף דער צווייטער זייט, און איז מיט שנעלן טראָט אוועק.
ער איז שנעל געלאָפן איבער די גאסן, פאַכנדיק בא די זייטן מיט זיינע ביידע לאנגע הענט, ווי וועלנדיק פארטרייבן פון זיך דאָס בייסנדיקע גע־פיל פון כאראָטע, וואָס האָט זיך געקלאמערט אָן זיינע אקסלען.

קימאט ווי אומגעריכט איז זי געקומען, די פרייד; א פולע איבער די ברעגן, ווי א באצאָלונג פאר לאנגע טעג פון פוסטן אומעט.
ווידער האָט זיך יויעל דערשפירט דערהויבן, ערעוו יאָנטעוודיק.
ער האָט געארבעט. דאָס זיינען געווען די לעצטע טעג פון ארבעטן בא יענעם, וואָס יויעל האָט דערסטריגעוועט ביז יענעם טאָג, ווען ער וועט געבן א גלייך אויס די פלייצע, און אליין וועט ער א זאָג טון צום קליענט:—
— דאָס רעקל ליגט אַף אייך אויסגעצייכנט...

דער קליענט וועט ארומקוקן דאָס רעקל פון אַלע זייטן, וועט דאָס אַ גלעט טון באַ די ברעגן, און וועט אַ זאָג טון צו יויעלן: —

— דאַכט זיך, אז ניט שלעכט...

יויעל וועט שטיין פּנים־על־פּנים מיטן קליענט.

איז יויעל געזעסן אפן לאַנגן נייעם טיש, איבערגעבויגן איבער צוזאַמענגעסטריגעוועטע שטיקער פון אַ רעקל, וואָס איז געווען איבערגעוואָרפן איבער זיינע איבערגעלייגטע לאַנגע פיס, און ציענדיק הויך־הויך דעם נאָדל־פאָדים, האָט זיך אים געדאַכט אז ער, יויעל, וואַקסט אַזוי אַלץ ברייטער און ברייטער, דיקער און דיקער. האָט ער אַזוי ציענדיק דעם נאָדל־פאָדים, אָדער איבערייסנדיק מיט די ציין אַ קניפּל — געוואָרפן מיט זיינע פאַרגרויטע בלויע אויגן, דורך דער אָפענער טיר, אין גאַס אריין, און האָט צופרידן געשמייכלט.

אַן אנדערש מאָל פלעגט ער גאָר פאַרטראַכט בלייבן קוקן אַף אַרוואָראַמס איינגעפאַלן פּנים, ווען יענער איז געזעסן פאַרטיפט איינגעבויגן איבער דער מאַשין. ווי איינער וואָס באַטראַכט אַ גליקלעך אויסגעמיטן גרוב. אַזוי פלעגט יויעל באַטראַכטן יעדער אייוועראל און יעדער קנייטשעלע פון אוראָמס פּנים — דאָס קליין האמערל וואָס האָט געקלאַפּט, אונטער דער הויט, אַף די שפּיצן פון זיינע קינבאַקן; די טיפע לעכער פון אוראַאָמס באַקן, וועלכע פלעגן זיך אָנפילן דאָ מיט אַ ראָזער פאַרב, און דאָ מיט אַ געדיכטן שוויים; אַף אוראָאָמס קורצן שטערן, איבער וועלכן די שטעכיקע שוואַרצע האָר פון קאָפּ האָבן זיך שיר דערלאַנגט צו די שוואַרץ־בייזע ברעמען זיינע. ער פלעגט כאַפּן אַ קוק אין אוראָאָמס טיפע, ווי אויסגערונענע, פאַרוויטלטע אויגן, און פלעגט טראַכטן: —

— דאַנקען גאָט, איך בין ארויס... זיך געראַטעוועט.

קוקנדיק אַף אוראָאָמען, פלעגט יויעל פילן, ווי ער, יויעל, רוקט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער פון די אוראָאָמס אוועק. ער, יויעל, פאַרט אַף רעדער אַלץ פאָרויס און פאָרויס אין לעבן. אַף רעדער גרויסע, רוישיקע, און לאָזט אַלץ הינטערשטעליקער און הינטערשטעליקער הינטער זיך די אוראָאָמס... אָט זעט ער זיי נאָך, יויעל, ער זעט זיי מיט זייער יעדער הערעלע,

און מאַרגן שוין וויניקער, אַלץ וויניקער. בלויז אַ פּינטעלע ווען פון זיי בלייבן, פון די אורזאַכן, אין זיין זיקאָרן.

און וואו קומען זיי אַהין, וואס ווערט פון זיי, פון די אורזאַכן?

ער געדענקט זיי, ער זעט זיי, יויעל, אַלץ נאָך יונגע, אדער האַלב־יונגע. ביז די פינף און דרייסיק, אדער אכט און דרייסיקער. און נאָכדעם? ווייסינקע, איינגעבויגענע, מיט די אַכציקער אין די קנייטשן פון זייערע פּנימער — האָט זיי יויעל מער ניט געזען, איינגעבויגענע איבער דער מאַשין, אדער מיט אונטערגעלייגטע פיס אונטער זיך. איז וואו־זשע קומען זיי אַהין? ווי פליגן אַף אָנגעטשעפּעט פאַרזשאַווערטן דראָט פאַלן זיי, אדער ווי הינט אין די גאַסן? ווער קלייבט זיי צוזאַמען?

און אין יויעלן וואַקסט אַלץ העכער און העכער, געדיכטער און געדיכטער די פרייד. ער הויבט זיך באַרג אַרויף. ער שפּירט די זיכערקייט באַ דער לינקער זייט פון זיין ברוסט־קעסטל. ער שפּירט די וואַרעמקייט פון אַט יענע, דאַכט זיך אַזאַ אומשולדיק, דין ביכעלע...

— צוביסלעך, צוביסלעך...

אַט אַזוי פּילט יויעל די פּולע איבער די ברעגן, פרייד, און שמייכלט מיט זיינע פאַרגרויטע בלויע אויגן, אין דער גאַס אַריין.

פון דעק אַרויף, דורכן פולן בעכער פרייד, דין ווי אַ שפּיץ פון אַ נאָדל, אומבאַמערקט, ווי אַ דין ווינטעלע אין הייסן זומער־טאָג — האָט זיך עס אַ הויב־אונטער געגעבן, און אַ דינעם שאַרפן שטאָך געטון יויעלן אין סאַמען קוואַל פון פרייד...

ווען די זון האָט זיך געפּרעגלט אַפן ראַנד פון טאָג, איז דאס געווען, ווען שוויס האָט אַזוי מענוכעדיק אַף ברוינע לייבער גערונען און ניט געטרויט אין זון־פאַרגאַנג, האָט יויעל דערשפּירט אַ שטאָך. אַ שטאָך — אַ כאַרפּע צו זאָגן וואו...

האָט יויעל האַסטיק די פיס געביטן, און מיטן נאָדל־פּאָדים אויסגע־צויגן אין דער לופטן — זיך שפּיציק צוגעהערט. אַזוי הערט זיך איינער צו צום געשמאַק פון פאַרדעכטיקן וויין. אַזוי הערט זיך איינער צו צום שאָטן פון אַ פאַרשוואונדענעם קלאַנג.

אָבער דאס וואס יויעלן האָט זיך אויסגעוויזן, איז געווען אומעגלעך.

דאָס האָט ניט געקענט זיין. יויעל האָט אזש א לאַך געטון אפן קאָל: —
— א שיינע זאַך!..

ער האָט אַ טאַפּ געטון בא דער לינקער זייט פון ברוסט־קעסטל, ווי א וואַקלענדיקער וואָס פאַרדריקט אין האַנט דעם שטעקן: —

— יויעל איז ארוים אפן ברייטן שליאַך... קיינער וועט אים ניט צוריקשטויסן... קיינער ני—י—...

יויעלן זיינען די הענט אראָפּגעפאַלן צו די ברעגן פון טיש. זיין פּאָנים האָט זיך אויסגעקרימט. בלייך, מיט נאַס־פאַרלאָפענע אויגן, איז ער פון טיש אראָפּ, איבערגעלאָזט אפן טיש דאָס רעקל, און איז ארוים אין הויף.

מיט האַלב־איינגעשטילטן שרעק אפן פּאָנים, האָט ער זיך אומגעקערט אין שטוב. ער האָט א שלעפּ געטון פון טיש דאָס צונויפגעסטריגעוועטע רעקל, און זיך צוגעזעצט אף א בענקל. מיטן רעקל אין האַנט האָט ער זיך צוגעהערט. ער האָט פאַרלייגט א פוס איבער א פוס, און זיך ווידער צוגע־הערט. ער האָט זיך צוגעהערט ווען ער האָט ארויסגעצויגן די נאָדל פון זיין לאַץ, און אויך ווען ער האָט א קנופּ געמאַכט. פּלוצלונג האָט ער דאָס רעקל ווידער אַוועקגעלייגט, און איז ווידער ארוים אין הויף...

ווען ער איז צוריק אריין אין שטוב, איז דער באַלעבאָס נאָך אַלץ ניט געווען. אוורהאָם האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן פון מאַשין און א קוק געטון אף יויעלן מיט אזעלכע ווייכע אויגן, אז יויעל האָט עס ניט אויסגעהאַלטן.— ווישנדיק מיטן טיכל דעם שוויים פון פּאַנים, האָט ער זיך אין א זייט אָפּ־געקערט, און זיך צעוויינט.

אוורהאָם האָט צוריק דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט און פאַנאַנדערגעוויגט די מאַשין.

זיצנדיק אפן לאַנגן טיש, איבערגעבויגן איבער די צוזאַמענגעסטריגע־וועטע שטיקער פון רעקל, האָט יויעל מער ניט ארויסגעקוקט אין גאַס. מיט צונויפגעדריקטע ברעמען האָט ער אַקשאָנעסדיק נאָכגעקוקט דעם ארוים־שטאָך פון דער שפּיץ נאָדל. זיינע אויגן, האָט ער געשפּירט, ווי זיי וואָלטן זיך געגליטשט אַלץ טיפער און טיפער אראָפּ צום דעק, איבער די ווענטלעך פונם אויסגעטריקנטן בעבער, זוכן כאָטש איין טראָפּעלע פרייד זיך צו שטילן. שאַרף אויסגעקריצט, ווי פאַר די אויגן, האָט ער פאַר זיך יענץ

צימער דערזען. און אויך דערזען איר ברייטן, יאפּאַניש־געבלומטן, זיידענעם שלאַפראָק: —

— מיין ליבער, טייערער...

ארומגעווארפענע הענט, א קוש, און דער רייעך פון דין פארפומירטן פרויען־לייב... שפיגלען און זייד, און א בעט וואָס וואַרט... און ווייטער? —

אין א ווינקל א ברענענדיק אויוול, א שיסל ווארים וואסער... איז וואָס־זשע! האָט א גרינע שלאַנג דורך דער שיסל איר גיפט אין אים אריינגעשטאָכן, און איצטער ברענט עס מיט העלן פייער? אדער האָט זי אַרמישנע אים געקושט, קעדיי — דורכשטעכנדיק אים מיט איר גיפט, זאָל איר געלעכטער היינט זיך ווילד ווארפן פון וואנט צו וואנט, ווי די פליגלען פון א געקוילעטן אַף אָן דער האַרטער ערד? אָדער...

יויעל האָט א שוידער געטון. — אָדער, א פארבאהאלטענער „ניט־גוטער" האָט עס אים א שפּיצל אָפּגעטון, קעדיי אים צוריק אריינצוווארפן אין יענער קופּע — אייביקער ארעמקייט?..

— מאַמע!

יענע קליינטשיקע, איינגעהויקערטע, אינגאנצן צערונצלטע מאַמע, מיט אירע אויסגעקרימטע גרויסע שיך, אין א קלייד פון בלויזע לאַטעס, געלעכערטע — יויעלס מאַמע, אָ ווען זי גיט איצטער א קום אונטער! ער וואָלט מיט זיין בלאָנדן קאָפּ אַף אירע נידעריקע דינע אקסלען געפאלן, און וואָלט ניט אויפגעהערט צו גלעטן, אירע — אין קנייטשן צעשפּאָלטענע, באַקן:— מאַמע!

ער האָט אונטערגעהויבן די אויגן. אַף זיינס אָן אקסל איז געלעגן אַווראַאָמס האַנט:

— געזוכט, ברודער, פארגעניגן, און איינגעשלונגען סאַם? מוט, ברודער, און אַט וואָס!..

מיט א דארער בייניקער האַנט, א באשפרינקעלטע מיט געלע פלעקן, האָט אווראָאָם א טרייסל געטון אין דער לופטן.

יויעל האָט אראָפּגעשאָקלט פון זיין פּלייצע אווראָאָמס האַנט. ער האָט אווראָאָמען פיינט געקראָגן. ער האָט געשוידערט דערפון, וואס אווראָאָם

איז נעבן אים געשטאנען. ער האָט געשפּירט אין אוראָאָמען א ראָב, וואס דערשמעקט א נעווײלע. זאָל ער אוועק! זאָל ער אוועק!..

ער האָט געקרעכצט —

— אָ, ווען ניט די קרענק! ווען ס'זאל גאָר ניט זיין קיין קרענק!

ער האָט אָפּגעלייגט דאס ניט־פארטיקע רעקל, און האָט זיך א שטעל אנידער געגעבן, און א צי אויס. א ווײלע איז ער אזוי געשטאנען, און האָט נאָכדעם א זאָג געטון:

— מאָרגן... מאָרגן וועל איך פארענדיקן... אזוי וועט איר אים זאָגן...

און איז ארויסגעלאפן אין גאָס ארויס.

אין גאָס האָט ער זיך ווידער צוגעשטעלט, צוגעהערט. פייער און שפּיצן... ער איז אוועק מיט אן אונטערגעלאָפענעם טראט צו זיך אין צימער. האָט זיך פלוצלונג אפּגעדרייט אף א זייט, געקויפט א צייטונג, אפּגעזוכט די אדרעסן פון דאקטוירים, ארויסגעריסן און באהאלטן.

גרוי פאראומערט זיינען אים איצטער די גאסן אנטקעגן געקומען. די גאנצע לופט ווי זי וואָלט אָוולדיק צו יויעלן געשאָקלט מיטן קאָפּ: א ראָב־מאָנעס נעבעך... די גרוי אָפּגעקראָכענע וואנט פון זיין „קאָנוועגטיזשע” הויז, ווי זי וואלט זיך אין זיך פארגראָבן און פאר שרעק די אויגן צו־געמאכט... ווי זיין צימערל וואלט דעם לעצטן לעבנס־אָטעם אויסגע[illegible]כט, און פון וואנט צו וואנט, פון דיל צום סטעליע, וואלט מיט קא[illegible]ימל געוועזן אנגעפילט...

ער האָט פארמאכט טיר און לאָדן. מיט איינגעהאלטענעם [illegible] אָט ער זיך גענומען באטראכטן דאָס קראנקע אָרט.

א כאָרכל ווי פון א געקוילעטן אָקס, האָט דאס צימערל דורכגעשניטן, און אָנגעפּאטשט ווי מיט פליגלען אָן דער סטעליע. יויעל האָט מיט ביידע הענט אָנגעכאפּט זיינע בלאָנדע האָר פון קאָפּ און זיי פארדריקט צווישן די פינגער. ער האָט זיך א וואָרף געטון אין בעט, און איז צוריק אויפגע־שפּרונגען, ווי אן אָפּגעשפּרונגענער באָל. ער האָט געקרעכצט און געזיפצט, און געשטיקט אין זיך אן אָפּגעריסן געשריי: —

— א—א—א!..

ער האָט זיך א וואָרף געטון אין בעט, און פארבאהאלטן דאס פּאָנים

אין קישן. און ווידער איז ער אויפגעשפּרונגען, און געלאָפן איבערן צימערל הין־און־צוריק. ער האָט געעפנט די טיר, און זי צוריק פאַרמאַכט. ער האָט ארויסגעכאַפּט דאָס באַנק־ביכעלע, און עס געגלעט. ער האָט מיט פאַרזיכ־טיקע פינגער געבלעטערט די בלעטלעך, ווי די האָר פון א גויסעדיק קינד. און פּלוצלונג האָט ער עס א שמיץ געטון פון זיך, איבער דער לופט: —

— לויף!

ער האָט זיך א וואָרף געטון אין בעט און אויסגעבראָכן מיט א געדיכט גראָב קאָל, אין א יאָמערלעך געוויין.

עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, און באַלד נאָכדעם האָט זיך דער־הערט אווראָאָמס שטים: —

— מען קען אריין?

3.

די שיף האָט געדאַרפט אָנקומען אינדערפרי.

אווראָאָם איז דעם טאָג ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט. נאָך מיט עט־לעכע טעג צוריק, האָט ער געוואָרנט יויעלן:

— וועסט מיר זאָגן ווען די שיף קומט אריין, וועל איך מיט דיר גיין צו[illegible]רט.

[illegible]על האָט זיך פּרובירט האַלב אָפּזאָגן, אָבער אווראָאָם האָט דאָך [illegible] געקענט, באַ אזא צוזאַמענגעבראָכענעם צושטאַנד, איבערלאָזן א[illegible] און אווראָאָם איז צו אים געקומען גאַנץ אינדערפרי, אויסגעראַזירט, מיט א יאָנטעוודיקן שמייכל אַף די ליפּן:

— אַ גוט יאָנטעוו דיר, יויעל!

יויעל האָט טיף אָפּגעזיפצט —

— א פאַרשטערטער יאָנטעוו...

וויים איך וואָס! אווראָאָם מאַכט זיך ניט קיין צימעס פון דער גאַנצער זאַך —

— דו ביזט ניט איינער...

ער דערוויזט יויעלן, אז די גאַנצע קרענק איז ניט פון יויעלס שולד. דאָס לעבן איז שלעכט איינגעאָרדנט. דער מענטש קאָן דאָך ניט קעסיידער

סאַמען זיינע בלוטן! און צוליב וואָס? און אַט דאָ לויערט שוין די קרענק... אויב דער רייכער ווערט קראַנק פון איבערפרעסן זיך, פון הולטאַיעווען, ווערט דער אָרעמאַן מיט גוואַלד געשטופּט צו קרענק...

— און פויגל?

וואָס פויגל? האָט זי ניט געוואוסט אַז זי האָט כאַסענע געהאַט מיט אַן אַרבעטער? און קיין ערגערע זאַכן דערוואַרטן ניט דעם אַרבעטער? נאַרישקייטן!..

יויעל רואיקט זיך אונטער אוורהמס ווערטער. אַט, אַט, און ס'דאַכט זיך אים אַז זיין גאַנצע שרעק פאַר פויגלען איז אַן איבערגעטריבענע... נאָך אַלעמען — וואָס איז? אַ קרענק ווי אַלע קרענק... דערשפּירט יויעל, ווי די בלוטן הויבן פון־דאָס־נייַ אין אים צו יאָגן, שוויצן...

— מיט וואָס?

אַ געפיל אַזאַ, אַ שפּיציקס און שאַרפס ווי אַ נאָדל, שטעכט אַריין אין דער נאָר־וואָסיק אויפגעהויבענער פרייד, יויעלס —

מיט וואָס, מיט וואָס וועט יויעל איצטער פונדאָסניי אָנהויבן יאָגן, אַז ער איז אויסגעלידיקט, אויסגעליידיקט ביזן דעק? אָט — ער טאַפּט אָן באַ דער לינקער זייט פון ברוסט — אָט איז דאָך דאָ ליידיק, ניטאָ מער דאָס ביכעלע — איז מיט וואָס?

און יויעל פאַלט צוריק אַריין אין טיפן אומעט.

אוורהאָם מונטערט אים, יאָגט, זוכט אַרויסצורופן באַ אים די פריערדיקע געפילן פאַרן היינט: —

—ביזטו גאָר ניט צופרידן מיט זייער קומען?

אָ אָ! יויעל איז צופרידן, נאָר ער שרעקט זיך... ער איז אַפילע צופרידן, וואָס דאָס געשעט שוין — ער וואָלט גאָר ניט געקענט זיין מער אַליין... ער דאַרף, ער מוז האָבן אַ היים, נאָענטע, וואַרימקייט. נאָר... יויעל וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון זיך, פון אַלעמען, פון אַלץ, אַרויס פון זיך און ווערן אַן אַנדערער. —

— איך בענק, און איך שרעק זיך... — — —

אַלץ מער און מער פּליסן מענטשן צום פּאָרט, איינציקווייז און אין גרופּעס, אין טויזנטער קאָלירן — רויט, געל, גרין, בלוי, געפינטלט, גע־

פּאַסעקט, און געבלומט; דיקע, דאַרע הויכע, נידעריקע, שטעקנס, שירעמס; מענער, פרויען, קינדער.

דער גאַנצער ברעג איז פאַרפולט. ביז אַפן סאַמען ראַנד פון הויך־געשטיינערטן ברעג שטייען זיי, און קוקן אין ווייטן יאַמיקן האָריזאָנט אריין: —

— מען זעט שוין?

אויסגעפּוצטע מאַמעס האַלטן זייערע קינדער פונדערווייטן, און שרעקן מיטן בייזן וואַסער; דיקע מענער, אָנגעשפּאַרט אַף זייערע שטעקנס, שטייען און יאָגן ווי הינט ארום מיט זייערע אויגן, ארום הויכע אָפּצאַסן און עלאַסטיש אָנגעצויגענע זיידענע זאָקן; זייערע אויגן צעפלאַקערן זיך אַף טיף עטעמדיקע העלע בלוזעס, און זיי ווינקען זיך ציניש איינער צום צווייטן איבער. פּאַרלעך געאַרעמטע, מענער איינציקע — יעדערער מיט זיין אויג, יעדערער מיט זיין אויסדרוק אַפן פּאָנים — אַלע צוזאַמען קוקן אַף איין אָרט, און וואַרטן צו דערזען איין זאַך — דעם אריינשניט פון אַ טונקל פּינטל אין דער העלער לופט אריין — דער שיפס ארויפשווימען אַפן האָ־ריזאָנט ארויף.

שטיל און האַלב פאַרשעמט, זאָגט אַווראָאָם: —

— איך בין דיך מעקאַנע, יויעל... דו וואַרטסט אַף עמעצן...

יויעל ענטפערט נישט. ווער ווייסט דען זיין הארץ, ווער קען אים פאַרשטיין!

שטייט יויעל אומעטיק פאַרזאָרגט, און וואַרט אַף אַן עפּעס, וואָס רעגט אים און שרעקט. און נעבן אים אַווראָאָם, אַן אומעטיק פאַרטראַכטער, איבער אַ לעבן וואָס וועלקט און פאַרגייט — פאַר וועמען און צוליב וואָס? אַן איינציקער פאַרדאַרטער בוים, אַף אַ פּוסט פעלד. איז ווער־זשע דאַרף אים, צו וואָס נוצט ער, און וואָס האָט ער — דער בוים אַליין?

אַ געפיל אַ שטורמישעס און נישט היימישס הויבט זיך אין אַווראָאָמען, און אַווראָאָם פרעגט זיך אַליין צעשראָקן: —

— פון וואַנען קומען זיי דאָס צו מיר, די געפילן? האָב איך דען ווען עמעצן געהאַט, אָדער נאָך עמעצן געבענקט?

ער באַשולדיקט זיך:—

— ניט שיין פאר אן ארבעטער, די סענטימענטן! פע... דאס איז א געפיל פון ניט פארגינען...

ניין, ניין — ניט עמעס! יעדער לעבן מוז האבן איר פערזענלעכע בארעכטיקונג. אווראָאָם לעבט דאָך א ניט בארעכטיקט לעבן — ער האָט ניט קיין האפנונג, ער האָט ניט קיין פרייד. מיט וואס איז זיין היינט אנדערש פון נעכטן, אדער מאָרגן? יעדער לעבן מוז זיך, פערזענלעך זעטיקן, אָט, כאָטשבי ווי פאר א הונט שטיקער פלייש, אף ניט אויסצודארן, ווי א פארשטונקענע פעל... כאָטשבי האבן פאלשע האפענונגען. א קראנקע שוועסטער, אדער א קאלע — מעג זיין א בלינדע, הינקענדיקע — עפעס, אף עפעס ווארטן...

א לאנגער טויבער פייף האָט אריינגעשניטן אין דער געדיכטער לופט. יויעל האָט א שוידער געטון. אווראָאָם האָט זיך געגעבן א גלייך־אויס, און א שמייכל — אָט האָט ער זיך שוין, אווראָאָם באפרייט פון א שווערן ניט־געשמאָקן כאָלעם. ער איז שוין צוריק וואָר. ער ווייזט מיטן פינגער: —

— אָט האָסטו די שיף.

יויעל האָט א כאַפּ געטון אווראָאָמען אונטערן ארעם, האָט זיך צו אים א טוליע געטון, און געשעפטשעט, ווי אן איבערגעשראָקן קינד: —

— אווראָאָם! זי קומט... און איך...

ער האָט זיך געטרייסלט ווי פון קעלט. אווראָאָם האָט צו זיך צוגעדריקט זיין האנט: —

— זיי ניט קיין נאַר, און האלט זיך פעסט — אלץ איז אין בעסטן אָרדנונג.

מיט א ברייטן, רואיקן און געלאסענעם טראט, האָט זיך די שיף גערוקט צום ברעג.

און אפן ברעג, א יאַם מיט פארבן, און פון זיי א יאַם מיט הענט, האבן מיט טיכעלעך געפאָכעט אין דער לופטן.

פון שיף האָבן קעפּ איבער קעפּ צום ברעג זיך איבערגעבויגן.

דורך דעם אלגעמיינעם טומל, האבן זיך אָפּגעריסענע קוויטשערייען, געשריען, אויסגערופענע נעמען, היסטערישע אויסרופן, פרעכע געלעכטערס — זיך דורכגעריסן, אפגעריסן, און פארשוואונדן.

קאַלירן, קעפּ, און הענט האָבן זיך אין נערוועזישע פרייד באַוועגט, טיכלעך צו די אויגן געקלעפּט.

— יויעל! יויעלקע!

און באַלד נאָכדעם: —

— אָן, אָ, שטייט ער דאָך, אייער טאַטע.

אוראַאָם האָט אַ שטופּ געטון יויעלן: —

— זיי רעדן צו דיר, דיינע!

יויעל האָט פאַרלוירן אַ בלאַנדזשע געטון מיט די אויגן. פויגל האָט מיט אַ בלויזער האַנט געווישט די אויגן, און מיט דער צווייטער געפּאַכעט מיט אַ טיכל. זי האָט זיך אָנגעבויגן, און אונטערגעהויבן אַ דאַר אינגעלע, און האַלטנדיק עס אַזוי, האָט זי עס געשטופּט, דאָס טיכעלע, דעם אינגעלע אין די הענט, עס זאָל מיט דעם פּאָכען אין דער לופטן. זי האָט דאָס אינגעלע אַראָפּגעלאָזט, און אויפגעהויבן אַן עלטער מיידעלע מיט אַ וואָלן היטעלע אַפן קאָפּ. דאָס מיידעלע האָט געשאָקלט מיטן הענטל אין דער לופטן. פויגל האָט דאָס מיידעלע אַראָפּגעלאָזט צוריק אַפן דעק, און זיך געשטעלט פונקט קעגנאיבער יויעלן. דאָס פּאָנים איז איר געווען נאָס פון טרערן, אָבער זי האָט געלאַכט און געקוואָלן פון פרייד, אָטעמענדיק מיט טיפע אָטעמצוגן, ס'האָט זיך איר געדאַכט, און זי איז אין דעם געווען זיכער, אַז יויעל זעט ווי זי פלאַמט אינגאַנצן פון פרייד, ווי הויך, פון אויפרעגונג, ס'הויבט זיך איר ברוסט.

יויעל איז איר אַנטקעגן געשטאַנען און געשמייכלט, מיט אַ שמייכל פון וועלכן די ליפּן זיינע האָבן זיך צעצויגן ביז די אויערן. ס'האָט זיך אים געדאַכט אַז פויגל דערקענט זיין צעטראָגנקייט — האָט ער אַלץ ברייטער און ברייטער געשמייכלט. פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאַנט אָן עפּעס, האָט אָנגעכאַפּט אוראַאָמס האַנט, און זי אונטערגעהויבן אין דער לופטן —

— מיין פריינט!..

פויגל האָט צופרידן געשאָקלט מיטן קאָפּ.

דאָס פאַרלייגטע ברעט פון שיף, האָט פאַראייניקט די פון ברעג מיט די פון שיף. קושן, טרערן, אומאַרמונגען, קעפּ אויף אַקסלען, הענט אויף פּלייצעס, שטייפע הענט־דריקונגען, טרערן, פרייד — אַלץ האָט זיך געקנוילט,

געבונדן, און פּאַזירט פאר דער שיף, וועלכע איז אומבאוועגלעך געשטאַנען פאַריסן די נאָז אין פוסטער גאַיווע.

פויגל האָט א כאַפּ־אָן געגעבן יויעלס האנט, א דריק־זיך־צו צו זיינע ליפּן, און א פאַל אף זיינע אקסלען. זי האָט געוויינט, זי האָט געקרעכצט, און געגלעט יויעלס קאָפּ:—

— יויעלקע... יויעלקע... ביזט געזונט, יויעלקע?

יויעל האָט זיך געשפּירט געדריקט פון פויגלס לאסקעס, זיי זיינען אף אים געפאלן ווי א שווערע לאסט, פון וועלכער ער האָט זיך געוואלט וואס פריער באפרייען. ער האָט געשפּירט די זינד קעגן פויגלען, אָבער נאָך מער האָט אים געשראקן דאס אומבאוואוסטע וואס קען און וועט שפּעטער קומען. אָט די שרעק האָט אים אומגעדולדיק געמאכט. ער האָט געוואלט אז וואס פריער זאָל שוין קומען אָט יענץ, אומבאוואוסטע. ער האָט אונטערגעהויבן פויגלס קאָפּ, און זיך פּרובירט באפרייען פון איר. ער האָט אומגעדולדיק געזוכט די קינדער, און האָט זיי קורץ און קאלט געקושט.

פויגל האָט פארלוירן און צעשראקן ניט אויפגעהערט צו שמייכלען. זי האָט עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט: —

— ביזט צופרידן, יויעל, וואס מיר זיינען געקומען?

אווראָאַם האָט זיך צוגערוקט מיטן הוט אין האנט:

— אנטשולדיקט! מיין נאָמען איז אווראָאַם... אזוי רופט מען מיך.

ער האָט אויסגעשטרעקט א צעאָדערטע, ביינערנע האנט. פויגלס האנט האָט ער א שטייפן דריק געטון, און אליין זיך פארנייגט: —

— איך ארבעט מיט אייער מאן צוזאמען. ער האָט זיך שטארק איבערגעמאטערט לעצטנס...

פויגל האָט ראכמאָנעסדיק א שאָקל געטון מיטן קאָפּ, קוקנדיק אף יויעלן: —

— איך זע...

יויעל איז געשטאַנען מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן.

דאס אינגעלע האָט יויעל גענומען אף די הענט, און איז געגאנגען פאָרויס. הינטער אים האָט פויגל געפירט פאר א האנט דאס מיידעלע. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן איבער שמאָל־הויכע אייזערנע טרעפּ, וועלכע זיינען

אף דער העלפּט געווען גאָל איבערגעפּוילט, און בא יעדער מאָל אַנטרעטן אַף זיי — האָבן זיי זיך געבויגן און געקרעכצט, ווי פון ווייטיק.

דער ארייַנגאַנג צו זייער צימער האָט געפירט דורך א לאַנגן און שמאָלן קאָרידאָר, וועלכער האָט זיך ארום דעם הויז געדרייט ווי א פּירקאַנטיק אויסגעגראָבענער ראוו, ארום א דוירעס־אַלטער, סוידעספּולער געביידע פון וועלכער דער גאָל פּאַרדאַרטער טינק, האָט זיך געשפּאָלטן און געפּלאַצט, ווי די הויט פון א הונדערט־יאָריקער זקיינע.

דער דיל פון קאָרידאָר איז געווען אויסגעפּלאַסטערט מיט דיקע, פּיר־קאַנטיקע גלעזער, אין דער פאָרם פון ציגל. די גלעזער זיינען געווען אָנגע־שפּאָלטענע, צעבראָכענע, און אַף דעם אָרט וואו עס האָט אינגאַנצן געפעלט א שויב, זיינען געשטאַנען קליינע בלומען־טעפּ, נוצנדיק צו דערזעלבער צייט אויך פאַר דער פאַרפּוצונג פון קאָרידאָר. יויעל, וואָס איז געגאַנגען פאַרויס, האָט יעדע ווילע אויסגעדרייט דעם קאָפּ, און געוואָרנט: —

— פּאָרזיכטיק די בלומען־טעפּ, מ׳קאָן אריינפאַלן אין א לאָך...

בא איינער פון די טירן וועלכע זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען, האָט זיי באַגעגנט א בינטל פּרויען און א פּאָר אינגלעך, אלע אין שווארצן אָנגעטון. דערזעענדיק זיי, האָט זיך פייגל אי צעטומלט, אי צעשראָקן.

יויעל האָט זי גלייך בארואיקט: —

— אן איטאַליענישע מישפּאָכע... דער פאָטער אן ארויפגעארבעטער סטאָליער, איז געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק זיי דאָס הויז, מיט א סטאָלעריי פון אונטן. איצטער צעפאַלט זיך דאָס צוריק, אין שטאַרקער ארעמקייט...

ער האָט זיך געווענדעט צו דער עלטסטער פרוי אַנווייזנדיק אַף זיין פרוי און קינדער: —

— אָט זיינען זיי, פון אייראָפּע געקומען.

די עלטערע פרוי האָט זיך פאַרנייגט, עפּעס געזאָגט, און זיך זיס צו־שמייכלט. דאָס זעלבע האָבן מיטגעטון אלע קינדער.

פייגל האָט אנטקעגן געשמייכלט. ניט אַזוי צוליב העפלעכקייט וועגן, וואָס זי האָט אין דער צעטומלטער און איבעראַשטער מינוט ניט געקענט געדענקען, נאָר צוליב דעם טיפן דערעך־ערעץ, וואָס איז אין איר געלעגן

פאר דאס ווארט „איטאליענער", ווי פאר א געהיימניספולן, ווייטן, וועלכער שטאמט פון וואונדערשיינע לענדער.

יויעל האט מאיסע־באלעבאס געעפנט די טיר, און אדורכגעלאזט פויגלען. נאך איר איז ער אליין אריין.

פויגל האט אראפגעלאזט דאס מיידעלע, זיך ארומגעקוקט אף די פיר ווענט, אף די פאר נידעריקע בענקלעך, אפן טיש, אפן ברייטן בעט און שמאל בעטעלע, און אויך אף דעם אלטן שטרויענעם קויש, וועלכן יויעל האט נאך מיטגענומען פון דער אלטער היים, און האט זיך צעלאכט: —

— אביסעלע אנדערש האסטו מיר פארגעשטעלט, אין דיינע בריוו, דיין פאלאץ דא...

יויעל פארענטפערט זיך, אז מען האט דארט א פאלשע פארשטעלונג וועגן היגן לעבן —

— זעסט אט דאס פענסטערל?

ער ווייזט אף דאס איינציק שמאל פענסטערל וואס געפינט זיך בא דער סאמער סטעליע, איבער א מעשופעדיק דעכל פון א קעלער: —

— אט דאס פענסטערל איז דא א גאנצער נארן. אן דעם קאסט דא אויך אזא צימערל מער ווי א וואך ארבעט.

פייגל האט ניט אויפגעהערט צו לאכן, צו פרייען זיך. אין דערזעלבער צייט האט זי זיך שנעל צורעכט געמאכט, און האט זיך גענומען צו דער ווירטשאפט מאיסע אלטע באלעבאסטע.

זי האט זיך פלוצלונג א כאפ געטון:

— און די מאשין, וואו איז די מאשין?

— א מאשין איז דא די לעצטע זאך... אין דער לעצטער מינוט נעמט מען זי...

ווי א ניט היימישער האט זיך יויעל געדרייט אין זיין אייגענער שטוב, צווישן ווייב און קינדער. די פאמיליע ווארעמקייט האט שוין אנגערירט די הויט פון זיין לייב, און ער האט זיך געשפירט אן אפגעפרישטער, א באפרייטער פון זיין עלנטקייט, ווי פון גראבע שטיקער קויט וועלכע זיינען אף אים שווער געלעגן, און האבן אים געדריקט. דער אומרו פון זיין קרענק האט אים אבער ניט דערלאזט אין דער פרישער ווארעמקייט זיך

צו באָדן, און ער האָט געזוכט עפּעס א ווענטל, אונטער וועלכן ער זאָל זיך קענען אויסבאהאלטן, אנטלויפן.

— איך לויף, פייגעלע, נאָך די זאכן, מען מוז דאָך די זאכן א היים ברענגען...

פייגל בעט זיך: עפּשער וועט ער מאָרגן גיין, ס'וועט דאָך ניט אנט־לויפן?

זי נעמט אים ארום באַם האלז, זי ווארט אף זיינס א קוש, זי האָט דאָך אזוי פיל באלוימעס געהאט, אין די פילע נעכט וואס זי איז געווען אליין, אָן אים. אָך, ווען ער ווייסט וואס פאר א שטארק זינדיקע באלוימעס זי האָט צייטנווייז געהאט, איבערהויפּט יענער, ווען ער איז מיט א באן אריינגעפאָרן, גלייך אהין אין זייער יענער דירע, און איז אראפּגעשפּרונגען האַרט נעבן איר בעט... א ווייסער איז ער געווען — אזא ווייסער! און ליכטיקער!

זי גלעט די האָר פון זיין קאָפּ, די באַקן, זי שפּילט זיך מיט די ווייכע עקן פון זיינע אויערן — זי ווארט אף זיינס א קוש.

ער שמייכלט צעשראקן שולדיק, און גלעט צוריק די שווארץ־הארטלעכע האָר פון איר קאָפּ. אויסגערעכנט, האָט ער מוירע אָנצורירן אירע באַקן.

— מען דארף אראָפּפּאטערן, פייגל, וואס פריער איז בעסער...

זי זיפצט: —

— קום־זשע, יויעלקע, וואס פריער!

זי קוקט אף אים פול מיט צערטלעכקייט.

.4

אין אָוונט.

די קינדער שלאָפן אינם שמאָלן בעטל, צופוסנס איינער צום אנדערן.

פייגל רעדט שטיל, ווייזנדיק מיט א פינגער אפן מויל. זי איז זייער ניט צופרידן פון דעם ברייטן בעט:

— ארגענטינע, בלייבט ארגענטינע...

זי איז צערויטלט, און שטיפעריש.

יויעלס אויגן צינדן זיך אָן, און ער ווענדעט זיי אָפּ אָן א זייט.

דאס שמאָל פענסטערל באאומרואיקט זי: —

— מאלע, ווער באנאכט...

דאָס לייווענטענע ווייסע העמד דעקט אויף א ברייט שטיק פון איר ברוסט־קעסטל, ביז דעם פאנאנדערטייל פון אירע ברוסטן; אירע הענט זיינען אנטבלויזט ביז ארויף די אקסלען. זי שעמט זיך, און פארדעקט מיט די הענט דאס אנטבלויזטע ברוסט־קעסטל. זי דערקענט אָן יויעלן זיין פאר־דעקטע טאיווע, אָן זיין פארמאסקירטן אוועקדרייען מיט די אויגן. ס'איז איר אנגענעם אים אביסל צו רייצן. זי ווייזט אים אירע אנטבלויזטע פיס ביז די קניען:—

— זיך געביטן די פיס, אדער — נאָך ווי אמאל, אזעלכע... זיסע?

זי לאכט שטיל, טאיוועדיק.

יויעל בויגט זיך צו אירע פיס צום קושן.

זי ווייזט מיט א פינגער אף די ליפּן, און ווינקט אין דער קינדערס זייט.

זי טוליעט זיך צו אים. זי וויל אים פארברענען מיט איר לייב. ער דער־ציילט איר מאיסעס פון זיין איינזאם לעבן דא. זי הערט און הערט ניט. אירע צעצונדענע בלוטן לעשן זיך, פלאקערן אויף, און לעשן זיך ווידער.

זי גלעט זיין ברוסט, דאס פּאָנים, די אויגן.

ער דערציילט, און דערציילט.

א מידקייט צעשפרייט זיך איבער איר קערפער. אירע בלוטן פינקלען ווי אין אש. ס'גליטשט זיך איר האנט אראָפּ פון זיין פּאָנים. א טיפער אָטעם ווי א זיפץ, נעמט זי אין שלאָף־ארעם אריין.

יויעל הערט זיך צו, צו איר גלייכן אָטעם, און א מידע פוסטקייט רייסט פאנאנדער זיינע אויגן ביז אין טיפער נאכט אריין.

ס'יאָגן דורכן שמאָל פענסטערל אריין זון־שטראלן און טאנצן ווי מיט באָרוועסע פיס, איבער יויעל־פויגעלס האלב־נאקעטע לייבער, ביז אף דער וואנט ארויף.

איציקל־רויזל ליגן אָן באוועגונג אף זייער שמאָל געלעגער. זייערע אויגן שאַרן זיך פון וואנט צו וואנט און דורך די שפּילנדיקע זון־שטראלן, אף די צוזאמענליגנדיקע טאטע־מאמע. איציקלס אויגן באגעגענען זיך מיט רויזלס. זיי קוקן זיך שטום און קאלט אָן, ווי ניט זייענדיק זיכער אויב ס'איז אלץ

אין וואר, און די אויגן זייערע צעגייען זיך ווידער אף די ווענט.

פייגל רייסט די ערשטע אויף די פרימארגן־שטילקייט. זי גיט פאר־שעמט א צי ארויף דעם צודעק, און דרייט זיך אוים מיטן פּאַנים צו די קינדער. זיי שמייכלען זיך שטום צוזאמען, און ווינקן אף דעם שלאָפנדיקן טאַטן.

דורך א שמאָל שפּעלטל פון די פארמאכטע אויגן, זעט יויעל זייער טיפע פרייד איבער אים, איבער יויעלן. ס׳ציט אים צו געבן א שפּרונג אַראָפּ פון בעט, און א שפּרונג צו, צום קינדער־בעטל, א נעם־ארום זיי געבן, זיי קושן: —

— מיינע קינדערלעך, מיינע טייערע.

ער דערמאנט זיך אין דעם באנק־ביכל און אין די אַלע געוועזענע האָפנונגען וועלכע זיינען מיטן באנק־ביכל געווען פארבונדן, און ניט ווילנ־דיק רייסט זיך פון אים ארויס א טיפער זיפץ. פייגל דרייט עטוואס אוים דעם קאָפּ:

— שלאָפסט שוין ניט?

זי הויבט זיך עטוואס אונטער, און גיט יויעלן א צי פאר די לאַנגע בלאָנדע האָר זיינע אזוי, אז די קינדער זאלן עס זעען. די קינדער שפּרינגען לאַכנדיק פריילעך פון בעטל אַראָפּ — — — —

מיטאָג־צייט האָט יויעל פון אונטער דער שאפע ארויסגערוקט אן איינ־געוויקלט פּעקל.

ווען פייגל האָט עס דערזען, האָט זי פארוואונדערט אים א פרעג געטון: —

— אף וואָס דארפסטו עס?

און באלד האָט זי זיך צוריקגעכאַפּט:

— אין א שטוב דארף מען עס האבן...

יויעל דערציילט איר א לאַנגע געשיכטע פון א קרענק וואס הייסט „נירן”; ווי אזוי מען היילט די קרענק, אָט מיט דעם...

פייגל איז ערנסט אָנגעשטרענגט: —

— שוין לאַנג אז דו ליידסט דאָ אף דער קרענק?

זי זיפצט אָפּ, טיף מיטפילנדיק: —

— האָסט זיך דאָ געמוזט גענוג אָנליידן אָן מיר...

און זי טרייסט אים:

— איך וועל דיר שוין איצטער אויסהיילן פון אַלע קרענק.

יויעל זיפצט מיט, מיט אויגן אראָפּגעלאָזענע. ער שווייגט. דער ערש־טער אריינפאָר איז אדורך, עס וועט עפּשער אויך אדורך דאָס ווייטערדיקע. אָבער... די זיסע כאַלוימעס פון אויפהויבן זיך, פאָר זיך צו זיין באַלעבאָס — ווער וועט אים אָט די כאַלוימעס קענען אומקערן? ער כאַפּט א קוק אויף די קינדער און טראַכט: היינט בין איך ניט אַליין, ניט אַליין, און פון וואָס וועל איך זאַמלען?

פייגלען האָט אָנגעהויבן פאַרפּעלן אָטעם. יויעלס שווערער שווייגן און זיינע אָפּטע זיפצן, זיינען אויף אירע אויפגעפלאַקערטע פרייד־צונגן געפאַלן, ווי שווער־לעשנדיקע טונען וואַסער. זי האָט זיך געדרייט אין קיכל, זיך צו־זאַמענגעטראַפן מיט די שמייכלענדיקע שוואַרץ־באַקליידעטע איטאַליענע־רינס, האָט זיך אדורכגעשריגן צו די קינדער, האָט געקאָכט מיטאָג, געוואַשן טעפּ, און האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען.

זי האָט זיך מער ניט געזאָרגט, ווען זי האָט אַן אַנטבלויזטע אירע פּיס, אָפן בעט ארויפגענומען — אויב די קינדער שלאָפן. זי האָט אויך מער ניט געזאָרגט וועגן דעם שמאָלן פענסטערל וואָס אַנטבלויזט זייער בעט פאַר דער נאַכט, אַן אויסגעצויגענע, מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם, און אָפענע אויגן — האָט זי געוואַרט. געוואַרט אומרואיק אויף דעם, וואָס די בלוטן האָבן אזוי דורשטיק געמאָנט.

און נעבן איר, אויך מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם, און אָנגעשפּיצטע אויערן, איז געלעגן יויעל, און האָט געוואַרט. געוואַרט ווי אַן איבערגעשראָ־קענער האָז אויף דעם וואָס ס'האָט געמוזט קומען, און האָט זיך געפרייט מיט יעדן אוועקגייענדיקן קלאַפּ פון האַרצן, וואָס האָט ניט געבראַכט דאָס אומרואיק־דערוואַרטע.

און ווידער טאָג.

ווידער שפּילענדיקע זון־שטראַלן, ווידער פרימאָרגן באַפרישטע פרייד. יויעל וויל זיך פון בעט אויפהויבן. פייגל לאָזט אים ניט: —

— ביזט ניט געזונט, דאַרפסטו אַ פּאָר טעג אין בעט בלייבן.

אוראַאַם האָט זיך מיטיק צייט אַריינגעכאַפּט אַף אַ ווײַלע. פייגל האָט זיך מיט אים דערפרייט. זי בעט אים בלייבן אַף מיטיק. אוראַאַם זאָגט זיך אָפּ. פייגל באַמערקט אַף אוראַאַמען אַן אומגעדולדיקייט; זי האָט — קימאַט ווי ניט מיט די אויגן — דערשפּירט, ווי הינטער איר פּלייצע האָט זיך אוראַאַם אַ צי געטון צו יויעלן. ניט ווילנדיק האָט זי זיך הינטער דער טיר צוגעשטעלט. זי האָט גאָר ניט געהערט. באַם אַריינגיין האָט זי נאָר אויפגעכאַפּט: —

— ...זי וועט זיך סאַי־ווי־סאַי דערוויסן...

זי האָט שאַרף אָנגעקוקט אוראַאַמען, אַ קוק געטון אַף יויעלן, און ווי־דער אַף אוראַאַמען.

אוראַאַם האָט זיך קאַלט צעלאַכט:

— אַ מענטש קלאָגט נאָר איבער דעם, וואָס ער קען ניט ווערן קיין געוויר.

פייגל האָט אַ טראַכט געטון, און לייכט אָפּגעזיפצט: —

— אַבי נאָר געזונט! אַן אַרבעטער דאַרף נאָר געזונט זיין!

אוראַאַם האָט זיך אויפגעהויבן און האַלב ערנסט, האַלב לאַכנדיק אַ זאָג געטון צו יויעלן: —

— אַ ווייב האָסטו יויעל, אָט זי איז אַ פּראָלעטאַריער!

ווען אוראַאַם איז אוועק, האָט יויעל אָנגענומען פייגלס האַנט. אַ ווייכע און וואַרעמע איז פייגלס האַנט געבליבן אונטערטעניק ליגן אין זיי־נער. ער האָט אַ קוק געטון אין אירע אויגן. דער מילכיק נאַסער גלאַנץ מיט וועלכן אירע שוואַרצע אויגן זיינען געוועזן פאַרצויגן, האָט אים פאַרשטיקט דעם אָטעם. ער האָט דערפילט אין אירע אַרויסגעטראַטענע טרערן אַזאַ איבערגעגעבנקייט צו אים, צו יויעלן, אַז ווען ער דערציילט איר פון אַלץ, פון אַלץ, וואָלט זי אַף אים זיכער קיין בייז וואָרט ניט געטראָגן: —

— פייגעלע, וועסט זען, צוביסלעך, צוביסלעך, און איך וועל ווערן פאַר זיך באַלעבאָס!

פייגל האָט איר צווייטע האַנט אַרויפגעלייגט אַף זיין קאָפּ, און אירע קורצע פינגער האָבן געפלאָכטן זיינע ווייכע בלאָנדע האָר: —

— איין זאך נאָר — זאלסט מיר זיין געזונט! מער וויל איך ניט.

האָט זיך א בונט מיט געפילן א שטופּ געטון צו יויעלס ברוסט, פאַר די אויגן האָט אים פארשווינדלט. ער האָט שטייף א דריק געטון פייגלס האנט:

— פייגל, זיי מיר מויכל! ס׳איז מיר דאן שווער געווען אפן הארצן... איך האב מיר ניט געפונען קיין אָרט... ווען איך ווייס דעם סאָף! ווען איך ווייס דעם סאָף!.. איך בין ניט איינער... גלויב מיר...

פאַר זיך אליין האָט ער זיך איבערגעשראקן. די ווערטער, זיינע אייגענע, האבן אין זיינע אויערן געקלונגען עפּעס אזוינע פרעמדע, ווייטע; אין ברוסט־קעסטל האָט עס אים געזעצט און געשטיקט צוזאמען, און פאַר די אויגן האָט עס אזוי קיילעכדיק און געשווינדט פארשווינדלט, אז ער האָט ראַכמאָנעסדיק אויפגעהויבן די אויגן צו פייגלען. ער האָט געוואלט אז זי זאל פארשטיין אליין, אז ער זאל מער ניט דארפן רעדן דערפון וואס ס׳שטיקט אים, וואס ס׳האָט אים ביזן גרונט געוואָרפן; אז זי זאל אזוי מיט אירע פינגער א פיר־טון איבער די האָר פון זיין קאָפּ, און א זאָג־טון: —

— מיין ארעמער יויעל!...

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזעען, ווי פייגל איז איבער אים געשטאנען מיט אן אנגעצויגן איבערגעשראָקענעם פּאָנים, מיט אויגן שפּיציקע, ניט היימלעכע, און אים איינגעגעסענע:

— וועגן וואס רעדסטו?

האָט זיך דער בונט געפילן געגעבן א גליטש אראָפּ פון יויעלס הארץ, דאָס קלאפּן פון הארצן א שטעל אָפּ געטון, און א שארף געפיל, ווי א בליץ, האָט זיך א שלענגל דורכגעגעבן דורך זיין מויעך: —

— שיר זיך אליין ניט ארויסגעגעבן...

און ער האָט א שמייכל געטון: —

— געדענקסטו ניט דעם בריוו?

פייגל האָט פארזשמורעט די אויגן. נאָך טיפער האָט זי זיי אריינגעשטאָכן אין די העלע אויגן, יויעלס. זי האָט אין זיי געקוקט לאנג און שטעכיק. זי האָט געפאָרשט און געטראכט. יויעל האָט נאריש געלאכט.

שטיל און פארטראכט האָט זי זיך אָפּגעקערט פון יויעלן, יויעל איז איר נאָכגעגאנגען: —

— ביזט ברויגעז?

זי האָט ניט געענטפערט.

א גאנצן טאָג האָט יויעל געפּרואווט זי אויפצושטעלן צוריק. — ער האָט געצערטלט די קינדער, זיך געווויצלט, געלאכט צו פייגלען, — פייגל האָט קיין שמייכל ניט געטון.

אין בעט האָט ער געגלעט די האָר פון איר קאָפּ, צו איר גערעדט, דער־ציילט פון זיין ליבע צו איר. זי איז געלעגן אזוי שטיל, אז בלויז די גרויע שיין פון דער נאכט דורכן שמאָלן פענסטערל, האָט ארויסגעגעבן איר גע־פינען־זיך בא זיין זייט.

אינגיכן האָט זי זיך געגעבן א צי צוזאַמען, א זיפּץ, און באלד נאָכ־דעם האָט יויעל דערהערט איר גלייכן אָטעם.

האָט יויעל שטיל אוועקגענומען פון איר זיינע הענט, און נאָך אמאל פון דאס ניי, האָט ער זיך געפּרוּווט איבער דעם, וואס — באם סאמע ראנד האָט ער זיך ארויסגעדרייט: —

— שיר זיך אליין ניט אויסגעגעבן...

ער האָט זיך געטראכט, אז פייגל וועט זיך בארואיקן. איין געדאנק נאָר, האָט ער פון זיך געטריבן, ווי א בייסנדיקע פליג. דעם געדאנק איבער דעם, וואס ער איז צוריק פארמישפּעט אף לאנגע יאָרן צו זיין א פארשקלאפּ־טער ארבעטער...

— ווי א בייזע האנט וואלט מיך געשטופּט אף צוריק און צוריק...

ער האָט זיך דערמאנט ווי קינדווייז פלעגט ער כאפּן פליגן און זיי ווארפן אין א פלאש אריין. ער פלעגט אזוי שאָען לאנג שטיין און קוקן, ווי די פליגן ראנגלען זיך אף ארויסצוקריכן, און די וואס פלעגט שוין בא־וויזן דערקריכן ביז ארויף — פלעגט ער מיטן פינגער צוריק אראפּשטופּן.

איצטער, האָט ער געשפּירט, ווי א געהיימער פינגער, וואלט עס אים אליין געשטופּט אין א טיפער טונקעלער פלאש אראָפּ.

די דערינערונג מיט דער פליג, האָט אים פארזשומעט דעם קאָפּ, און

ער האָט אָנגעהויבן צו זעען די פליג אין דער גרויס פון א מענטשן. ער זעט ווי זי קוקט אַף אים, און בעט אים:

— שטויס מיך ניט אַף צוריק!

אינדעם האָט זיך פייגל שטיל א קער געטון, און זיך אויפגעהויבן אַף א האנט. דאס האָט יויעל דערשפּירט ווי פון שלאָף. פייגל איז אָבער באלד פארשוואונדן, און ער האָט ווידער פאר זיך דערזעען די פליג. ער האָט צו איר געזאגט:

— ווי קען איך דיר שטויסן אַף צוריק, אז איך בין א באנדאזשיר־טער?

האָט די פליג גארניט געזאגט. זי האָט נאָר אויסגעצויגן א האנט, האָט פּאָרזיכטיק אויפגעדעקט דאס ליילעך, און האָט מיט צוויי פינגער, אזעלכע קורצע ווי פייגלס, ארויפגעשאַרט זיין העמד. יויעל האָט זיך פאנאנדערגע־לאַכט, שטארק און לאנג. די פליג האָט צווישן די ציין ארויסגעקריצט: — אויסוואורף!.. און יויעל האָט אַלץ געלאַכט. ער האָט געלאַכט אזוי לאנג, ביז וואַנען איבער אַלץ האָט זיך פארצויגן א העל־גרויער וואלקן, און נאָכ־דעם איז געווארן —

גאָר ניט...

ווען יויעל האָט פארטאג געעפנט די אויגן, האָט ער דערזען פויגלען ליגן באַ די קינדער אין בעטל, מיט א נאס האנטוך ארומגענומען דעם קאָפּ. האָט ער די אויגן ברייט פאנאנדערגעעפנט, און זי געוואלט א רוף־טון, אָבער באלד האָט ווי א פונק א גלאַנץ געטון פאר זיינע אויגן, און ווי א שווערער שטיין וואלט זיך אראָפּגעקייקלט פון זיין ברוסט — ער האָט פאר־שטאַנען, אז פויגל ווייסט שוין פון אַלץ...

האָט ער זיך צונויפגעקנוילט, זיך פאררוקט טיף הינטערן ליילעך, און דורך א שמאָלן שפּאַלט פון די פארמאכטע אויגן — געוואַכט, אז דער שטורם, וועלכער האָט שוין געקנוילט אין זיין צימער, זאל כאָטש ווי אמ־לייכטסטן פאר אים אדורך.

פייגל האָט אַף דער־העלפט איבערגעריסן אַן אויסגעשריי ווי א גע־וויין פון שלאָף, זי האָט א ציטער געטון, און זיך אויפגעהויבן אַף א האנט. זי האָט זיך אומגעקוקט, און — דערמאָנענדיק זיך אָן דעם וואס דער שלאָף

האָט איבערגעריסן — האָט זי צוריק באַגראָבן דעם קאָפּ אין קישן, און געוויינט.

רויזל האָט פּאַנאַנדערגעעפנט די אויגן, און ניט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ — געקוקט אַף די ווענט און אַף די זון־שטראַלן, וואָס האָבן זיך איבער דעם ברייטן בעט געשפּילט. זי האָט זיך צוגעהערט צו דעם שטילן כליפּען, וואָס האָט זיך געריסן פון קישן אַרויס, און איז געוואָרן בייז וואָס איציקל שלאָפט און הערט ניט דאָסזעלבע וואָס זי. זי האָט עטלעכע מאָל א שטויס געטון איציקלען אין זייט, און ווידער געוואַרט, קוקנדיק אַף די ווענט.

איציקל האָט בייז געעפנט די אויגן, און צואַוואַרטנדיק א ווײַלע, האָט ער זיך אויפגעזעצט, באַטראַכט די מאַמען, גוט אָנגעקוקט דאָס נאַסע האַנט־טוך אַרום איר קאָפּ. א טאַפּ געטון די מאַמע בא א האַנט, און זיך צעוויינט.

האָט זיך פייגל געגעבן א הויב פון בעט, האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס האַנטוך, האָט זיך שנעל אָנגעטון, און ניט אַרויסרײדנדיק קיין וואָרט, אָנגעהויבן אויך אָנצוטון די קינדער.

א פּאַרוקטער, הינטערן לײַלעך, מיט א פאַרהאַלטענעם אָטעם, האָט יויעל געוואַכט. אָבער ווען ער האָט דערזען ווי פייגל טוט רייזלען אָן דאָס וואָלן היטעלע, ווי זי ציט אַרויף אַף איציקלען דאָס שמאָל־געוואָרענע וואַטאָווע מענטעלע, און ווי פייגל אַליין אײַלט זיך, ווי געקליבן ערגעץ אַוועקצופאָרן — האָט עס אין יויעלס ברוסט אָנגעהויבן צו קלאַפּן, ווי אַמאָל אין זיין שטעטל ס'האָט געקלאַפּט דער גלאָק אַף א סרייפע. ער האָט, ווי פון שלאָף אַרויס, זיך געגעבן א צי אויס, האָט פּאַנאַנדערגעעפנט די אויגן, און מיט א געמאַכט־פאַרשלאָפן קאָל, א פרעג געטון: —

— וואָס איז?

פייגל האָט זיך ניט אומגעקוקט. די קינדער זיינען שוין געווען אָנגעטון. איבער אירע פון שלאָף צעשויבערטע האָר, האָט זי שוין אויך דאָס היטעלע אַרויפגעצויגן, זי האָט פון דער וואַנט אַראָפּגעצויגן איר מאַנטל.

יויעל האָט זיך א זעץ אַנידער געגעבן, און איבערגעשראָקן אויסגערופן:

— וואָס טוסטו?

אויך דאָס מאָל האָט פייגל ניט געענטפערט.

דאן איז יויעל פון בעט אראפגעשפּרונגען, און האָט אָנגעכאַפּט אַן אָרבל פון איר מאַנטל:

— פייגל?

— אַוועק פון מיר!

זי האָט זיך צו אים אויסגעדרייט מיטן רוקן. זי האָט מער ניט גע־וויינט.

איז יויעל נעבן איר געשטאַנען מיט א שמייכל פון א שולדיקן, און האָט ניט געוואוסט וואס צו טון. ער האָט געשפּירט אז ער דאַרף עפּעס צו זאָגן, אבער וואס — האָט ער ניט געוואוסט.

— איך בין דאָך שוין... באַלד געזונט?

זי האָט א ציטער געטון, און ניט געענטפערט. די קינדער זיינען גע־שטאַנען בא דער זייט, און האָבן אנגעשטרענגט געקוקט אויף טאַטע־מאַמען.

ער האָט ארויסגעשטאַמלט:

— טו זיי אויס...

זי האָט ניט זיכער, און פּאַוואָליע, אויסגעדרייט דעם קאָפּ און קוקנדיק פאַרביי אים, געפרעגט:

— אויף דעם (דאס וואָרט „דעם„ האָט זי אָנגעדריקט) האָסטו מיך אהער געבראַכט?

מיט אויגן פול טאַכנונים און א קאָל מיט טרערן, האָט ער צו איר ארויסגעבעטן:

— גלויב מיר... איך בין ניט שולדיק, וואס... האב איך געזאָלט טון?

האָט פייגל א לאַך געטון מיט א קורצן און ווילדן געלעכטער, ווי דער ווילדער אויסגעשריי פון א רויב־פויגל איבער א פּוסטן כאָלאָל. זי האָט אַ שפּאַן געטון פאַרביי אים, אָנרירנדיק אים עטוואס מיטן אָרבל, און האָט א כאַפּ געטון די קינדער פאר די הענט:

— קומט!

איצטער האָט שוין יויעל אינגאַנצן ניט געוואוסט וואס צו טון. א צעטומלטער האָט ער זיך א לאָז געטון נאָך פויגלען, און אָנכאַפּנדיק זי פאר ביידע אָרעמס, האָט ער זי מיט אַלע קויכעס געריסן אויף צוריק, ווי איינער וואָס ראַטעוועט א בעהיימע פון א ברענענדיקער שטאַל.

פייגל האָט זיך גערינסן אַף צוריק, און די קינדער האָבן אויפגעהויבן א געוויין. פון די זייטיקע טירן אין הויף האָבן ארויסגעשטעקט די שווארצע קעפ פון די איטאַליענערינס.

אַן איבערגעשראָקענער האָט יויעל זי א שטויס געטון צום בעטל, און אַליין האָט ער אַף־דער־גיך פארהאַקט די טיר און לאָדן, ער האָט זי אָנגע־כאַפּט פון פאָרנט, פאר די אָרעמס, און זי שטייף געהאַלטן, זעענדיק אין דעם, דאס איינציקע מיטל אַף צו שטילן זי.

אנשטאָט אָבער צו שטילן, האָט זיך פייגל א צי אויס געגעבן אין דער הויך, און האָט דורך פארקריצטע ציין, אָפּגעציילט: —

— לאָז־אָפּ! א ניט — באַשפּיי איך דיר דיין פּאָנים!

און ניט טראַכטנדיק, און ניט ווילנדיק, האָט זיך פון יויעלס ליפּן אַראָפּגעקייקלט: —

— שפּיי...

האָט אים פייגל א שארפן מעסט אָפּ געגעבן אַף הין־און־צוריק, האָט — ווי איבער ביינדלעך — א קריץ געטון מיט די ציין, און אויסציענדיק די ליפּן, האָט זי מיט א פול מויל, פון אונטן אַף ארויף, באַשפּיגן יויעלס פּאָנים.

ווי ארויסגעגליטשטע, זיינען אַראָפּגעפאַלן יויעלס הענט פון פייגלס אָרעמס, און זיינען געבליבן הענגען. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז אזוי געבליבן שטיין.

מער האָט שוין פייגל ניט געקענט אויסהאַלטן. זי האָט זיך א וואָרף געטון צום בעט, און פארגראָבן דעם קאָפּ אין קישן.

יויעל האָט ניט געוואָגט מער דעם קאָפּ אויפצוהויבן. ווי דורך א ווינטל באַוועגט — האָט זיך זיין קאָפּ געשאָקלט איבער די פּיס, אַף הין און צוריק.

דורך געשטיקטן שטראָמיקן געוויין, האָט פייגל אריינגעטאַינעט איי קישן:

— פאַרוואס לעב איך אַף דער וועלט, און צוליב וואס לעב איך?

און יויעל איז אַליץ אַף דעמזעלבן ארט געשטאַנען, מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ, וואס האָט זיך געשאָקלט אַף הין און צוריק.

אויסגעוויינט, אויסגעטאַינעט זיך אין קישן, האָט פייגל דעם קאָפּ

אויפגעהויבן, האָט פאַרבראָכן מיט די הענט אין שויס, און שאָקלענדיק זיך — באַקלאָגט דאָס, וואָס זי האָט שוין ניט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן — וואָרום אַן אויסגעלייַדיקטע מידקייט איז זי באַפאַלן, און זי האָט געמוזט פאַרדריקן מיט די ליפּן, קעדיי אַ גענעץ זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּן אין דרויסן.

זי האָט געוואָלט אַז אַלץ, וואָס איז פאַרגעקומען, זאָל אויסטריפן, זאָל ווי דורך דער ערד פאַרשווינדן און איר לעבן, פייגלס, זאָל זיך פונדאַסניי אָנהויבן פון דאַרטן, אַף דער שיף, מיטן טיכעלע אין האַנט, פאָכנדיק צו יויעלן.

פון אַ זייט אַרויס, האָט זי געשאַרט אירע אויגן צו יויעלן, און דער־זעענדיק אים, ווי ער שטייט נאָך אַלץ מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ — האָט זי איר קאָפּ צו אים אויסגעדרייט. זי האָט אים באַקוקט, באַטראַכט.

אַ ראַכמאָנעס ־געפיל האָט זיך אין איר ביסלעכווייז אויפגעהויבן צו יויעלן, און קוקנדיק אַף אים, האָט זי אַ טראַכט געטון: —

— קען מען אים דען באַשולדיקן?

אבער אַ פאַרשטעלונג, אַ בייסיקע און אויך אַ פאַרדראָסיקע, האָט זי צוריק אַריינגעבראַכט אין קאַאָס. זי האָט בייסיק אַ פרעג געטון, מיטן פולן מויל: —

— לאַנג האָסטו דאָס שוין די מאַטאָנע?

יויעל האָט זיך אַ שטאַרקן שאָקל געטון, דאָס־מאָל שוין אויך מיט די פּיס, ער האָט עפּעס לייכט אַ ברום געטון, און איז ווידער געבליבן שטיין.

אויס נייגיריקייט האָט אים פייגל אַ פרעג געטון:

— האָסט ניט געוואוסט, אַז איך קום?

ווי אַ צעגאַנגען שטיק אייז, האָט זיך יויעל אַ באַוועג געגעבן, אַ שאָקל מיט די הענט, אַ הויב אַרויף די הענט אין אייגענעם קאָפּ האָר, אַ בויג זיך איין, און אַ פאַל אין דרייען. אַ צונויפגעדרייטער אין אַ קנויל, האָט ער ווי אַ פאַרסאַמטער הונט זיך געדרייט אין די אייגענע דאַלעד־אַמעס. ער האָט געריסן די האָר פון קאָפּ, און געזעוועט: —

— מיין פינסטער מאַזל! מיין פינסטער מאַזל!

ער האָט ניט געהערט ווי עטלעכע מאָל, און יעדער מאָל שטאַרקער,

האָט מען געקלאַפּט אין טיר. ער האָט זיך אַלץ געדרייט אין זעלבן ראָד און געדעוועט: —

מיין פינסטער מאַזל! מיין פינסטער מאַזל!

א צעשראָקענע, האָט זיך פייגל אויפגעהויבן פון בעט. די טיר האָט זיך געעפנט, און אווראָאָמס קאָפּ האָט אינעווייניק אריינגעשטעקט.

ער איז אריין אין שטוב, און איידער ער האָט די טיר פארמאכט, האָט ער אָנגעקוקט אי פייגלען, אי יויעלן, ער האָט צוגעמאכט די טיר, און איז צו צו יויעלן:—

— הויב זיך אויף, און גלייך זיך אויס — ס'איז דאָ פאר דיר ארבעט...

פייגל האָט א שמייכל געטון: —

— גיי, יויעלקע, דיינע כאווירים ווארטן אף דיר... נאָך א קרענק אויב דו ווילסט...

אווראָאָם האָט פארקנייטשט מיטן שטערן: —

— וואס? וואס האָט איר געזאגט? זאגט נאָך אמאל?

— איך זאג, אז איר זענט אזא ווי ער, און ער ווי איר, און האלעוואי וואָלט איך אייך אלעמען ניט געקענט...

אווראָאָם האָט א לאַך געטון: —

— נו, און פארוואס זענט איר ניט אוועק? פאר אזא מאיסע איז די פרינצעסן אוועק אין איר אלטן שלאָס, און האָט זיך מער ניט געוואלט טרעפן מיט איר מאן, דעם פרינץ...

פייגל האָט אזש א שפּרונג געטון: —

— טראָגט זיך ארויס פון מיין שטוב!

אווראָאָם האָט מער ניט געלייגט קיין אכט אף פייגלען. ער האָט גע־האָלפן יויעלן זיך אויסגלייכן, האָט אים אוועקגעזעצט אפן בעט, און האָט אים אָנגעזאגט: —

— גענוג די נארעשע מאיסעס. וואש זיך ארום, און קום אין גאס.

יויעל האָט ניט אויפגעהערט צו קרעכצן:—

— יאָרן פון האפנונג, פון אָפּשפּאָרונג, פון שווערער פראצע — אלץ אוועק מיט דער קרענק, אלץ...

אווראָאָם האָט געשוויגן, ער האָט זיך אויפגעהויבן:

— איך מוז לויפן צו דער ארבעט...

אין מיטן דער שטוב האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געשטאַנען א ווײַלע פּאַרטראַכט, און ווי צו זיך א זאָג געטון:

— א שפּיל צווישן די רעדער...

ער האָט זיך אומגעקערט צו יויעלן: —

— געדענק, צען אזייגער — א שאָד צו פאַרלירן די ארבעט.

און איז ארויס פון שטוב.

.5

מיט אומגעדולדיקע הענט האָט יויעל געריסן די לעצטע טעג פון זײַן קרענק, ווי די בלעטלעך בײַ א לועך פון אָפּגייענדיק יאָר. אױף מאָרגן פון דעם לעצטן אָפּגעריסענעם טאָג, האָט ער געזען אויפגעריסענע טירן, זון, פרייד. מיט פולן אָטעם האָט ער אײַנגעצויגן דעם געדאַנק פון דעם ערשטן טאָג באַפרייאונג. באַפרייאונג פון די שפּיציקע נעגל פון א בייזער כאַיע, באַפרייאונג פון א נאַכט אָן א סאָף — א נאַכט א פינסטערע, טיפע; באַפרייאונג פון א געמיט א קרעציקס, בייסיקס.

מיט אומגעדולדיקע, פריידיקע שפּרונגען, און מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם, האָט ער זיך געצויגן, ווי איינער וואָס האָט דערשפּירט פון ווייטן דעם רייעך פון זײַן היים, צו יענעם ערשטן טאָג —
באַפרייאונג.

און ווי איינער וואָס האָט פון דערווייטן זײַן היים דערשפּירט, אזוי האָבן זיך איבער יויעלן אויך פאַרצויגן דינינקע זאָרג־פעדים פון יענעם נאָ־ענטן איבערמאָרגן, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן אין זײַנע געדאַנקען אין אן ענדלאָזער שנור, איבער טעג און יאָרן פון זײַן קומענדיקן לעבן. אָט דאָס לעבן וואָס האָט געדאַרפט מאָרגן דערלאַנגען די האַנט דעם נעכטן, איבערן קאָפּ פון היינט. אן אומרואיקייט, א דין ציטערדיקע און אלט באַקאַנטע, האָט פון צײַט צו צײַט א ציטער געטון אונטער דער הויט פון זײַן לײַב. האָט די אומרואיקייט זיך געלייגט מיט אויסעסנדיקע פלעקן, ווי טראָפּנס עסיק, אױף די ליכטיקע שטראַלן פון זײַן קומענדיקן מאָרגן.

יויעל איז געקומען פון דער ארבעט. זיין ערשטע פראגע איז:

— ס'איז דאָ ווארעם וואסער?

ווארעם וואסער איז דאָ. פייגל ווייסט ווען ער קומט, און זי האָט צו־געגרייט.

יויעל באטראכט זי פון א זייט. ער דערקענט ניט אין איר זיין פרייד פארן מאָרגן. און פארוואס פרייט זי זיך ניט? זי איז דאָך פון אים ניט אוועק? זי וועט דאָך מיט אים אויך טיילן דעם מאָרגן, זיין מאָרגן?

ער נעמט בא איר איבער דאס וואסער, און זאגט:

— נאָך ניין טעג, און פאָטער.

פייגל ענטפערט ניט. אף איר פּאָנים איז אויסגעצויגן אן אומעט. זי קערט זיך אום אף צו גיין אין קיך. יויעלן דריקט עס. ער רופט זי:

— פייגל?

זי קערט זיך אום. יויעל קוקט איר אריין אין די אויגן. ער וואקלט זיך, און שטאמלט ארויס:

— ביזט בייז?

ניין, פייגל, איז ניט בייז. זי גיט גוטמוטיק א שמייכל:

— פארוואס?

יויעל ציט צו איר זיינע הענט —

— פייגעלע... זיי מיר מוחל, און פארגעס...

א, פייגל האָט שוין לאנג פארגעסן. איר פּאָנים איז פארצויגן מיט אומעט, אָבער זי זאָגט:

— וואס ביזטו שולדיק? ווער געזונט און פארטיק...

יויעל שעמט זיך מער ניט מיט די לעצטע טעג פון זיין קרענק. פייגל העלפט אים זיך היילן. אָבער אן אומרו, פון אף יענער זייט קרענק, עסט אים זיין הארץ. ער זעט, ער שפירט, אז פייגל טיילט ניט מיט אים די פרייד פון דעם אנקומענדיקן באפרייטן מארגן. פארוואס? האָט זיך א סינע אין איר הארצן איינגעגעסן צו אים, און זי וועט אים דאס שוין קיינמאל ניט פארגעסן? קיינמאל ניט? ווי קען מען אזוי לעבן?

— פייגל... ביזט אן אנדערע געווארן... אן אנדערע...

פייגל פארזשמורעט עטוואס מיט די אויגן. זי טראכט א ווײַלע אריין אין דעם וואס ער האָט געזאגט, פארשטייט, און ענטפערט:

— קראנקע געדאנקען, ניט מער...

א קאלטער ציטער גיט א יאָג דורך איבער יויעלס לייב — „קראנקע געדאנקען"... זי שטעכט אים — קראנקע... אָט ווי זי וואלט אים געזאגט: אף אייביק פארפוילטער הונט... האָט זי דאס אים געדארפט אזוי זאגן: קראַנקע?

— פארוואס, פארוואס?

טרערן בייסן יויעלס אויגן. ס'הארץ ציטערט.

ער דערמאנט זיך ווי דער דאקטער האָט אים אמאל געזאגט:

— אייער קרענק ווירקט אפן מויעך, פון דאנען נעמט זיך אייער שרעק...

טראכט איצטער יויעל:

— עפשער איז זי גערעכט? עפשער פארבלענדט די קרענק מיינע אויגן? פול מיט האָפנונגען, זאגט ער צו איר:

— וועסט זען פייגל, איך וועל געזונט ווערן, וועל איך זיך א נעם טון צו דער ארבעט — וועסט זען... ס'וועט אונז נאָך גוט זיין.

ער לייענט אין אירע אויגן:

— נו, נו... וועלן מיר זען.

אָבער זאגן זאגט פייגל גארניט. באשליסט יויעל: ער וועט דאס דורכפירן אין לעבן. טראט בא טראָט, טאָג נאָך טאָג, וועט פייגל זען זיינע זיכערע און פעסטערע טריט פארויס, פארביסן שטיל וועט ער גיין פארויס. זי וועט דאס דערזען, טראט נאָך טראָט, און... יויעל זעט ווי פייגל וועט דעמאלט זיך אָנהויבן ווידער ציען צו אים — מיין יויעלקע... א קלאַנג, א זיסער, ווי פון א כאָלעם ארויס... אָך!..

ער זעט פייגלס אומעטיק פּאָנעם, אירע טויטע טריט, און א קרעכץ רייסט זיך בא אים, איבער די ליכטיקע האפנונגען פון מאָרגן: איז מעגלעך, אז אָט די זעלבע פייגל מיט אָט דעם אומעט, זאל צוריק אויפלעבן ווי אמאָל?

— איז דאס מעגלעך?

דער לעצטער טאָג קרענק איז אויסגערונען, ווי דאָס לעצטע שטיקל וואַלקן בײַ דער אַדורכרײַסנדיקער זון. יויעל האָט צעבראָכן די פֿלעשלעך, אויסגעגאָסן די רעפֿועס, צעוואַשן די הענט, האָט זיך צעקושט מיט די קינ־דער, און אויסגעשפּרייט זײַנע אָרעמס צו פֿייגלען:

— נאָמיר זיך צוקושן.

פֿייגל בויגט האַלב פֿאַרשעמט אַוועק דעם קאָפּ.

יויעל שפּרינגט, טאַנצט, פֿאַרשווינדט, און קומט אַרויף מיט אַ פּעקל אין האַנט:

— מירן הײַנט מאַכן אַ יאָמטעוו...

אווראָאָם איז געקומען צו מיטיק. זײַן נידעריקער שטערן קנייטשט זיך, און דער פּאַפּיראָס אין מויל לעשט זיך, ער פּינטלט אָפּט מיט די אויגן.

פֿייגל רויטלט זיך. זי בלאָזט פֿון זיך אַוועק דעם צעשפּרייטן וואָלקן־רויך. אווראָאָם אַנטשולדיקט זיך, און פֿייגל שמייכלט אונטער — אַז ער וויל, קען ער ווײַטער רויכערן, ווי אַ פֿאַבריקס־קוימען. אווראָאָם באַ־מערקט ווי אונטער דער האַנט:

— איך האָב בײַשעק אונזער „פֿאַבריק” אָפּצושטעלן.

פֿייגל פֿאַרשטייט ניט אווראָאָמס ווערטער, און שמייכלט אויף טרעף. יויעל נעמט אָן ערנסטער אווראָאָמס ווערטער, און פֿאַרפֿירט מיט אים אַ דיסקוסיע, איבער אַרבעט און לוין.

נאָך יויעלס מיינונג נאָך זײַנען די באַלעבאַטים ניט שולדיק — זיי פֿרעסט די „קאָנפֿעקציאָן”. אווראָאָם מאַכט אַוועק מיט דער האַנט די אַלע אַרגומענטן.

— ווער דאַרף עס וויסן! לויגנט דיר ניט — קעמף! אויף אונזער רע־בענונג דאַרפֿן מיר זיי ניט לאָזן מאַכן אַ לעבן!

פֿייגל שפּירט זיך אויפֿגעהייטערטער און גרייט יאָנטעוודיק צום טיש. אַ ווײַס טישטוך פֿאַרציט זי איבערן טיש.

איר אויפֿגעהייטערטקייט ווירקט אויך אויף יויעלן. ער באַמערקט עס, און צינדט זיך אָן מיט איר שטימונג. אָבער אַ געפֿיל, אַ טיפֿס, אַ פֿאַר־

באַרגנס, ציט זיך ווי א שלאַנג, שטיל, פון ערגעץ ווייטע טיפן, און גיסט סאַם אַף זיין יאַנטעוו:

— אייערנעכטן, נעכטן, היינט נאָך, איז זי ניט געווען אַזוי — אויפ־געהייטערט... ניט געווען... איצטער — יאָ... מיין פייגל... מיינע?

א בייסנדיקער פאַרדרוס צעגיסט זיך דאָרט, ערגעץ באַם האַרצן זיינעם, אין א יאַם מיט טרערן:

— פאַרוואָס?

ער האָסט אווראַמען, ער האַסט אים שרעקלעך. ווי א וואָרעם פון בלאָטע ארויס קריכט ער, איבער יויעלן, גלייך אַף יויעלס קאָפּ. וואָס טוט ער באַ אים, באַ יויעלן?

ער שלינגט דעם האַס טיף אַראָפּ, צום יאַם פון טרערן, און שמייכלט צו אווראַמען —

— דאָ איז ניט אייראָפּע...

ווייס איך וואָס! אווראַם שמייכלט פון אַזאַ אַרגומענט:

— מיט וואָס איז אייראָפּע געווען בעסער אדער דאָ ערגער?

יויעל שאָקלט פילדייטיק מיטן קאָפּ. אווראַם דערגענצט זיין גע־דאַנק:

— אַזוי צי אַזוי — קיין אַנדער אויסוועג, ווי קאַמף איז ניטאָ.

פייגל גיט צו:

— פון מיינעטוועגן מעג מען די גאַנצע וועלט אונטערצינדן — מיש־טיינס געזאָגט וואָס דער אָרעמאַן האָט צו פאַרלירן!

יויעל האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. ער האָט דערשפּירט, ווי יענץ בייסנדיקע געפיל, וואָס האָט זיך ווי א שלאַנג פון ערגעץ ווייטע טיפן אין אים אויפגעהויבן — האָט צו זיין האַרץ דערלאַנגט, און מיט לאַנגע און טיפע שלונגען פון זיין יאַם טרערן זיך אָנגעטרונקען —

— זיי שטימען זיך צוזאַמען... זיי שטימען זיך צוזאַמען...

פאַרביי זיינע אויערן האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, ווי פון א ווינט פאַרטראָגענע, און באַ יעדן קלאַנג אַזאַ, האָט ער געציילט:

— אווראַמס... פייגל... אווראַמס... פייגלס...

ער האָט פֿון גאָרניט געטראַכט, נאָר טיף אין אים אינעווייניק, האָט זיך ווי א גלאָק צעקלונגען: —

— גלין, גלאָן... גלין, גלאָן...

און געשפּירט האָט יויעל, אז דאָס קלינגט דער גלאָק, אף זיינער, יויעלס לעוואיע:

— גלין, גלאָן... גלין, גלאָן...

דאָס טראָגט מען מיט שוואַרצן פּאָרדעקט, א רעשטל, וואָס האָט אמאָל געהייסן „יויעל". היינט ליגט דאָס רעשטל אף דער מיטע אויסגע־צויגן, און האָט שוין מער גאָרניט צו טון מיטן לעבן און מיט די אָרומיקע... געשטאָרבן.

— אָבער איך לעב דאָך נאָך!

יויעל האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן, צוזאַמען מיט א פויסט, און באַלד פאַר זיך אליין זיך דערשראָקן — עפּעס אזוי הויך האָט ער מיט דער פויסט אויפגעהויבן! ער האָט די פויסט ווייך איבערן טיש אראָפּגעלאָזט:

— איך — ניט! איך וויל לעבן...

אוּראָאָם האָט זיך צעלאַכט:

— א גוואורע פון א מענטשן — ער וויל לעבן! און ווער וויל דאָס ניט?

יויעלס אויגן האָבן געגלאַנצט פון טרערן. ער האָט ראַכמאָנעסדיק גע־קוקט צו פייגלען:

— ס'האָט מיך געטראָפן אן אומגליק — מיין שולד... אָבער איך וועל צוריק דערגיין. איך וועל דעריאָגן! צוויי יאָר שפּעטער, און איך וועל דעריאָגן! אין פינף יאָר אָרום, און איר וועט זען! איר וועט שוין זען...

אוּראָאָם האָט פאַרביסן מיט די ליפּן. ער האָט געוואָלט שווייגן. ער האָט ניט פאַרשטאַנען יויעלס געפילן, ער האָט אָבער געשפּירט ווי יויעל ליידט. אָבער ווי אזוי האָט אוּראָאָם געקענט פאַרשווייגן, אז יויעל רעדט ניט צו דער זאַך — „אין צוויי יאָר אָרום, און איר וועט זען" — און אין צוויי טעג אָרום? וואו איז בא דעם אַרבעטער די זיכערקייט שוין פאַרן מאָרגן? ער האָט דעריבער געזאָגט:

— לאָז אָפּ פון קלאַפּן זיך אין האַרצן אלבעט! און זוכן הינטערוועגן

אַף צו ראַטעווען זיך, איז אויך ניטאָ וואס — די וועגן ארום אונז זיינען גוט באוואָרנט!

יויעל האָט ניט אויפגעהערט צו שאָקלען מיטן קאָפּ אַף ניין — ער איז ניט איינשטימיק. ער האָט בלויז אויפגעהערט צו שאקלען, ווען ער האָט באמערקט פייגלס שמייכל. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן אז דאס לאכט זי אים אויס, פייגל, אין אווראָמס קעגנווארט... אים, יויעלן. א הייסער שטראָם האָט אים א יאָג געטון דורך די באַקן צו די אויגן צו. ער האָט פארביסן די אונטערשטע ליפּ.

באַם אוועקגיין האָט אים אווראָם גוטברודעריש פארלייגט די האַנט אַף דער פּלייצע:

— פון היינט, יויעל, צו אונזער אלגעמיינער זאך...

יויעל האָט פארביסן געשאָקלט מיטן קאָפּ אַף ניין:

— איך האב מיר מיין וועג...

אווראָם האָט אים א וואָרן געטון:

אומזיסט, יויעל, ווילסטו ווי א האָז אנטלויפן — פון אלע זייטן וועט מען דיך שטענדיק טרייבן אַף צוריק, שטענדיק.

ווען אווראאם איז ארויס, האָט יויעל א כאַפּ געטון פייגלען פאר די הענט. עס האָט אים געקלאפּט א צאָן צו א צאָן. ער האָט זי א צי געטון אזוי שטארק, אז פייגל האָט א קרעכץ געטון. פון צווישן די צייט ארויס, האָט ער אויסגעציילט:

— סט'געהערט? ער — אויך... פון וואנען ווייסט ער?

פייגל האָט א ריס געטון אירע הענט אַף צוריק. זי האָט בייז געפרעגט —

— וואס ווייסט ער? וואס ווילסטו?

— ה אָ ז האָט ער געזאגט?... האָז... פון וואנען?

פייגל האָט א שאָקל געטון מיטן קאָפּ. אירע ליפּן האָבן זיך אויסגע־קרימט אין א האלבן שמייכל:

— פון וואנען ער ווייסט... ווי ס'ווייזט אויס, קען מען פ ו ן ז י ך

אפילע קיין ארגענטינע אויך ניט אנטלויפן — אַט פון וואַנען ער ווייסט!

זי האָט זיך צו אים אויסגעדרייט מיטן רוקן. און יויעל האָט אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט פולע הויפנס בלאָנדע האָר פון זיין קאָפּ. אין די אויערן האָט עס אים אָנגעהויבן צו זשומען. און וואס ווייטער אלץ דייטלעכער האָט עס אָנגענומען דעם קלאַנג פון א פליגן־זשומעריי.

ער האָט דערשפירט איבער זיך א פינגער, א מוירעדיקן פינגער. פול מיט שרעק האָט זיך יויעל געבויגן אלץ נידעריקער, נידעריקער...

* * *

אין אַ לעוואָנע נאַכט

מיט שטילע טריט פון א נאכט־גאַנעוו, האָט זיך די קרענק אין אים ארײַנגעכאַפּט אַלץ טיפער און טיפער.

ביידע לונגען זײַנען שוין געווען פארנומען. דעם דאָקטערס שטערן האָט זיך געקנייטשט. די שטוב איז פול געוואָרן מיט אומעט. ער האָט נאָך אַלץ ניט געגלויבט. ער האָט מינוטן־לאַנג געקוקט אויף זײַנע הענט, זיך באַטראַכט אין שפּיגל, אַרײַנגעטיפט זיך אין די אויגן, אין זיך אַליין, צום וויפלטן מאָל האָט ער זיך געפרעגט: איז דאָס שוין דער אָנהויב פון סוף?

— ניין, ניין און ניין! — האָט ער זיך אַליין געענטפערט. — זיי ווייסן ניט, זיי שרעקן זיך מער ווי דאָס איז... ס'איז א פאַרקילונג און ניט מער...

און דעמאָלט האָט ער אויף־דער־גיך צוזאַמענגעשטעלט פּלענער פון זעלבסטהיילונג—אַוועקוואַרפן די שטאָט, עפּשער לאַנדווירטשאַפט, און פירן א געזונט נאָרמאַל לעבן... פון זון אויפגאַנג ביז זון פאַרגאַנג... און דאַן—

ער האָט טיפער אָפּגעאָטעמט, און ער האָט אין זיך דערפילט א צופלוס פון ענערגיע, קויכעס...

— פאַקטיש — האָט ער געטראַכט — בין איך געזונטער פון אַנדערע וועלכע מיינען, אַז זיי זײַנען אויף אַן עמעס געזונט...

ער האָט צופרידן געשמייכלט.

אָט דער גלויבן אין זיך, האָט אָנגעהאַלטן ביז וואַנען עס פלעגט אים אָנהויבן פאַרפעלן אָטעם און א שווייס פלעגט אַרויסשלאָגן פון זײַן גאַנצן קערפּער. דער קלענסטער פונק פון גלויבן אין זיך איז דאַן פאַרשוואונדן און מיט שרעק פלעגט ער טראַכטן:

— ס'הויבט זיך אָן...

און ס'פלעגט זיך אָנהויבן. א שטאַרקער הוסט, וועלכער האָט געריסן

שטיקער האַרץ און לונג — האָט אים אומבעראַכמאָנעסדיק צונויפגעדרייט אין קאָנוואולסיעס. עס האָט ניט געהאָלפן זיין צוהאַלטן זיך מיט די הענט באַ דער ברוסט, זיין מיטהעלפן דעם הוסט צו אַרויסרייסן דאָס שטיק פאַר־טשעפּעטע לייבע, דאָס אַלץ האָט ניט געהאָלפן: ער האָט געהוסט, אויסגע־שפּיגן שטיקער לייבעס און ווידער געהוסט. און אַז דער הוסט האָט שוין ניט געהאַט וואָס צו רייסן, האָט ער צאָרנדיק געדראָפּעט דעם האַלז, ווי וועלנדיק זיך אין אים נויקעם זיין פאַר דער ניט־באַצאָלטער אַרבעט...

אין יענע מינוטן האָט ער גאָרניט געטראַכט. ער האָט ניט געקענט טראַכטן. ער האָט נאָר מיט די הענט צוגעהאַלטן דעם קאָפּ, און האָט האַס־טיק אין זיך אַריין געצויגן דעם אָטעם. עס פלעגט זיך אים אויסווייזן, אַז די הענט ברענען און פון די אויגן פליען פונקען...

— ניט גוט...

אַז דער הוסט איז פאַרביי, איז ער געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז ער האָט געשפּירט אַ נויטיקייט צו אויסציען זיך, פאַרמאַכן די אויגן, און אויפהערן אפילו צו אָטעמען... ער האָט אָבער ניט געקענט — ער איז געווען באַ דער אַרבעט.

אַז ער איז אהיים געקומען, האָט ער נאָך פונדערווייטנס געצויגן זיינע הענט צום בענקל, אַף וועלכן ער האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט. לאַנג איז ער געזעסן, פאַרביסן געשווינגן, און זיך צוגעקוקט צו די פאַרזאָרגטע פּנימער, וועלכע האָבן זיך געקרימט צום וויינען.

און ווידער איז געקומען די אויפהייטערונג. איצטער האָט זיך אים געוואָלט רעדן, דערציילן, לאַכן, טאַנצן — ער אַליין האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס. און אַ באַזונדער פאַרגעניגן האָט ער געהאַט צו פרעגן זיין פרוי:

— בין איך טאַקע אַזוי געפערלעך?

ער פלעגט עס פרעגן מיט אַ געמאַכטער זאָרג אַזוי, אַז ס'זאָל אויס־קומען אַז ער איז באַשראָקן איבער זיין לאַגע. און ווען זיין פרוי פלעגט אים מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט ענטפערן: דו — געפערלעך? גיי שוין... — האָט ער באַ זיך אין האַרצן געלאַכט:

— כאַ—כאַ—כאַ — זי מיינט, אַז זי נאַרט מיך און נאַרט זיך אַליין... זי מיינט שוין טאַקע אַז איך שטאַרב....

און זיין גלויבן אין זיך האָט זיך ווידער געשטאַרקט...

זיין פרוי האָט באַקומען היץ און ער האָט מיט שרעק און זאָרג געטראַכט: פון מיר?

ווי אַ געשלאָגענער הונט האָט ער זיך איינגעגראָבן אין זיך און האָט געשוויגן. ער האָט דעם טויט ניט געזען. ער האָט אַפילו ניט געשפּירט דעם אָפּקלאַנג פון זיינע טריט. ער האָט אָבער געזען דעם אָנהויב פון כורבן; ער האָט געשפּירט ווי אַ געהיימע האַנט האָט זיך אַריינגעריסן און צעשטערט אַלץ דאָס, וואָס הייסט לעבן. ער האָט געשוויגן און מיט אַ נאָכשפּירנדיק אויג האָט ער נאָכגעקוקט דער פרויס פּנים. אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער זעט אין אירע איינגעזונקענע גליענדיקע אויגן — אַ יאוש; יאוש ניט נאָר צו זיך, נאָר אויך צום גאַנצן לעבן וואָס אַרום איר. און אים האָט זיך געדאַכט אַז ער הערט איר קלאָלע, וועלכע זי שיקט אין לעבן...

— דאָס שעלט זי מיך, — האָט ער געטראַכט — מיך, וועלכער האָט זי פאַרהאַלטן אין וועג און מיטגעשלעפּט צום אָפּגרונט...

ער האָט זיך איינגעגראָבן אין זיך און געשוויגן, טראַכטנדיק: מיר גייען צום גרונט... מיר גייען צום גרונט!..

די היץ איז אַדורך. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז געווען בלויז אַ פאַרקילונג.

ער האָט ביטער געשמייכלט:

— און דו האָסט שוין געמיינט, אַז דו ביזט אָנגעשטעקט?

— וואָס מיינסטו, ס'איז ניט מעגלעך? אויב ניט איצטער, קען דאָס זיין שפּעטער...

— איז טאַקע ניט גוט...

דאָס האָט אים אויפגערעגט. ער האָט פאַרביסן געזאָגט:

— מוז מען זיין זייער און זייער פאָרזיכטיק...

זי האָט אַ רעגע געטראַכט, גאָרניט געזאָגט און אַ זיפץ געטון.

ער איז אויפגעשפּרונגען: הייסט עס, זי איז זיכער! און אַזוי שנעל ווי

זי האָט זיך נאר דערשראקן פאר דער אייגענער פעל, קען זי שוין מיר מער ניט זאָגן קיין ליגן אין די אויגן... זי זאָגט גאנץ אָפן: — איך בין גע־פערלעך, און זי ציטערט פאר זיך...

ער איז געווען באליידיקט; באליידיקט אָן א מעגלעכקייט פון קענען זיך אָפּצאָלן. מען האָט אים באליידיקט דאן, ווען מען מיינט אז ער איז שוין געבונדן מיט די הענט און מיט די פיס.

ער האָט געגעבן א קלאַפּ מיט דער טיר און איז ארויסגעלאפן אין גאַס.

צום ערשטן מאָל אין לעבן איז אים אדורך א געדאנק:

— איך האב פאַלש געלעבט...

ס'איז געווען טיף אין אָוונט. די גאַס איז געווען אפגעליידיקט און אלע טויערן צוגעשלאָסן. דער פארבלויטער מילכיקער הימל איז געווען אויסגע־שטערנט, די לעוואָנע אינמיטן הימל — ווי איינגעשלאָפן.

ער איז געגאנגען גיך און לאנג, ביז ער איז צוגעקומען צו א גערטל. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אף א באנק און טיף איינגעאטעמט.

— איך האב געלעבט פאַלש... — האָט ער צום צווייטן מאָל איבער־געטראכט.

דער געדאַנק זיינער האָט געגעבן א שפרונג אָפּ צו דער צייט, ווען ער האָט אנגעהויבן זעלבסטשטענדיק פארדינען זיין שטיקל ברויט. און ער האָט דערזעען א לעבן פול זאָרג, נויט און ליידן.

איצטער האָט אים געוואונדערט:

— און איך האב ניט פּראָטעסטירט, איך בין געגאנגען ווי א פערד אין שפּאַן. ווי אזוי האָב איך עס געקענט אריבערטראָגן? צו וואס האב איך געשטרעבט?

האָט א צווייטער געדאַנק אים געענטפערט:

— פאַמיליען לעבן...

— פאַמיליען לעבן?.. פאמיליען לעבן... וואס איז פאמיליען לעבן? — א צווייטער גאָט אין מענטשנס לעבן, צו וועלכן ער קניט און בוקט זיך, און אין זיינע אייגענע טרערן געפינט ער א טרייסט... פאמיליען לעבן! א פוסטע פארשטעלונג, וועלכע עקזיסטירט ניט. מיר ווערן געוואַרמט מיטן

אייגענעם אָטעם, און אזוי שנעל דער אָטעם ווערט קילער — פארשווינדט די ווארעמקייט אין פאמיליען לעבן...

— און אָט איז דער סאָף — ווען דו ביזט געבראָכן, וויקלט זיך די צווייטע העלפט פון „פאמיליען לעבן" אין צען קאָלדרעס, און קוקט אויף דיר מיט אויגן פול מיט שרעק, גלייך דער טויט וואלט צו איר אויסגעשטרעקט די הענט... — פאמיליען לעבן!

ער האָט דערשפירט ווי א שוויים הויבט אים אָן ארויסצושלאָגן פון קערפער. ער האָט אָנגעהויבן טיפער איינצואָטעמען.

— עך, גענדארפט אנדערש לעבן... ניט אזוי... וואס איז א פערזענלעך לעבן? אָט איז עס... הייגט אָטעמט עס נאָך און מאָרגן איז עס שוין א נעווייליע... א שטיק נעווייליע, וואס מען דאַרף עס וואס טיפער אין דער ערד באגראָבן, קעדיי עס זאָל ניט פארפעסטן די לופט... געדארפט זיך פאראייניקן מיט די אלע וועלכע האבן געארבעט און געליטן, געדארפט מעכטיק הויבן די האנט און רוימען — רוימען דעם וועג, אויסרייניקן פון דער פאַסקודסטווע, וואס מאכט דאס לעבן אומדערטרעגלעך... ניט געדארפט ציטערן... סאי ווי סאי...

דער אָטעם איז אים געווארן אפגעהאקטער, טיפער. דאס בלוט איז אים געקומען אין פּאָנים. ער האָט זיך אָנגעכאפּט אָן דער ברוסט...

א הונט איז דורכגעלאָפן און האָט זיך פלוצלינג ניט ווייט פון אים אָפּגעשטעלט, פאריסן דעם קאָפּ צו דער לעוואָנע און האָט אָנגעהויבן יאָמערדיק צו בילן...

האָט ער זיך עטוואס אויפגעהויבן פון באנק, און האָט ארויסגעשטאַמלט: —

— אָט, אזוי, ברודער...

א שטארקער הוסט האָט אים צוריקגעווארפן צו דער באנק.

דער ערשטער צוזאַמענשטויס...

מעגלעך אז הער הימלפארב איז א גאנץ „פּיפּיק" פאבריקאנטל, אָבער זעען זעט ער ניט וואס עס טוט זיך בא אים אונטער דער סאמער נאָז. קרינסקי, דער „נעבעכדיקער" קרינסקי, וואס ווארעמט זיך אף הימל־פארבס בוידעשלעכע הונדערט און צוואנציק פּעזעס, טראגט אין זיך א פייערדיקן ווילן אראפּצושמייסן הונדערטער אזעלכע הימלפארבס פון זייערע אָנגעווארעמטע פּלעצער.

ווער איז קרינסקי? צו די ערשטע צייטיקע געדאנקען האָט קרינסקין ארויסגעטראגן א פינסטער, פארשימלט שטיבל, א בייזער הוסטענדיקער טאטע און א מאַמע וואס האָט אויסגעזען פון קאָפּ ביז די פיס ווי איין קנויל צונויפגעפּלאָנטערטע שמאַטעס. דער ערשטער קאָנפליקט קרינסקיס איז גע־ווען מיט זיין מאמען, פאר א צעפּוילטן עפּל, וועלכן ער האָט א שליידער געטון יאָן דער ערד און וועלכן די מאמע האָט אויפגעהויבן שוין א צע־פּלאַטשטן, אָן אויסגערונענעם. פאר אזא אַוולע, האָט קרינסקי געקראגן אָנגעדרייט די אויערן, קלעפּ איבערן קאָפּ און איבער דער פּלייצע, און געבליבן א גאנצן טאָג אָן עסן. די שטראָף איז אָבער געווען נאָר אָן אָנהויב צו יענער, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין אָוונט, ווען דער טאַטע איז צו־ריקגעקומען פון דער ארבעט און וועלכע האָט זיך פארענדיקט ערשט, ווען דער טאַטע האָט זיך פארקייכט אין אן ענדלאָזן הוסט. אָבער די אוממענטש־לעכע קלעפּ און אַ טאָג הונגער האבן אין קרינסקין ניט ארויסגעריסן און ניט פארענטפערט אָט די ביטערע פראגע, פארוואס מוז ער דאס שטענדיק עסן בלויז צעפּוילטע ביטערע עפּל? קרינסקי האָט דאָך געזען אין מארק אַ סאָך קוישן מיט גרויסע, רויטע עפּל, וועלכע האבן מיט זייער שמעקנדיקן זאפט אים דעם קאָפּ פארדרייט. ער האָט דאָך געזען ווי מענטשן האָבן אָט די שמעקנדיקע עפּל געקויפט; איז פארוואס־זשע שטופּט אים די מאמע, צוזאמען מיטן הארטן ברויט נאָר צעפּוילטע עפּל? פארוואס?

דאָס איז געווען דער ערשטער „פּארוואס”, וועלכער האָט געעפנט די טירן פון קרינסקיס מויעך. נאָך דעם ערשטן פּארוואס, האבן זיך א שאָט געטון אָן א צאָל אנדערע פּאַרוואָסן. יעדער טראָט קרינסקיס איז געווען באגלייט מיט א פּאַרוואָס. פּארוואס גלעט דער רעבי די באלעבאטישע קינ־דער און אים שלאָגט ער? פּארוואס, אין שול שטייט דער טאטע ווי א בעטלער בא דער טיר און די באלעבאטים, אף אויסגעפּוצטע ערטער, זיצן אויבנאָן? פּארוואס מוזן קרינסקיס עלטערן וואוינען נאָר אף דער גאס וואו ס'איז מער שמוץ און בלאָטע, ווען ארויף די גאסן, זיינען ציכטיק, אויס־געברוקירט?

נאָך יענער געשיכטע מיטן עפּל האָט שוין קרינסקי ניט געזוכט קיין ענטפער אף אָט די פראגן בא זיינע עלטערן. און פראגן זיינען דאס גע־ווען זייער שטארקע, פּאַרדראָסיקע. איז דען קרינסקיס טאטע ניט א מענטש ווי אלע מענטשן? איז דען קרינסקי ניט א קינד ווי אלע קינדער? איז דען גאָט און דאס לעבן ניט פאר אלעמען גלייך?

ניין, קרינסקי האָט בעשומאויפן ניט געקענט אליין אויסזוכן א טרעץ אף די אלע קאַשיעס. מען האָט געמוזט עמיצן אָפּזוכן, מיט עמיצן זיך טיילן, אראפּרעדן פון הארצן. נאָך לאנגע זוכענישן האָט זיך קרינסקי אָפּ־געשטעלט אף מענאַשען, געדאַליע דעם שוסטערס. מענאַשע איז געגאנגען אין דעם זעלבן כיידער וואס קרינסקי. און קרינסקי האָט באמערקט אז אויך מענאַשע קומט אין כיידער מיט צעפוילטע עפּל, אז אויך מענאַשען האָט דער רעבע פיינט.

פון דעם צוזאמענקום מיט מענאַשען, איז קרינסקין ניט נאָר גאר ניט פארענטפערט געווארן, נאָר פארקערט — די אוולעס, די פּארוואָסן, זיינען אויסגעברייטערט געווארן; זיינען געווארן דיקע קלעצער, וועלכע זיינען געהאנגען איבער קרינסקיס קאָפּ. א שרעק! דאס האָט דאָך אויסגעזען ווי א מילכאָמע! ס'איז דאָך ניט נאָר מיט קרינסקין און מיט זיינע עלטערן אזוי, נאָר אויך מיט מענאַשען און זיינע עלטערן. און מיט בערל, זאלמען דעם בלעכערס אויך אזוי. געוויס אזוי. ווארום אויך ער האָט געגעסן צעפוילטע עפּל, זיינע עלטערן האבן אויך געוואוינט אראפּ שטאָט, וואו ס'איז שמוציק און בלאָטיק, און אויך זיין טאטע איז אין שול געשטאנען ווי א בעטלער

באַ דער טיר. איז אויב אַזוי, איז דאָך אויך דיזעלבע געשיכטע מיט כּאַאים יאַנקל דעם שמידס, און אויך מיט גערשן, דעם באַנדערס? און מיט פּייווקען, זעליק דעם שניידערס? וואָס־זשע טוט מען! פאַרוואָס איז דאָס אַזוי!

בעעמעס, אַז קרינסקי האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַרן לעבן. עפּעס האָט דאָס אויסגעזען, ווי דאָס גאַנצע לעבן וואָלט זיך אויפגעשטעלט קעגן די אָרעמע לייט און וויל זיי אָפּמעקן פון דער וועלט.

ווי אַן אייביקער שקלאַף, האָט שוין געוועזן קרינסקי אָנגעגרייט זיינע יונגע פּלייצעס, און איז שוין געווען גרייט געדולדיק אויפצונעמען דעם שימל און הוסט, און געדולדיק וואַרטן אויפן טויט, וועלכער וועט אים מיס־טאָמע אַזוי יונג באַפרייען, ווי ער האָט אויך באַפרייט זיין טאַטן — ווען קרינסקי האָט זיך פּלוצלונג דערוואוסט פון דעם סאָד וועגן קאַמף פון קלאַסן.

אָט די גאַנצע שווערע טעאָריע וועגן דעם קאַמף פון קלאַסן, האָט קרינסקי זייער לייכט אויפגענומען; ער האָט זי, קען מען זאָגן, אַפן וואונק דערטאַפּט. ער האָט דאָך אָט די גאַנצע געשיכטע געטראָגן מיט זיך פון זיין יונגסטער יוגנט. זי איז דאָך קימאַט ווי מיט אים צוזאַמען געבוירן גע־וואָרן. ניט מער, ער האָט ניט געוואוסט דעם נאָמען פון דעם. ער האָט אויך ניט געוואוסט, וואָס מען דאַרף טון אַף קעגנשטעלן זיך אָט דעם אָנ־גריף פון די פאַרבאַפּערס, רייכע. נו, האָט ער זיך איצטער דערוואוסט. אוואַדע אַזוי, אוואַדע איז באַ זיי אין די הענט אַלע שטאַרקע מיטלען אַף צו באַקעמפן יעדן אויפשטאַנד פון די אָרעמע. דאַרף מען זיך גרייטן. דאַרף מען זיך פאַראייניקן.

אָ, די אָרעמע זיינען אַסאַך, אַסאַך מער אין צאָל! זיי דאַרפן זיך נאָר פאַראייניקן.

און קרינסקי האָט זיך געשטעלט אין די רייען פון זיין קלאַס. ער האָט זיך געגרייט צום אויפשטאַנד.

דערווייל — דערווייל איז הער הימלפאַרב געווען זיכער, אי אין די אייגענע קויכעס, אי אין דעם באַקוועמען אָרט וועלכן ער פאַרנעמט אין לעבן.

יאָ, אויף הער הימלפאַרבס לעבן האָט טיף שאָטענדיקע זייטן. דאָס

זיינען יענע זייטען פון הימלפארבס לעבן, וועלכע קומען זיך צוזאמען מיט דער ווייסער, לאכנדיקער מאדאם הימלפארב. אף יענע קאנטן פון זיין לעבן, איז דער הער הימלפארב שוין גאר ניט זיכער. דארטן פארנעמט ער דאס ארט פון א קליין קודלאטע הינטל, וועלכע שלאגט זיך ארויס פון די קויכעס, נאכלויפנדיק און שמעקנדיק דעם פארפומירטן עק פון זיין באלעבאסטעס קלייד. מאדאם הימלפארבס שיכל איז דאך אזוי קאפריז, און איר ראזע לייב, בא אירע עטלעכע און דרייסיק יאר, איז נאך אזוי פארפירעריש — הער הימלפארב וועט שוין בעסער קושן דאס בייזע שיכל, אבי דאס ראזע לייב זאל זיך ניט ארויסגליטשן פון זיינע הענט.

זיין פאטערלעכע זיכערקייט איז אויך שטארק אויפגעטרייסלט. זיין עלטערער זון, מאקס, האט נאך מיט א דריי יאר צוריק, זייענדיק א פערצן יאריקער סמארק, א געשריי געטאן צום טאטן „רוסא"! און האט צווישן די ציין פארקוועטשט „מיער־ר־ר..." היינט טראגט מאקס דעם קאפעליוש אף א זייט, איז א וואוילער שפאניש־רעדנדיקער באכער, און מאדאם הימל־פארב גלויבט אז ס'איז איר געלונגען צו פארדעקן פון מאנס אויגן דאס, וואס מאקס היילט זיך פון א געוויסער קרענק. עסטער...

בא דעם דערמאנען זיך אן עסטערן, גיט הימעלפארבן א זעץ א פייער. עסטערס נאמען בינדט זיך אין הימלפארבס גדאנקען מיט א צווייטן נאמען — אמאליא. דיזעלבע וואוקס און דיזעלבע עלטער. אבער אמאליא איז פון דער נאטור א קאלטע און אויסגערעכנטע. בלויז הימל־פארבס שיטן מיט פרעזענטער און אמאליאס ארעמקייט, האט אמאליאן געבראכן. עסטער איז אבער א היציקע און נייגעריקע. דער ערשטער, בעס־טער באטלען... און הימלפארבן, גיט א שלאג א היץ אין קאפ, באם שפיץ נאר פון געדאנק, אז אן אלטער אפגעקראכענער באל־אווירעניק ווי ער, הימלפארב... און זיין טאכטער, עסטער...

דערפאר אבער איז הער הימלפארב שוין גאר זיכער, אי אין זיין פאב־ריק, אי אין זיינע קויכעס ארום דער פאבריק.

אכצן ארבעטער, אין בלויע פארטוכער, קומען, באוועגן זיך, און גייען אוועק נאך זיין באפעל נאך. אכצן היימען ווארעמען זיך ארום די פעקלעך געלטער, וואס קומען פון באנק ארויס אף זיין נאמען. אכצן ארבעטער אין

בלויע פּאַרטוכער, אויסער די פיר מיידלעך פּאַרקויפערנס אין געשעפט. דאָס איז אַ קראַפּט!

און הימלפאַרב פילט זיך אַזוי פּאַטערלעך שטייף, און אַזוי דיקטאַטאָ־ריש שטאַרק קעגן די מענטשן, וואָס זיינען פון אים אָפּהענגיק, אַט ווי שאַף־צונג אַפן שאַף־ברעטל — אַ הויב אויף אַזאַ שאַף־שטיקל, אַ רוק איבער, אַ שליידער אַראָפּ. מיטלען צו אַ שפּיל אין אַ געניטער, פעסטער האַנט.

וואָרום הער הימלפאַרב טיילט איין זיין פאַבריק אין דריי טיילן: רוי־שטאָף, מאַשינען און אַרבעטער. אַלע דריי טיילן מוזן זיך דערלאַנגען מיט די הענט, און מוזן פרי׳ילעך לויפן אין דעם פּראָדוקציע־טאַנץ, וואָס פילט אָן און מאַכט פעטער ה״ר הימלפאַרבס פאַרמעגן. ציינער פון רעדער, וואָס מוזן פּונקטלעך און אָן אומ־זהער, זיך שליסן איינע אין איינע.

לעווין, דער „קאַפּאַטאַס” לעווין, איז דער, וועלכער דאַרף אָפּטויטן די אַרבעטערס ווילן, זיי צופּאַסן צו דעם ווילנסלאָזן לויף פון דער פאַבריק, דערפאַר נעמט ער צוויי הונדערט מיט פופציק פעזעס אַ כוידעש.

פאַר לעווינען איז דאָס אַ ריזיקאַלע שפּיל. ער שפּירט אַף זיך דעם האַס פון די אַרבעטער—פאַרקריצטע ציין, און שאַרפע אויגן. לעווין ווייסט דעם ווערט דערפון. לעווין ווייסט די געפאַר ווען אַן אַרבעטער האָט שוין ניט מער וואָס צו פאַרלירן. אָבער די צוויי הונדערט מיט פופציק פעזעס, איז אַ ביינדל נאָך מיט אַ שטיקל פלייש דערצו. און לעווין גלעט און בייסט, כאַנפעט און מאַסערט, שטעלט אונטער אַ פיסל דעם, פאַר וועמען ער האָט מער מוירע.

אַמשטאַרקסטן פילט לעווינס ציין, דער יונגער פעדראָ. ווי אַ שאַרף מעסער, שניידט זיך לעווין אַריין אין דער רויער פרישקייט פון פריטאַרגן. ער איז שוין דאָ. ער שמעקט מיט דער נאָז און נישטערט; ער באַפעלט און שרייט. און שוין ניט איין מאָל ווי איבער פעדראָס קאָפּ איז געהאַנגען לעווינס האַנט.

אַמאָל האָט פעדראָ שטאַרק געציטערט פאַר לעווינען. ער האָט אַפילע ניט גוט באַגריפן וואָס מען וויל פון אים. עפּעס אַלץ אַרום איז פאַר אים געווען אַזוי אומפאַרשטענדלעך! אָנגעהויבן האָט זיך פאַר פעדראָן דאָס לעבן גאַנץ אינטערעסאַנט. אַ הויף מיט שכיינים, קימאַט אַ גאַנצע שטאָט. קינ־

דער פון פארשידענעם עלטער איז געווען גענוג. דאס מיסט און ברעקלעך פון הויף, האָט געקלעקט פאר אלע קינדער זיך צו שפּילן א גאנצן טאָג. און שפּילערייען זיינען געווען א סאך: פערדלעך, אויטאָ ־ קוויטשערייען, פּאַפּירענע אעראָפּלאַנען, קנעפּלעך, קאָרטן. פעדראָ איז געווען גרענעצלאָז פריי. די מאמע האָט גאנצע טעג ערגעץ געוואשן וועש; און ווען דער טאטע פלעגט קומען שיקער און שלאָגן די מאמען און די מאמע פלעגט וויינען, האָט פעדראָ פארשטאנען אז דאס איז נאכט. אז נאכט איז טרערן, געשלעג און שיקרעס. אזעלכע סצענעס פלעגן זיך אויך הערן איבער די ווענטלעך פון אנדערע שכיינים. נו, איז צו נאכט געווען א מיטל — פארמאכן די אויגן און איינשלאָפן. איינשלאָפן מיטן פעסטן גלויבן אז ס'וועט אינגיכן אנקומען דער טאָג, מיט פרישן מיסט, מיט פרישע שפּילע־רייען, מיט באנייטער גרענעצלאָזער פרייקייט.

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן פעדראָס לעבן. נאָכדעם איז געוואָרן ענגער. ער האָט געדארפט אלע אינדערפרי פארלאָזן דעם הויף, די נאָך פארענדיקע מיסטן, און גיין אין שולע, האָרכן א לערער. און דער לערער איז געווען שטרענג — דא איז דאס פּאָנים ניט ריין, דאָ דער קאָפּ ניט אין ארדנונג, דאָ שטייט ער שלעכט, און דאס זיצט ער ניט ווי ס'דאַרף צו זיין. פעדראס פרייהייט האָט באקומען פונקט אזא פּאָנים, ווי דער שאָכענטע מאריעס מאַן — געל, דאַר, אָנגעשפּארט אַף א שטעקן און מיט א גערוך פון נעווייילע.

אָבער די שלעכטע צייט האָט געדויערט ווייניק. איין מאָל, ווען פעדראָ איז געקומען פון שול, האָט ער געטראָפן זיין טאטן ליגן אויסגעצויגן אַף א ברעט, באַ די זייטן אנגעצונדענע ליכט און די מאמע האָט געהאלטן אין איין שלוקערצן און וויינען. פעדראָ האָט זיך ארומגעקוקט און געזען צוויי מענטשן—איינער מיט אַן אָפּגעפּוילטער נאָז און דער צווייטער מיט א רויט־אויסגערונען אויג. זיי האָבן אָפּגעשרויפט די דעק פון א טרומנע. אלע שכיינעס און שכיינים פון הויף זיינען געווען ארומגעזאמלט ארום זייער טיר. ס'זיינען אויך געווען קימאט אלע קינדער פון הויף. זיי האבן מיט א מאָד־נעם ערנסט און נייגער געקוקט אַף פעדראָן. און פעדראָ האָט זיך דאן פלוצ־לונג דערשפּירט פאר א מאַנסביל. קימאט א העלד. ער האָט זיך אויסגעצויגן,

און מיט א געמאכטן ערנסט האָט ער א זאָג געטון צו די קינדער:

— ע, באַסורע 1) וואס האָט איר זיך דאָ אָנגעקליבן ווי אַף א בייז וואונדער!

די ראָל האָט זייער געפּאַסט צו פּעדראַן. און דעריבער, אויסוואקסנ־דיק אין די אייגענע אויגן, האָט שוין פּעדראַן מער ניט געפּאַסט צו גיין אין שולע.

אזוי איז פּעדרא אַפּן עלפטן יאָר פון זיין עלטער, און אין צווייטן גראַד אָנפאַנגס־שולע געבליבן שטיין אין מיטן וועג — אומקערן זיך צו די קינדער פון הויף האָט ניט געפּאַסט, און מיט דער שולע האָט ער אויך אָפּגעשניטן.

און ווידער האָט זיך אין פּעדראַס לעבן א שנעלער באַוועג געטון. בא דער מאַמען זיינען געשוואָלן געוואָרן די פיס און זי האָט מער ניט געקענט גיין וואַשן וועש. פּעדראָ האָט אָנגעהויבן אויפצושטיין גאַנץ פרי, און אַרויס איבער דער גאַס זוכן אין די אויסגעשטעלטע מיסט־קעסטלעך אָפּפאַל פון עסן.

פאַר פּעדראַן איז דאָס געווען א גאָר ניט שלעכטע באַשעפטיקונג. אין די מיסט־קעסטלעך האָט פּעדראָ גאַנץ אָפט געפונען אינטערעסאַנטע זאַכן: פּושקעלעך, עטוואָס איבערגעפּירטע שפּילגעצייג, וועלכע האָבן פאַר פּעדראַן געהאַט דעם זיבעטן כיין, און א מאָל אויך א שטיקל קליידל, א רעקל, א פּאָר הויזן.

אינגיכן איז אויך פּעדרא געוואויר געוואָרן אז ער איז פאַרטאָג ניט איינער אין גאַס — ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט אַנדערע, מערסטנס מיט אָרעמע פרויען, וועלכע האָבן פּונקט ווי ער געזוכט אין די מיסט־קאַסטנס עסן. זיי האָבן אַף פּעדראַן געקוקט מיט בייזע אויגן, גלייך פּעדראָ וואָלט בא זיי דאָס בעסטע אוועקגענומען. האָבן פּעדראַן ניט געשראָקן זייערע בייזע אויגן, נאָר פאַרקערט — ער האָט זיך אויסגעלערנט פלינקער און שנעלער, אָפּצוטון זיין פאַרטאָגיקע אַרבעט.

און פּעדראָ וואָלט זיך מיט דאַנק אזוי אַריינגעוואַקסן אין זיין נייעם

---

1) באַסורע — מיסט.

לעבן, האָבן זיך אָבער אריינגעמישט גוטע מענטשן, און מען האָט פּעדראָן אוועקגעגעבן אין פאבריקל צו הימלפארבן.

דאָ האָט זיך שוין פּעדראָ אינגאנצן צעטומלט. דער מאנסביל, וועלכן פּעדרא האָט אין זיך אָפט געשפּירט, איז אינגאנצן פארשוואונדן, און אַנ־שטאָט דעם, האָט זיך פּעדראָ דערפילט ווי א שוואַך קינד, וועלכן ס'טוט וויי דער קאָפּ. וואס וויל מען פון אים! וואוהין יאָגט מען אים! און וואס דאַרף ער טון! וואס וויל פון אים אָט דער בייזער הונט, לעווין!

א בייזער, אַן אויפגערעגטער פלעגט ער קומען א היים, און שרייען אַז ער וועט מער ניט גיין אין פאבריק. אַז אָפּברענען זאָל די פאבריק צוזאמען מיט לעווינען. פלעגט די מאמע, מיט אירע איינגעפאלענע טונקעלע אויגן אַזוי אומבאוועגלעך קוקן צו פּעדראָן, און צוויי דינע שטראָמען טרערן פלעגן אַזוי רינען איבער אירע געל איינגעפאלענע באַקן, אַז פּעדראָ פלעגט זיך אויסשעלטן מיט אַלע מיעסע ווערטער, וועלכע ער האָט ווען ס'איז געהערט, און וועלכע ער האָט נאָר געקענט צוטראַכטן, און פלעגט ווידער גיין צו דער ארבעט.

איצטער אָבער ציטערט ער מער ניט פאר לעווינען. קרינסקי האָט אים אויסגעלערנט: פאר די דרייסיק פּעזעס א כוידעש וואס פּעדראָ באַקומט, וועט הימלפארב קיין בעסער אינגל ניט קריגן. קרינסקי האָט אים פאר־זיכערט און פּעדראָ אַליין ווייסט דאָס אויכעט. וואס איז דרייסיק פּעזעס א כוידעש? אַז שוין צוזאמען מיט דעם וואס שכיינעס שטיצן זיין מאמען, האַלט מען זיי ערשט באַם ארויסוואַרפן פון זייער פינסטער שטיבל.

כוץ דעם ווייסט פּעדראָ אַז ס'וועט קומען א טאָג, ווען מיט די הימל־פארבס און לעווינס וועט מען זיך אָפּרעכענען, און די פאבריקן וועלן געהערן צו די ארבעטער, דאָס הייסט צו פּעדראָן אויך. היינט וואס פאר א ווערט האָט שוין דער ציטוויי'ליקער לעווין באַ דעם קינפטיקן פּעדראָן?

קריצט לעווין מיט די ציין, שיפּעט ווי א שלאַנג, וואַרפט זיך און פאַרמעסט זיינע הענט איבער דעם צוועלף־יאריקן פּעדראָן. אַזאַ שנעק, אַזאַ גאָרניט, און אים זאָל ער דער קאַפּאַטאַס לעווין, ניט קענען בייקומען! ס'איז דאָך א כאַרפּע פאר די ארבעטער אַליין!

און ווען הימלפארב רופט אריין לעווינען און פרעגט אים, ווער ס'האָט

היינט קאליע געמאכט די רעגיסטער־זייגערס, ענטפערט לעווין:

— אלץ פעדראַ...

אָבער אַף דעם האָט הימלפארב איין ענטפער:

— אידיאָט!

ווארים הימלפארב קען עס ניט פארשטיין, ווי אזוי לעווין זעט ניט, אז פאר דרייסיק פעזעס א כוידעש וועט מען קיין בעסערס ווי פעדרא ניט קריגן.

לעווין איז בלייך. ציטערט ווי אפן ווינט א בלאַט: אָט־אָט און ער וועט זיך צעוויינען.

הימלפארב מיט זיינע שפאטישע אויגן בויגט לעווינען אינדרייען. ער באפעלט:

— געפינט דעם שולדיקן און ס'זאָל זיין ארדנונג!

מיט געוואקלטע פיס פארלאזט לעווין דאס צימער. הינטער דער טיר מוז ער זיך אויפהאלטן, אויסגלייכן די פלייצע און איבערכאפן דעם אָטעם. צו נידעריק איז ער שוין געפאלן אין הימלפארבס אויגן. הימלפארבס שפאָטי־שער קוק האלט לעווינען ווי צווישן צוויי צוניפגעפרעסטע ווענט. די צוויי הונדערט מיט פופציק פעזעס שטייען מיטן צווייטן פוס אין דרויסן. ניין, לעווין וועט גאנץ אנטשידן האנדלען! ער שפאנט אריין אין גאלפאן מיט זיכערע טריט, און קוקט מיט האס־פולע אויגן פון איין ארבעטער צום צווייטן. אזוי א היבשע ווײַלע.

איצטער שפירט לעווין די אייזערנע וואנט, הימלפארבן, הינטער דער פלייצע — הימלפארב איז א סאך זיכערער פון זיי. און פון הימלפארבן לעבט לעווין.

ס'ווערט א טויבע שטילקייט צווישן די ארבעטער, ווי זיי וואלטן דער־פילט לעווינס פארמעסטן זיך. ס'זינקען אלץ נידעריקער זייערע קעפ אראפ אין דער ארבעט, אויך קרינסקיס.

און פלוצלינג צעקייקלט זיך איבערן גאלפאן א פרייליעכער, געפלאכ־טענער געלעכטער, אלץ הילכיקער און פולער. דאס האט קרינסקי, ווי א ווילדער האן, פארריסן דעם קאפ און לאכט ארויס מיט פולע ברוסטן.

ער לאכט און ס'דאכט זיך ווי זיין געלעכטער וואלט זיך געקייקלט

פון איין ארבעטער צום צווייטן און געוועקט: הויבט אויף די קעפ, איר, נאראנים! פאר וועמען שרעקט איר זיך — צי ניט אמאל פאר דעם שלימ־מאזל, לעווינען?

הויבן די ארבעטער די קעפ און קוקן זיך ניט דרייסט ארום. איין פעדרא געטרויט קרינסקיס לאך און רופט הילכיק אויס:

— נידער מיט די באלעבאטים - לעקער!

מער האט לעווין ניט געדארפט. די געלעגנהייט איז געקומען. ער ווארפט זיך אף פעדראן.

אין דער זעלבער צייט זיצט הימלפארב אין זיין ביורא פארזונקען אין שווערע מאכשאוועס. דער שטארקער הימלפארב דא אין דער פאבריק, שפירט זיך דערשטיקט און נישטיק, לעגאבע דעם אויסגעצויגענעם און אנגעפרעסענעם שאפער — הער הימלפארבס שאפער. א שרעקלעכע איראניע! איין האנט הימלפארבס באוועגט און שפילט זיך מיט העכער צוויי צענדליק לעבנס, אוןביידע צוזאמען זיינען אוממעכטיק, הילפסלאז, קעגן איין שאפער!

און הימלפארב שאקלט מיטן קאפ, באוועגט מיט די הענט, ווי ער וואלט געוואלט זיך אפטרייסלען פון א בייזער פליג. ער קניט, אין זיינע געדאנקען, פאר זיין פרוי און בעט זיך: איך וועל דיר אוועקגעבן אלץ, אלץ! איך וועל דיר אוועקגעבן די פאבריק, איך וועל זיין דיין קנעכט, נאר ניט דער שאפער, ניט דער...

ער שוידערט, הימלפארב. פאר זיינע אויגן — די צעצונדענע כאיעשע אויגן פון זיין פרוי. אין זיין קעגנווארט האט זי דאך מיט אירע אויגן אויפגעריסן דאס אנטוועכץ, דעם שאפערס, און האט זיך קעציש באלעקט... אך!

און הימלפארב פארבאהאלט זיין קאפ צווישן די הענט. וואס האט ער געקענט טון! וואס! ווי א הונט וועלכן מען טרעט אן אפן עק, אזוי האט זיך הימלפארב דעמאלט געדרייט אף איין ארט, און די בלוטן האבן אין אים געשריגן: געוואלד! ראטעוועט!... און מיט זיינע אויגן, מיט זיינע אייגענע אויגן, האט ער דאך דאס העסלעכע בילד געזען — מאדאם הימלפארב און דער שאפער...

הימלפארב הערט א טומל אין פאבריק. עפעס איז דארט געשען.

אָבער דער דערנידעריקטער, באַשפּיגענער הימלפאַרב, ווייל איצטער פון קיין זאַך ניט וויסן. ער וויל אַפילע ניט קיין נעקאָמע. און ער וועט קיינמאָל ניט פאַרוואַרפן, ער וועט איר קיינמאָל ניט פאַרוואַרפן. איין זאַך נאָר וויל ער: זי זאָל אָפּזאָגן דעם שאָפער...

א שאָר בא דער טיר. געעפנט.

הימלפאַרב איז אויפגעשפּרונגען. אַלע זיינע געדאַנקען האָבן זיך ווי אָפּגעריסן אין א טיפן אָפּגרונט אַריין. קעגנאיבער אים איז געשטאַנען לעווין, א טויט־בלייכער, און האָט געשמייכלט. אָבער ניט דאָס איז, וואָס הימלפאַרבן האָט אויפגעהויבן. לעווינען האָט געשטופּט פאַרן קאַרק קרינסקי, און פעדראָ, מיט א פאַרבלוטיקט פּאָנים, האָט צוגעהאָלפן. און הינטער זיי האָבן זיך געשטופּט די אַרבעטער, אַלע אַרבעטער פון דער פאַבריק.

— וואָס איז דאָ געשען?

— אט וואָס...

און קרינסקי האָט זיך עטוואָס אַרויסגערוקט נעענטער צו הימלפאַרבן:

— איר מעגט דאָ מיט אייער לעווינען כאַסענע האָבן... בא אייך אין צימער. צו אונז אין פאַבריק זאָל ער ניט אַריינטרעטן. אין נאָמען פון אַלע אַרבעטער...

הימלפאַרב איז בלייך געוואָרן. הייסט עס, אַז ניט נאָר דאָרטן, נאָר אויך דאָ האָבן זיי זיך אָפּ אים פאַרנומען? אָבער דאָ איז הימלפאַרב גענוג שטאַרק. ער האָט זיך אָנגענומען מיט אָטעם און האָט זיך א רוק געטאָן פאָראויס.

קרינסקי איז אים אַנטקעגן געקומען. ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און שאַרף, שאַרף אַריינגעקוקט הימלפאַרבן.

אט ווי אזוי. הייסט עס, אַז זיי האָבן ניט מוירע. איז וואָס־זשע? האָבן זיי זיך צוגעגרייט? זיי, אט די אַלע וואָס האָבן אַזוי געטאַנצט אונטער דער קלענסטער באַוועגונג פון הימלפאַרבס האַנט, האָבן זיי זיך איצטער אויפגעהויבן קעגן אים, אינגאַנצן?

קרינסקיס קוק שניידט אַלץ טיפער און טיפער אין הימלפאַרבן.

און הימלפארב האָט אָנגעהויבן צו ציטערן פאר דעם קוק. דאס איז דאך א מעסער, א שארפער מעסער! און ווי אז ער וועט דאס אט דעם מעסער באלד געבן א צי ארויס און א זץ ארייך, אין הימלפארבס הארץ אריין? אזא קוק...

און הימלפארב האט געמאכט א טראט אף צוריק און האט זיך אראפגעלאזט אין פאטעל אריין.

קרינסקי האט זיך אומגעקוקט צו די ארבעטער מיט א שפאטישן געלעכטער: אָט דאָס זיינען זיי, אונזערע שטארקע... און איז ארויס פון צימער.

מיט א שטייפן נאָכגעמאַכטן טראָט, איז אים פעדרא נאָכגעגאנגען.

אָ גראַמאָפאָן

באַ אַן אנדער געלעגנהייט וואלטן עפּשער די שכיינעס פון הויף זיך געהאלטן באַ די זייטן פון געלעכטער, אדער זיי וואלטן גאר גרופּקעסווייז געפלאָכטן זייערע פאנטאזיעס — אומגלויבלעכע, טיף געזאלצענע פאנטאַזיעס — אזוי ווייט האָט זיך ניט געפּאַסט די ברייטע, ווייך־געבעטע קאָטש פארשפּאַנט מיט צוויי יונגע אדלער־פערד, צו אָט דעם שווארצן קנויל פאר־זויערטער אָרעמקייט, וועלכער איז דארט אינעווייניק געזעסן. — ס׳איז דאָך פּאָשעט א ראַכמאָנעס געווען צו קוקן אף דער איינגעהויקערטער, צו־נויפגעקנוילטער אַלטער, ווי זי איז דאס אומבאהאלפן־פארלוירן געזעסן אינעווייניק אפן ווייכן געזעס און האָט זיך מיטביידע הענט צוגעהאלטן באַ די זייטלעך פון קאָטש ניט אראָפּצופאלן. הײנט די שיך — די מעשונע־דיק־אויסגעדרייטע, לאַנגע, פאַגעלבטע שיך אף דעם פּורפּורנעם אויס־געבעטן דיל פון קאָטש — שרעקלעך! שרעקלעך ווי קאָמיש דאס אַלץ האָט אויסגעזען.

יאָ. אָבער דאס אומגליק, דאס גרויסע אומגליק וואס האָט די אַלטע געטראָפן, האָט אפּגעווישט דאס געלעכטער פון פרעמדע פּענימער, האָט די אַלטע דערהויבן, האָט צו איר געצויגן די נייגעריקייט און סענטימענטן פונם הויף, פון אָט דעם אָרעמען הויף, וועלכער, האָט זיך געדאכט, וועט שוין אזוי פארשימלט ווערן און זיין אומעט און גרויקייט אף אייביקער אייביקייט.

זיי האבן זיך א שאָט געטון, מיט אויפגעהאלטענעם נייגער אין גאס ארויס. זיי האבן ארומגערינגלט די קאָטש. זיי האבן געווארט אף עפּעס אויסערגעווייטלעכעס. זיי האבן קימאט ווי געווארט אף א נעס — אָט, אָט, און ס׳וועט עפּעס געשען — ווי אַן אויפרייס, ווי א שטארקער אויפ־רייס... דעמאלט וועלן זיי געבן א הויב, אלע צוזאמען וועלן געבן א הויב,

זייערע הענט צו דער גאס, צו דער זוניקער גאס און זיי וועלן זאגן: ענדלעך! ענדלעך זיך באפרייט פונם פארשימלטן הויף...

די אלטע האט געזוכט אין די פאלדן פון איר צעקראכן שווארץ קליידל דאס געלט אף צו באצאלן. זי האט זיך גאר ניט געאיילט. פאר־קערט — זי האט גוט געדענקט אז איצטער, דאווקע איצטער, דארף מען גוט האלטן קאפ. זאל ער נאר, דער פורמאן, באמערקן אז זי, די אלטע, איז ניט מיט אלעמען און דא, דעם אויפגעלאף פון מענטשן — איז א גוטן טאג מיט די פאר סענטן! אז דאס זיינען דאך גאנאווים, די גאנצע וועלט גאנאווים...

וואס דען! די אלטע האט ניט געוואוסט? צוויי טאלער מיט פערציק? וואו איז דאס געהערט געווארן! וואס ווייזט ער איר אהינצו, צום שווארצן קעסטל מיט די גענייווישע ציפערן — זי קען זיך גוט אף די זאכן! א פעזע מיט פופציק איז גאנץ גענוג. מיט זעכציק — צען סענט טרינק־געלט... מיט זיבעציק — א סאך...

די אלטע דינגט זיך. די שכיינעס פון הויף און פון אלע הויפן ארום, ווארטן. זיי ווארטן מיט א פרומער געדולדיקייט, מיט צונויפגעלייגטע הענט אף די הערצער. אין זייערע הערצער וואקסט א סינע אט צו דעם גראב־הינטיקן פורמאן, וועלכער האט זיך מיט זיין סענטיקער וואכעדיקייט אריינגעריסן אין זייער — אין זייער — — דערהויבנקייט... אך, די פור־מאנעס!

די אלטע גיט צוויי טאלער. צוויי איינציקע, גאנצע, טאלער. דאס איז א סאך. דאס איז איינגאנצן, מער האט ניט די אלטע, מער וועט זי ניט צאלן. זי וואלט דאס אויך ניט געצאלט, ווען ניט דאס אומגליק. זי דרייט זיך אוים מיטן פאנים צום הויף.

די שכיינעס מאכן א ברייטן וועג. דער פורמאן שאקלט ביטלדיק מיטן קאפ און פארהויבט מיט דער בייטש איבער דער לופט. די אלטע טראכט: ווער ווייסט צי מיט וויניקער וואלט דאס אויך ניט געגאנגען?

אבער די קאטש איז דאך שוין אוועק און זי... אוי!

— אוי, דער אומגליק מיינער דער גרויסער! אוי, דער בראך מיינער! אוי...

ס׳דערנענטערט זיך, ס׳וועט קומען. ס׳מוז קומען! דאס איז נאָר דער אָנהויב. אזא אומגליק! אזא אומגליק!

שכיינעס העלפן אונטערקרעכצן, צוזיפצן, זיי שאָקלען צו מיט זייערע קעפּ. זייערע אויגן דריקן אויס שרעק און צווייפל.

די אלטע כאפּט זיך אָן פאַרן קאָפּ — גוואַ־אַלד, איך וועל מיר נעמען דאס לעבן! גוואַ־אַ־אַלד!

אָט דאס איז עס. ס׳קומט. דער הויף לאזט אראָפּ די קעפּ. ווישט די אויגן.

און די אלטע צעוויינט זיך ביטער, הארציק: — מיין מארטינדל, מיין אָרעמער מארטינדל, נעם מיך מיט זיך, נעם מיך צו.. .אוי, דאס אומגליק מיינס דאס גרויסע...

די אלטע ברעכט מיט די הענט, וויינט, טאנצט אזש פאר אומגליק. אָבער ווער, ווער קען איר אומקערן, ווער קען אָפּווישן איר אומגליק איר גרויסן! און ווער קען איר העלפן אין איר עלנט, אין איר פינסטערן עלנט! ווי א הונט, ווי אן עלנטער הונט, ווי א מויז, וועט זי איצטער פארקריכן אין איר פינסטערער לאָך, אליין — אליין מיט איר אומגליק, אליין מיט איר עלנט — אוי...

נאָך טיפער געבויגן, מיט א געמיט פינסטערער ווי איר שווארץ־צעקראָכן קליידל, שארט זיך די אלטע, ווי א געשלאָגענער הונט, צו איר פינסטער צימערל... זאל עס שמייסן, יעניץ אומגעזעענע וואָס הייסט לעבן, איבער איר צונויפגעקנוילטער פּלייצע. זאל עס שמייסן מער און מער — ס׳אַרט ניט דער אלטער. ס׳אַרט איר ניט. פארקערט — זי שפּירט אין דעם א פארגעניגן. זאל ער זי פארשמייסן ביז צום טויט... אָ, פון דעמאָלט ווען זי איז נאָך געווען יונג, ביז היינט, האָט זי זיך שוין צוגעוואוינט! צוגעוואוינט...

די שכיינעס זיינען אנטוישט, ס׳איז גארניט געשען. דער הויף הויבט אָן פון דאס ניי צו פארגיין אין זיין גרויקייט. ניין, קיין שום קראַפט וועט שוין דעם הויף ניט אויפלעבן — קיין קראַפט!

אָבער אן אויסגעגאנגענער אויוון האָט נאָך אלץ גענוג ווארעמקייט אף

צו פארהאלטן נעבן זיך פארגליווערטע אייוורים. איינע דערציילט:

— היינט פארטאג האָב איך אים געזען ארויסגיין, א לעבעדיקן, פרייי־לעכן, ווי אלע מאל...

א צווייטע שלאגט איבער:

— ס'איז א ליגן, אין מיטן דער נאכט איז ער נאָך אוועק — אבי אויסטראכטן...

דערציילט איינע:

— ...האָט ער געגעבן א פאל אונטן און איז ארונטער אונטער די רעדער. ברררר! אף דער העלפט איבערגעשניטן...

א נייגעריקער שטופט זיך אדורך:

— ווער איז דאס?

— מארטין, — ענטפערן עטלעכע מיט איין מאָל, — דער מארטין מיט די גרויסע אויגן, בא וועלכן ס'האָט געפעלט די נאָז. דער מארטין, נו...

א יונג מיידל קען ניט פארליידן אזא מין אָפּמאָלן:

— וואס דארפט איר אויסטראכטן! יעדער מענטש האָט זיין פּאָנים... אָרעמינקער!

דער אויוון איז אויסגעלאשן. אָבער קינדער, די לעצטע געסט אף א כאסענע, זיי זיינען נאָך דאָ פול. זיי נישטערן ארום אין אלע ווינקעלעך. עלף יאריקע, ניין יאריקע, זעקס יאריקע, און אפילע פערצן יאריקע — זיי קנוילן זיך, דרייען זיך, שמעקן, טומלען...

א ריין פארפוצטער יונגערמאן איז אריין אין הויף. ער האָט ארויס־גענומען א נאָטיץ־ביכעלע.

— וואס איז דאָ געשען?

פון אלע זייטן זיינען זיך צוזאמענגעלאָפן קינדער —

— איך וועל אייך דערציילן...

— איך וועל אייך דערציילן...

— ער ווייסט גארניט, סעניאר, איך ווייס אלץ.

— „איך ווייס אלץ" — איך וועל דיר געבן באלד א זעץ אין זייט, וועסטו שוין וויסן אלץ.

— אנו, גיב נאָר!

א אינגעלע האָט זיך פון דער זייט געגעבן א שאַר צו און האָט דעם מאַן אָנגערירט ביים ארבל. ער האָט שטיל א זאָג געטאָן:

— קומט, סעניאר, איך וועל אייך דערציילן...

דער מאַן איז אים נאָכגעגאַנגען:

— וואס ווייסטו?

— איך וויים אלץ.

— וואס איז דאָ געשען?

דאָס אינגעלע האָט זיך פארהאַקט און ארויסגעשטאַמלט:

— איך וויים ניט...

פון דער זייט, וואו אלע קינדער זיינען געשטאַנען און האָבן זיך צו־געקוקט ווי די ערשטע צוויי האָבן זיך געשלאָגן, האָט איינער א שלעפּ געטון דעם צווייטן פארן ארבל:

— קוק אים אָן, דעם פישער, זע נאָר! אנו, קום נאָר צו...

דאס קליין אינגל האָט אָנגהויבן צו ציטערן. ער האָט אף דער גיך אויסגעשטרעקט דאס הענטל און א זאָג געטון:

— גיט מיר טרינק־געלט!

און ניט דערוואַרטנדיק זיך, האָט ער זיך א רוק אָפּ געגעבן אָן א זייט.

דער מאַן האָט צוגערופן דעם עלטערן פון די צוויי, וואס האָבן זיך דערנענטערט:

— וואס איז דא געווען?

דער עלטערער האָט געגעבן א שנעלערן גיי צו און האָט פון הינטן ארויסגעשטעלט א פייג דעם, וואס איז געגאַנגען הינטער אים. ער איז צו־געגאַנגען נאָענט, האָט א כאַפּ אַראָפּ געגעבן דאס היטל, האָט זיך אויס־געצויגן ווי א סטרונע און האָט א הוסט געטון:

— דאָ איז גאר ניט געווען, סעניאר.

— וואס הייסט גאר ניט? וואס טוען דאָ די אלע?

— זיי הערן ווי די אלטע וויינט, סעניאָר.

— פארוואס וויינט די אלטע?

— ווייל איר זון איז היינט דערהארגעט געווארן פון א טראַמוואַי, סעניאָר.

— אהא!

דער מאַן פאַרשטייט שוין. ער פאַרצייכנט אין נאָטיץ ביכעלע.

דאס אינגל דרייט מיטן הינטער־קיילעך, בלאָזט די באַקן, קרומט מיט די אויגן, שטעלט אוים א צונג.

דער מאַן איז פאַרטיק:

— איצטער דערצייל.

דאָס אינגל גיט זיך צוריק א צי אוים:

— סי סעניאָר.

— וואס איז געווען איר זון?

— א צייטונגס־פאַרקויפער, סעניאָר.

— ווי אַלט איז ער געווען?

— איך ווייס ניט, סעניאָר.

— וואו איז די אַלטע?

— אָט דאָרט, סעניאָר. איר ווילט, סעניאָר, קומט וועל איך אייך אריינפירן.

דאָס אינגל איז דערוויייל גאר לעבעדיק געווארן און געזאָגט:

— איר ווייסט פאַרוואס ער איז דערהארגעט געווארן? ער האָט גע־וואָלט קויפן א גראַמאָפאָן, ערן וואָרט! איך ווייס אַלץ. איך וועל אייך אַלץ דערציילן, סעניאָר. קומט אריין, שעמט זיך ניט... אָט דאָס איז די אַלטע, די מאַמע זיינע... קומט אריין, ס'מאַכט ניט, זעצט זיך... זי איז נאָר וואָס געקומען פון קאָמיסאַריע — דאָרט ליגט ער, מאַרטין. איר האָט אים געקענט? וואָרט צו, איך וועל אייך עפּעס ווייזן...

די אַלטע האָט זיך ניט אומגעקוקט. איר איז שוין געווען אַלץ איינס. איר האָט שוין גאָר ניט געאַרט. זי איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער א האַלב צעפּוילטן קופערט און שטיל־כליפּענדיק, ארויסגעלייגט פון אים זאַכן —א צעקראַצט פאָטאָגראַפיש בילד אין א צובראָכענער ראָם, א פּאָר שטיקלעך שמוציקע און צעריסענע אונטערוועש, ליבעס־קאַרטלעך און

שאַנע־טויוועס, א פּאָר אַלטע פּאָרדאַרטע שיך, א קעסטל מיט צוועקעס, א זומער־הוט מיט אַן אויסגעזעצטן דעק און אַן אַלטן כווידעש־זשורנאַל. פון אַלץ האָט געטראָגן מיט צעלייגטן שימל.

דער מאַן האָט זיך ארומגעקוקט אויף די געשוואָלענע און צעפּלאַצטע ווענט, אויף וועלכע ס'זיינען געהאַנגען — א בילד פון סאַן מאַרטין, אַן אַלטע קאַרטע מיט שאָ אָנווייזונגען פאַר באַנען, אַן אָנגעפאַרבטע פּריילן וואָס האַלט א פלעשל פּאַרפומען; ער האָט זיך אומגעקוקט אויף דעם האַלב־איינגעפאַלענעם בעט, אויף די פּאָר שטרויענע בענקלעך מיט די אויסגע־ריבענע געזעסן...

— אָט דאָס איז עס, סעניאָר... וויפל רעכנט איר האָט עס די ווערט? איך האָב אים געוואָלט דערפאַר געבן פופציק סענט, האָט ער ניט געוואָלט. ס'איז עפּעס א גוטע פּליטע?

ער האָט אַרויסגענומען די גראַמאַפאָן־פּליטע פון קאָנווערט, האָט פאַר־זיכטיק אָפּגעווישט פון איר דעם שטויב און זי אונטערגעטראָגן דעם מאַן:

— נעמט זי אַן אין האַנט, סעניאָר, טוט א קוק...

דער מאַן האָט ניט פאַרשטאַנען:

— אָבער מיטן גראַמאַפאָן, וואָס איז געוואָרן מיטן גראַמאַפאָן?

— אָט וועל איך אייך דערציילן, סעניאָר. ער האָט געוואָלט אַנזאַמלען געלט. הערט זיך איין, סעניאָר. די פּליטע האָט מען אים אוועקגעשענקט בײַ א דאָקטער, האָב איך אים געוואָלט געבן פאַר איר פופציק סענט און ער האָט געוואָלט א פּעזאָ. — ס'האָט דען די ווערט א פּעזאָ?

— איז וואָס איז געוואָרן מיטן גראַמאַפאָן?

— ער האָט געאַרבעט א סאַך, געלאָפן מער פון אַלעמען, געשפּרונגען אויף טראַמווייען. יעדן טאָג פלעגט ער זיך מיט מיר רייצן, אַז ער וועט קויפן א גראַמאַפאָן. איך האָב אָבער געוואוסט אַז דערפון וועט גאָר ניט ווערן. ווי מיינט איר, ס'איז ווערט א פּעזאָ?

דער מאַן האָט פאַרשריבן, און דאָס איינגל האָט אויסגענוצט די צייט, ער האָט זיך צוגערוקט צו דער אַלטער, און האָט איר שטיל פאַרגעלייגט:

— איך וועל אייך פאַר דער פּליטע שוין געבן די פּעזאָ, גוט?

די אַלטע האָט זיך ניט א ריר געטאָן. דאָס אינגל האָט אומגעדולדיק א קוק געטאָן צום מאַן.

— ווי הייסט איר?

דאָס אינגל האָט זי א צי געטון פאַרן אַרבל:

— דער מענטש איז פון א צייטונג, זאָגט אים דעם נאָמען, וועט ער אייך שטעלן אפן בלאַט.

ער איז צוגעגאַנגען צום מאַן און געוויזן אף דער אייגענער ברוסט:

— און איך הייס: כאָסע פעדראָ גאָנסאַלעז... פאַרשרייבט.

פינף טויזנט

אין דער אלטער היים איז ליאווע געווען א קנאפער מעכוטן מיט ציפערן. ער האָט מיט זיין אלטער מאַמען געוואוינט אין א דריטן הויף, האָט געארבעט אין שערערייען, איז געווען א מיטגליד אין פּראפעסיאנעלן פאַריין און האט געהאט א קאלע. די איינציקע ציפערן מיט וועלכע ליאווע האט יא געהאט א שאיכעס, זיינען געווען — די שאָען אפן זייגער, דאס געלט פונם געהאלט און די צאָל מיטגלידער אין פאריין. מיט אנדערע ציפערן האט זיך פארנומען זיין אלטע מאמע.

געקומען אין בוענאס איירעס, געבליבן די ערשטע נאכט נעכטיקן אף די אייזערנע דראטן אין די קאלטע קאזארמעס פון עמיגראנטן הויז, נאָך א היפשער ווילע פון דרייען זיך פון איין זייט אף דער אנדערער און קראצן זיך, האָט זיך ליאָווע בייז אויפגעזעצט, האָט א ווילע געקוקט צום שמוציקן עלעקטריע־לעמפל, און האָט ארייננערוקט די האנט אין דער הינטערקעשענע פון די הויזן. פון דארט האט ער ארויסשלעפט א פאר פאפירלעך מיט קליינגעלט, וועלכע ער האט צוזאמענגערעכנט און איבערגעציילט: — זעקס פעזעס מיט פינף און אכציק סענט. ער האט שטיל נאכגעזאגט: זעקס פעזעס מיט פינף און אכציק סענט, און האָט עטלעכע מאָל נאָכגעטראכט: זעקס פעזעס מיט פינף און אכציק סענט...

דאס איז געווען דער אנהויב פון א צווייטער טייל ליאָוועס לעבן.

פון יענער נאכט אן, האט ליאווע אנגעהויבן צו ציילן. ער האט געציילט די גאסן, געציילט די טעג אן ארבעט, האט זיך אויסגעציילט דעם ביסן אין מויל. און נאָכדעם ווען ער האָט שוין יאָ געקראגן ארבעט, האָט ער געציילט די מינוטן ווען דער באלעבאס וועט אים שוין דערלויבן גיין א היים,ער האט געציילט די צענער סענטן „טרינק־געלט”, ער האט געציילט אין אומעט און איינזאמקייט די טעג פון איין בריוו דערהאלטן ביז דעם

צווייטן, און האט געציילט די טעג ווען דער באַלעבאָס וועט האבן געלט אף צו באצאלן אים זיין געהאלט.

אין יענע טעג האָט זיך ליאָווע שטארק געכידעשט, ווי אזוי קענען דאס מענטשן לעבן אין דעם לאנד ארגענטינע, וואו דער אומעט און די איינזאמקייט אטעמט אריין מיט א פולן מויל אין אלע שפּעלטעלעך, ביז דערשטיקט צו ווערן? און ער האט אנגעהויבן צו ציילן די אוועקגערוקטע טעג, ווי ווארטנדיק אף א נעס.

ס'איז אוועק א יאר, א יאר מיט א פערטל און דער נעס איז אלץ ניט געקומען. און דאָ האָט ליאָווע געכאפּט א צייל די יאָרן וועלכע זיינען שוין אוועק — זיי זיינען געווען גאנצע צוויי און צוואנציק; א צאל א גאנץ קליי־נע פאר אן עלטערן מענטשן, אבער פאר ליאווען האבן זיי אויסגעזען ווי א וועלט א גאנצע, ווי די גרעסערע העלפט פון א גאנץ לעבן. וואס האט ליאָווע דורכגעמאכט אט מיט דעם גרעסערע טייל לעבן, וועלכע איז שוין פאר אים פארשוואונדן אף אייביק? און מיט וואס איז ליאָווע צוגעגרייט אף ניט צו דערלאזן, אז אויך די קלענערע העלפט זאל זיך ניט נאָכגליטשן אזוי אומגעלומפּערט נאך דער ערשטער?

ליאָווע קנייטשט דעם שטערן. ער איז גאנצע טעג און נעכט ארומגע־נומען מיט וואלקנס רויך. ער כאפּט א רעכן, אז די פּאפּיראסן רויכערן אויס שוין א צו שטארקן טייל פון זיין געהאלט מיט די „מרינק־געלטער" צוזא־מען, און ערגער פון אלץ איז, וואס ער האט נאך גארניט ניט צוגעטראכט. ער רעכנט אף די פינגער, רעכנט מיט א בלייפעדער, רעכנט אפן קאלענ־דאר — דער כעשבן שטימט ניט, וויל בעשום אויפן ניט שטימען!

און ווער ווייסט, צי דער כעשבן וואלט איבערהויפּט ווען ס'איז גע־שטימט, ווען ניט —

די גראנדע.

צו ליאווען איז אומגעריכט און אומפארדינט אריינגעפאלן קארגע פינף טויזנט.

אזוי שנעל ווי ליאווע האט דערשפּירט מיט אלע זיינע צווייהונדערט אכט און פערציק אייוורים, אז די פינף טויזנט זיינען זיינע, אז ניט קיין אנ־דערער ווי נאָר ער, ליאָווע, קען מיט זיי טון וואָס ער וויל — האָט ער אויך

דערשפירט ווי עפּעס אַ לעבעדיקער אייוועך וואָלט זיך אין אים אַפּגעריסן, ווי אַן אָדער וואָלט געפּלאַצט—די פינף טויזנט האָבן אין אים פאַרלוירן יענע לעבעדיקע רירעוודיקייט, וועלכע ער האָט זיך פריער פאָרגעשטעלט. ווי אַ געקוילעט אָף זיינען פאַר אים איצטער געלעגן די פינף טויזנט, טויט, מיט אַראָפּגעלאָזענע פליגלען — כאָטש נעם און וואַרף עס אַריין אין קאַנדיקן וואַסער. וואָס האָט ליאָווע געזאָלט טון מיטן געלט? וואו איז די ענדערונג, וועלכע דאָס געלט האָט אַדורכגעפירט איבער ליאָווען? מיט וואָס איז דער איצטיקער ליאָווע ניט גלייך צום פריערדיקן?

ער האָט איבערגערעכנט אַלע מעגלעכקייטן, וועלכע די פינף טויזנט וואָלטן אים געקענט געבן און אַלע האָבן זיי איצטער אויסגעזען, ווי אַ ביטערער כוויזעק איבער אים. אַ שערעריי? דערזועלבער ליאָווקע שערער, נאָר מיט אייגענע בענקלעך און שפּיגלען? און צוליב דעם איז ליאָווע געוואָרן אַ גוויר... אָדער גאָר אַ קלאָפּער, מיט פּעקלעך אָף דער פּלייצע, בעטלען אין אַלע טירן? אָדער גאָר אַ קלייטל, זיך באַזעצן ווי אַ שפּין אין שפּינוועבס און וואַרטן אָף פליגן...

ווי אַזוי ליאָווע האָט ניט גערעכנט, איז ער אַלעמאָל געקומען צום סאַכאַקל, אַז אַנדערש ניט, ווי ער בלייבט דערזעלבער אַרבעטער וואָס פריער. און ער וואָלט שוין געבליבן. ער שפּירט אַז פריער, דעמאָלט ווען ער האָט דאָס געלט ניט געהאַט, איז אים געווען בעסער, אַסאַך בעסער. ער האָט געהאַט אַ זיסע בענקשאַפט נאָך אַן אומבאַשטימטן עפּעס, וועלכע האָט אים געגעבן מוט צו יאָגן די טעג אַלץ פאָראויס. אָבער די פינף טויזנט, דער אומבאַשטימטער עפּעס, וועלכער האָט זיך פאַר ליאָווען אויפגעדעקט אין אַ שווערן פייגער — וואָס האָט ליאָווע איצטער געקענט טאָן! די זיסע בענקשאַפט איז אויפגעדעקט געוואָרן, דער פייגער האָט געהייסן פינף טויזנט — וואָס האָט ליאָווע געקענט טון!

און ניט נאָר דערפאַר, ווייל פ י נ ף טויזנט. די זעלבע לאַגע, פּונקט די זעלבע, אויך מיט צען טויזנט, אָדער מיט צוויי טויזנט...

מיט איין וואָרט — אַפּן שוועל פונעם דריטן טייל ליאָוועס לעבן, האָבן זיך ציפערן, היפּשע ציפערן, פאַרנייגט פאַר ליאָווען און ליאָווע האָט ניט געוואוסט וואָס מיט זיי צו טון.

נאר ניט אױף לאנג.

אין דער צייט, ווען ליאווע שערער האט געמאכט די גראנדע, האבן די אינדיאנער פון ווייטן טשאקאָ, אָט יענע גוטמוטיקע אינדיאנער, וואס האָבן יעדן דורכגייער געוויזן זייערע ווייסע ציין און וואס האבן גאנץ בוילעט געוואוסט צו שאצן ריינקייט, לויזנדיק זיך אין דרויסן פאר אלעמענס אויגן — צו יענער צייט האבן זיי שוין געהאט א ציוויליזירטע נויגונג צו א זיידענעם זאָק און צו א גאָלדענעם באנד־זייגערל.

אין דעם ווייטן שטעטל פ...

נאָך טעג און נעכט געקודלעטע וועלדער, נאָך טעג און נעכט בוימל־גלאָטן וואסער, נאָך ווילדע פויגל קוויטשערייען און לאנגע קראקאָדילן, וואס ווארעמען זיך אפן ברעג — צעעפנט זיך דאס שטעטל פ., מיט איר עלעקט־רישער באלויכטונג, מיט אירע פארעקלאמירטע אויסשטעלונגס ־ פענסטער, מיט אירע קאפעען, קינאס, אויטאמאבילן; מיט אירע האטעלן, מיט אירע אפטייקן, מיט אירע שמעקנדיקע סיגארן; מיט אירע שטאלצע רעגירונגס געביידעס, מיט איר וואכנדיקער פאליציי — מיט אלץ וואס דערמאנט דעם ציוויליזירטן צענטער פון לאנד ארגענטינע. אין דעם צעעפנטן שטעטל פ., אין סאמען מיטן גומען זיינעם, הענגט א שילד —

GRAN MUEBLERIA DE L. POLEVOY Y A. KOZAK

דער „קוענטעניק" פון שטעטל איז, ליאווע מיט זיין שוטעף אבראמען, וועלכער געפינט זיך איצטער אין צווייטן געשעפט, אין שניט ־ געשעפט. ליאווע אליין שטייט אױף דער שוועל פון זיין מעבל ־ געשעפט, אין א לייכט זיידענעם זומער רעקל און קנייטשט דעם שטערן: ס׳גייט צום באלאנס.. גענוי, ליאווע וואלט געוואלט וויסן גענוי, דאס פארמעגן אױף זיין ביילעק...

יאָגן די איינקאסירער פון ל. פאָלעוואי און א. קאָזאקס געשעפטן אי־בער דער הינטערשטער טייל פון שטעטל; שווערע פעקלעך מיט קארטלעך ציען אראפּ די קעשענעס פון זייערע רעקלעך. זיי איז אנגעזאגט געווארן און זיי ווייסן: באלאנס! יאגן זיי ווי דורך א ווינט א שטורם —געלט!

אין דערזעלבער צייט שלעפּן קוים די פיס, די „קלאפערס" פון ל. פאָ־לעוואי און א. קאזאקס געשעפטן. זייערע אויגן בלאנדזשען פון טיר צו טיר,

פון שטוב צו שטוב. דאס פּעקל פּרעסט, דער שוויים רינט, און די מידע ביינער בעטן זיך: כאָטש איין קוינע, צו פאַרדינען דעם טאָג הויצאָעס... זיי קוקן האַכנאָעדיק צו יעדער שטוב, אין יעדן פּאָנים.

אָבער די איינקאַסירער קענען די קוינים, זיי ווייסן זייער ווערט. אַ הויכער יונג אין שטיוול יאָגט אָן אויף אַ פערד צום דראַטעגעס צאָם:

— אַ גוטן טאָג דיר, שוויגער, ווי גייטס?

איינע פון די צוויי עלטערע פרויען דרייט אויס דעם קאָפּ:

— אַ גוטן טאָג...

דאָס יונג מיידל קנייטשט האַלב קאָקעטיש די ברעמען:

— שוויגער? קוק אים נאָר אָן...

דער יונג אויפן פערד ענטפערט ניט. ער ציט די קאַרטעלעך פון קעשענע.

די עלטערע פרוי כאַפּט אַ בייזן קוק פון דער זייט, און בויגט זיך איין אויף צו אויפהויבן דעם טשאַיניק:

— ווילסט טרינקען אַ מאַטע, מיין ליבער איידעם?

דאָס יונגע מיידל צופּט אומצופרידן מיט די אַקסלען.

דער יונג אויפן פערד ציט צונויף די ברעמען.

אַ נאַקעט ברוין מענטשעלע וואָס האָט זיך געשפּילט מיט דער בלאָטע באַם ברונעם, האָט זיך אויפגעהויבן, אויסגעגליכן און איז געבליבן אָנגעבלאָזן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ער צופּט מיט די קליינע פּאַר בלאָטיקטע נעגעלעך די שפּיץ נאָז זיינע.

— אי- אי?

די עלטערע פרוי הערט ניט אויף זיך צו וויצלען:

— אויף וואָס דאַרף אַזאַ יונג ווי דו, געלט? האָב כאַסענע... אויב עס געפעלט דיר די טאָכטער מיינע.

דער יונג גיט אַ צי מיט די לייצעס:

— ס'פעלט מיר ניט...

ער גיט אַ צי דאָס פערד און שוין פון דער ווייטן, זאָגט ער אָן:

— אויף מאָרגן געלט, טשע!

און בא דער טיר פון א צוווייטער „ראנטשע", זיצט א דאר פארשווינדל מיט א צעעפנט וואליכעלע אף די קניען. ער ווארפט איבער זאכן.

א יונגע בארוועסע פרוי אין טיר, רעדט שטיל, ווי זי וואלט דערציילט א סאד:

— איך האב ניט קיין געלט...

ער איז בלאס, דאס דארע פארשווינדל. מיט ציטערדיקע פינגער שליסט ער זיין וואליכעלע. די פופצן פראצענט וואס ער האט פארן נעכטיקן „געמאכטן" קליענט, האבן נאך ניט געדעקט אפילו די נעכטיקע הויצאעס זיינע.

מיט א פארצויגן נאס הייטל איבער די שמייכלענדיקע אויגן און מיט האס אין די עקן ליפן — קוקט די יונגע בארוועסע פרוי נאך, ווי דאס דאר פארשווינדל מיטן וואליכעלע, דערווייטערט זיך.

אין א לייכט זיידענעם זומער רעקל שטייט ליאווע אף דער שוועל פון זיין געשעפט און קנייטשט דעם שטערן—וויפל דער באלאנס זאל ניט ווייזן, ווייסט ער, אז דאס יאר איז געוועזן א גוטס. אבער — צו אשירעס, פעטע, אנזעענדיקע...

טאפל...

ליאווע איז רויט געווארן. ער האט זיך ארומגעקוקט, צי האט עמעצער ניט געהערט. ער קוקט זיך ארום צי אבראם איז ניטא דא ערגעץ, צופעליק. ער שליסט זיך איין טיף, טיף אין זיך. ער ווייסט, אז דער געדאנק וואס האט זיך נאר וואס מיט אזא שארפקייט אין אים איינגעשניטן, איז נידערטרעכטיק, אבער קען מען אין לעבן אויסמיידן אלע נידערטרעכטי־קייטן?

ער וויל ניט טראכטן דערפון, וואס מיט אבראמען וועט ווערן. ער וויל זיך ניט צוהערן צום געוויסן, וועלכער מאנט בא אים עפעס, דארט אי־נעווייניק. איין שניט בלויז, א שארפן און שנעלן, און נאכדעם וועט זיין ווי עס איז געגאנגען...

איין שניט בלויז...

ט א פ ל!

ארעמער אבראַם! אין ליאָוועס האַרץ באַוועגט זיך אַ ראַכמאָנעס גע־פיל צו דעם נאַאיוון, אומשולדיקן אבראַמען. ער זעט אים שוין אַן ארויס־געשטויסענעם און ער האָט מיט אים מיטלייד. אָבער ליאָוועס אַשירעס איז פאַרדאַפּלט געוואָרן...

ער רייבט צופרידן מיט די הענט...

אָבער ניט נאָר אין אַשירעס דאַרף ליאָווע וואַקסן. צוזאַמען מיט דער רייכקייט, דאַרף אויך ליאָוועס אַנזען וואַקסן אין שטעטל. און דאָ האָט זיך אונטערגערוקט אַ זעלטענע געלעגנהייט — ליאָוועס אַן אַנגעשטעלטער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ מיעסער געשיכטע.

וועט ליאָווע זיגן? וועט ליאָווע פאַרשפּילן?

ער וואַרפט זיך אין שפּיל מיטן גאַנצן ברען. ער לויפט פון איין איד צום צווייטן און טאַינעט איין:

— מיר אַלע וועלן ליידן. אַלע... מען וועט ניט זאָגן „בערל", מען וועט זאָגן „אַ איד". איר, איך, און מיר אַלע. איר פאַרשטייט? אַ איד!.. מען מוז פאַרהיטן אונזער קאָוועד. פאַרפאַלן. קנייפּן די באַקן און די פאַרב זאָל שטיין... איר פאַרשטייט? אַן אַדוואָקאַט, אַלע צוזאַמען...

ער לויפט צום ריכטער:

— גוט מאָרגן, דאָקטאָר! ווי גייטס?

ער נעמט דעם שמועס פון אַ זייט. ער פרעגט נאָך דעם ריכטער, ווי דינען אים די מעבל... געלט? אָבער פאַר וועמען האַלט ער אים, דער ריכ־טער! לעאַן און געלט! אַט גלייך, ס'שפּילט באַ אים אַ ראָלע...

— און ווי געפעלט אייך די, איר וועט מיר אַנטשולדיקן פאַר אַ גראָב וואָרט, שווייַנערייַ, מיט דעם אַנגעשטעלטן מיינעם?

דער ריכטער ווערט אָנגעצונדן. ער כאַפּט אַרויס דעם סיגאַר פון מויל, גיט אַ רוק מיטן פאָטעל, אַט־אַט און ער וועט אַ זעץ טון איבערן טיש.

— ס'איז דאָך אַ מערדערייַ! דאָס איז דאָך אַ כאַיע! דאָס איז דאָך...

ליאָווע שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ:

— יא, יא — ס'איז אזוי... ס'איז אזוי...

ער ווארט א ווײַלע און גיט צו:

— באַשערט מיר אַן אומגליק, אזאַ אומגליק...

דער ריכטער באַרואיקט זיך קוים. ער נעמט דעם סיגאַר ווידער צום מויל.

— וואס גייט דאס דיר אָן? ווער קען פאַר ווענען גאַראַנטירן?

ליאָווע איז פּאַרזיכטיק. ער האַלט ווי א פרישע אַלמאָנע, אראָפּגעלאָזט די אויגן. ער זיפצט און הויבט זיך שטיל אויף.

— וואס איז מיט דיר?

ליאָווע זיפצט:

— קענסט מיר א טויווע טון, א גרויסע טויווע, נאָר — דו וועסט עס מיר ניט טון... ניט טון...

דער ריכטער איז פאַראינטערעסירט:

— מיט וואס?

ליאָווע וואַקלט זיך:

— דער מישפּעט איבער דעם... איבער דער... כאַיע, איז א מישפּעט איבער מיר. און דו ווילסט מיך פאַרמישפּעטן. וועסט...

דער ריכטער פאַרשטייט ניט. ליאָווע בעט נאָר איין זאַך:

— הער מיך בלויז אויס... בלויז אויסהערן און ניט מער?

און ער טוט א פרעג:

— קענסט די מאַמע פון דעם מיידעלע?

דער ריכטער קוקט טיף און שפּיציק אויף ליאָווען.

— פרעג יעדן פון דער גאַס ווער די מאַמע איז, און אַלע וועלן דיר באַשטעטיקן — א גאַסן־פרוי.

— צו וואס איז דאס?

— צו וואס? צו דעם, וואס די מאַמע איז אים שולדיק געלט. צו דעם, וואס די מאַמע אַליין האָט אים צוגעגרייט דעם באָדן, צו דעם...

דער ריכטער האָט אומגעדולדיק א צי געטון דעם פּאַטעל:

— ער האָט געטון?

— ער האָט געוואָלט.

— און די עקספּערטיזע?

— די מאַמע אַליין האָט עס געמאַכט...

דער ריכטער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, הילכיק און שטאַרק. ער האָט אַרויסגעשפּיגן פון מויל דעם סיגאַר — ער האָט געקייכט. ער איז אינ־גאַנצן רויט געוואָרן און דער קאַרק זיינער האָט זיך אָנגעצויגן אַף צום פּלאַצן. די ברילן זיינען אים אַראָפּגעפאַלן און ער האָט זיך צוגעהאַלטן מיט די הענט אונטער דער ברוסט. ער האָט ניט אויפגעהערט צו קייכן און קרעכצן:

— אוי!.. אוי!.. אוי!..

ער האָט געריבן מיט אַ טיכעלע דעם בלוי־אויפגעלאָפענעם קאַרק, זיך פאַרשטעלט די אויגן און האָט ניט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. ער האָט געווישט די ברילן און געזוכט דעם אויסגעשפּיגענעם סיגאַר.

— זאָג נאָר, פריינט, איז ווי אַזוי האָט עס די מאַמע אַליין גע־מאַכט?

ליאָווע האָט ניט אויפגעהערט צו זיין אומעטיק, ערנסט:

— פרעג, פרעג וועמען דו ווילסט...

דער ריכטער האָט זיך קוים באַרואיקט:

— גענוג מיט די נאַרישקייטן. דער מישפּעט וועט ווייזן.

ער האָט אָנגעהויבן צו זוכן אין די פּאַפּירן.

ליאָווע האָט אויסגעצויגן אַ האַנט.

— גוט, טו ווי דו פאַרשטייסט. אַ גוטן טאָג. מיין פריינטשאַפט צו דיר איז ניט פון היינט. געדענקסט באַ די וואַלן? אין קלוב האָב איך אויך הינטער זיך אַ צענדליק שטימען... אַ גוטן טאָג!

ליאָווע זיצט מיטן שול־אינספּעקטאָר באַ אַ טישל. זיי טרינקען אַ „ווערמוט" און קלייבן ווי וועדעמדיקן אַרבעס אַדורך יעדער דורכגייענדיק „קליידל".

— אָט די, קאַראַמבאַ! אַן אַפּעטיטנע...

דער שול־אינספעקטאָר לעגט זיך אָן מיט זיינעביידע הענט אפן אויסגעבויגענעם פעטטן שטעקן זיינעם און בויגט אוים דעם קאָפּ אין דער ריכטונג צו אן אָנקומענדיק יונג מיידל. דאס מיידל טראגט אן איינפאך קאָלירט קליידל, פון וועלכן ס׳זעען זיך ארוים אירע גוטגעבויטע טונקל־ברוינע פיס, און דורך דער בלוזע אירער, זעען זיך א פּאָר צייטיק געוואָ־רענע ברוסטן.

ליאָווע קלאַפּט גוט־ברודעריש איבערן שול־אינספּעקטאָרס פּלייצע:

— האסט נאָך אלץ דעם וואָלפישן אפּעטיט?

דער שול־אינספּעקטאָר מאכט א באַוועגונג, וואָס דערווייזט, אז דער וואָלפישער אַפּעטיט איז א גארניט קעגן זיינע ציין. ליאָווע נוצט אוים די געלעגנהייט און וואַרפט אריין:

— ווי געפעלט דיר די געשיכטע מיטן אינגל, וואָס זיצט פארשפּאַרט?

— אָבער!

דער שול־אינספּעקטאָר מאכט א ברוגזדיקע מינע — מאכן אזא מאָ־קאָנע צוליב א „טשיניטע”... ניט דער היינט, מאָרגן אן אנדערער. א טומל איבער א גארניט.

ליאָווע בויגט זיך צו און דערציילט אים:

— האָסט געדאַרפט זען דעם ריכטער, ווי ער איז פלאַם פייער פאַר דער „טשיניטע”! ער וואָלט אים אויפגעגעסן, דעם אינגל.

דער שול־אינספּעקטאָר שאָקלט צו מיטן קאָפּ:

— ווער ס׳קען אים ניט, דעם צאַדיק... איך וועל מיט אים א רייד טון...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאס אינגל איז ארוים אף דער פריי. דער פּראָקוראָר האָט ניט גע־פונען קיין מאָטיוו פאַר באַשולדיקונג.

ס׳פרייען זיך די אידן פון שטעטל. ס׳פרייען זיך די, וואס האָבן ליאַ־ווען א טויווע געטון.

ליאָווע רייבט פארזארגט די הענט. א גרויסער טאָג איז היינט פאר ליאָוען. די טירן פון דער בלויער גרענעצלאָזער צוקונפט האבן זיך פאר אים ברייט געעפנט. ערשט איצטער וועט זיך ליאווע לאזן אין וועג...

אבראַם איז שוין לאנג אוועק און צו דעם נייעם שילד:

GRAN MUEBLERIA de L. POLEVOY

האָבן זיך שוין אלע צוגעוואוינט.

די געשיכטע מיט אבראמען האָט אין זיין צייט אויפגערודערט דאס גאנצע שטעטל. אבראם האָט אף קיינעמס אויגן זיך ניט געקענט ווייזן. קיינער האָט זיך ניט געקענט פארשטעלן, אז אָט דער נעבעכדיקער אבראם זאָל זיין פעאיק אַף אזא זאך. און די זאך איז די, וואס אבראַם האָט גע־פעלשט די ביכער. אבראַם האָט געגאנוועט.

אבראַם האָט געגאנוועט. ווער וואלט זיך דאס געקענט פארשטעלן!

מיט רעספעקט און נייגעריקייט האָט דעמאלט דאס שטעטל געקוקט אף ליאָווען — וואס וועט דאס איצטער ליאווע טון? און ליאָווע האָט זיך געסטאַרעט אז אבראַם זאָל ניט אוועק ארעסטירט. נאָכדעם האָט ליאָווע געשטילט מענטשלעכע געמיטער, מען זאָל אבראמען ניט פארצאַפּן איבעריק בלוט. און אף לעצט האָט אים נאָך ליאָווע אויסגעצאָלט א קארגע צוויי טויזנט פעזעס, און — גיי...

און אבראַם איז אוועק. מיט אראפגעלאזטע אויגן איז ער אוועק. ליאָווע האָט אים באגלייט צו דער שיף. אבראם איז אריין אינעווייניק און מער האָט אים קיינער ניט געזען, און ליאָווע האָט זיך צוריק אומגעקערט אין שטעטל — שאַ שטיל.

איצטער פאָרט ליאווע אין דער הויפט שטאָט אריין. און פאָרן פארט ער צוליב א סאך זאכן. ערשטנס מוז ליאָווע איינשטעלן די קרעדיטן — ער ווייסט דאך ניט, וואס פאר א רוישעם עס האָט אין דער הויפט שטאָט

געמאכט זיין שפּיצל מיטן שוטעף. און קרעדיטן פאַר ליאָווען איז זייער נויטיק. דורכאויס נויטיק. היינט נאָך ניט, און מאָרגן אויך ניט. נאָר שפּעטער, ווען ליאָווע וועט זיך איינשטעלן, פאַנאַנדעריאַגן די געשעפטן, אָניאָגן בּאַ אַ פּאָר הונדערט טויזנט אין קרעדיטן...

ער פאַרנעמט אַ קאַיוטע ערשטע קלאַס. אין דערזעלבער קאַיוטע פּאָרט־מיט אַ באַלעבאַטיש מיידל פון שטעטל. אַ שלאַנקע, שוואַרץ־דינגע ברעמען און אַ ווייסע הויט פון פּאָנים. דעם מיידלס שפּאַציר אין הויפּט־שטאָט וועט ליאָווען קאָסטן אַ פּאָר הונדערטער.

האָט זי די ווערט?

זי איז דאַר, אַביסל אָפּגענוצט און פלאַך. אין טאָך גענומען האָט זי דעמזעלבן ווערט ווי נאָך אַ סאַך אַנדערע,—וואָס־זשע האָט ליאָווען געטריבן אויסצוזוכן זיך אַזויפיל אַף אָט דער, וואָס איז אַ באַלעבאַטיש מיידל?

אַ צופאַל, אַ ריינער צופאַל. און עפשער איז דאָס דערפאַר, ווייל די ווייסן אַלע אַז זי איז אַ באַלעבאַטישע... און עפשער גאָר דערפאַר, ווייל זי האָט אַ ביין־ווייסן קאָליר פון פּאָנים.

ליאָווע זיצט אַף דער סאָפע און קוקט מיט מאַטע אויסגעלאָשענע אויגן אַף דעם דאַר־ווייסן פּאָנים פונם מיידל, וואָס ליגט אויסגעצויגן, אָפן אונטערשטן בעטל. אַן איבערגעזעטיקטקייט רעגט אים; ס'דאַכט זיך אים, אַז אַליין וואָלט ער זיך געשפּירט בעסער. ער קוקט אַף אירע צעשויבערטע און פאַנאַנדערגעבלאָזענע האָר, און ס'דאַכט זיך אים, אַז דאָס זיינען די זעלבע האָר פון זיינע שוועסטער, שוועסטער־קינדער. פאַרוואָס פאַרט זי דאָ מיט אים? און פאַרוואָס הערט זי צו אים ניט אויף צו שמייכלען? ווייסט זי דען ניט, אַז אירע ציין זיינען געלבלעך אָנגעפוילטע און אַז זי שמייכלט דעקט זי אויף שטיקער נאַס־רויטע יאַסלעס? זי איז דאָך העסלעך...

ליאָווע שטעלט זיך באַם פענסטער. ער קוקט דורך די פאַנאַנדערגע־שפּרייטע טונקל־גרינע פאַרהאַנגלעך, צום טייך צו. ער זעט ווי דראַבנע כוואַליעלעך יאָגן, קלעטערנדיק קעפּ אַף קעפּ. ער הערט ווי ס'רוישן די שיף־רעדער איבערן צושניטענעם טייך־שטראָם, גרינער שוים שאַרט זיך אַלץ אוועק אַף הינטן, הינטן. און אַזוי זעט ליאָווע ווי זיין לעבן האַלט זיך אַלץ אין איין אוועקרוקן אַף הינטן, הינטן. און ליאָווע אַליין — ווי

דאָס שיף — אַלץ פּאַרויס, פאָרויס... אָבער דאָס שיף וועט דאָך דערגיין צו אַ ברעג?

ליאָווע שפּירט זיך מיד. ער נויטיקט זיך אין אָפּרו. ער וואָלט געדאַרפט ערגעץ אַרויספאָרן. אָבער ווי קען ער, אַז די געשעפטן האַלטן אין איין יאָגן! און ליאָווע איז מיד, איבערגעזעטיקט. וואָס וועט זיין דער סאָף פון דעם אַלעמען? ער שאַרט צוזאַמען די ברעמען. די מאַמע לעצטנס דערקוטשעט אויך. וואָס וועט זי דאָ טון אין אַרגענטינע? וויפל מ'שיקט ניט, דאַכט זיך זיי — אַלץ ווייניק...

און די קאַלע...

וועגן דעם וויל גאָר ליאָווע ניט קלערן. ס'וואָלט פון זיין זייט געווען אַ מעשוגאַאַס צו טראַכטן וועגן דעם. בילדונג? רייכקייט? וואָס? געווען אַ אינגל, קליינשטעטלדיק, האָט ער צוגעזאָגט...

ליאָווע קערט אָפּ דעם קאָפּ פון פענסטער און טרעפט זיך אָן מיט די גרין־לאַסטשענדיקע אויגן פונם מיידל. זי ציט צו אים אויס אירע לאַנגע ביינערדיקע הענט. זי וויל אים אַרומנעמען. ליאָווע איז מיד, ער קען ניט שטעלן קיין ווידערשטאַנד. ער לאָזט זיך נעמען. איר וואַרעמער אָטעם שמעקט אים ניט — ס'דאַכט זיך אים, אַז ס'האָט אַ גערוך. ער דרייט אָפּ דעם קאָפּ. זי בייסט אים דעם אויער. ער שפּירט אַז אָט־אָט און זי וועט אים אומוואַרפן. ער זוכט מיט דער האַנט אַן אָנשפּאַר און דריקט אָן אַ ווייכע ברוסט אירע. דאָס מיידל גיט אַ לייכטן קוויטש און ליאָווע טוט אַ טראַכט: עפּשער?... אַזויפיל געלט...

ער זעצט זיך צו אַפן ראַנד פון איר בעטל און קוקט זי אָן.

און ליאָווע האָט צו זיך אַליין אַ שמייכל געטון: ניט קיין שלעכטער געדאַנק אויסצונוצן און אַרויסוואַרפן אין וואַסער אַריין...

ער האָט זיך פאַרטראַכט...

צוויי קינדער

געווען איז עס ניט א „פּאָרטראַג" ווי ס'איז געווען געמאָלדן, נאָר א „שמועס" איבער דער לאגע פונם קליינבירגער, אין דער לאנגער צייט פון פארשאַרפטן קאמף צווישן ארבעט און קאפיטאל. אין דעם שמועס, האָב איך פּרובירט מיט פארשידענע פארבן מאָלן, די פארלוירענע פּאָזיציע פונם מיטלקלאס און זיין לעבערלעכן גראַנגל פאר דעם אויפהאַלט פון זיין קיום.

ווען מיר זיינען ארויס פון דער הויכער און פוסטער געביידע, אין וועלכער — סאַי די אויסגעשטעלטע בענק מיט דעם טישל פאַרויס, סאַי די ספּאָרים־שענק בײַ די זייטן פון די ווענט—האָבן זיך פארלוירן אין דעם טיפן און לופטיקן כאַלאַל אזוי, אז ס'האָט אויסגעזען ווי אן אויסגעליידיקטער טאַנץ־זאַל, וועלכער וואַרט אף א יאָנטעוו טאָג — איז שוין די גאס געווען איינגאַנצן אויסגעלאשן און באזילבערט בלויז מיט דער שיין פון דער לע־וואָנע. מיר האבן אויסגעזען ווי ארטיסטן וועלכע קומען זיך צוזאמען אינם פוסטן טעאטער אף א רעפּעטיציע — אלץ איז אזוי פארגליווערט דעקאָ־ראַטיוו געווען אויסגעשטעלט. סאַי דער שטאָט־גאָרטן מיט זיינע ביימער אַפן בלאַס־גרויען פאָן פון דער נאכט, וועלכע האבן זיך ווי געבעטן: גיט אונז עלעקטרישע ליכט, אז ניט זיינען מיר א גרויע נוצלאָזע מאָלונג אף אַ פארגעסענעם לייוונט... סאַי דער הויך־הויכער דענקמאָל אין מיטן שטאָט־גאָרטן, וועלכער האָט איצטער אויסגעזען ווי אן איינגעשלאפענער בושל, שטייענדיק אף איין פוס; דער דיקער שאטן פון דעם שווערן קלויסטער־גלאָק, איז געהאנגען ווי א שטיק אָפּגעריסענע דעקאראציע, וועלכע האָט פארלוירן איר אָנגעהעריקייט צום ארום. און דער גרויסער זייגער אפן שטערן פון דעם ברייטן רעגירונגס־הויז, האָט אויך אויסגעזען ווי א גרויס אויסגעשניצט סאָווע־אויג. אפילע די גאסן האָבן פארלוירן זייער נאַטיר־

לעבן אויסזען — איצטער זיינען עס גיכער געווען ציגיינער־ביידלעך, אויפֿגעשטעלטע ערגעץ, רייענווייז, אַף אַ ברייטן און פּוסטן שטיינערנעם פּלאַץ. דאָס אַלץ האָט אויסגעזען ווי איבערגעבליבענע דעקאָראַציעס פֿון אַ נעכטיקער פֿאָרשטעלונג.

איין ווײַלע נאָר זיינען מיר אַלע אַרויסגעגאַנגענע געבליבן שטיין צוזאַמענגעשלאָסן אין איין קופּקע. ס׳האָט זיך נאָך געפֿילט דער אָטעם פֿון אונזער דאָרטיקן שמועס. הינטער אונז האָט זיך בראַזגיק אַראָפּגעלאָזט דער אייזערנער טויער פֿון דער פֿאָלקס־ביבליאָטעק. איצטער האָבן איינציקע און פּאָרלעך, איינגעהויקערטע און ניט היימלעך, אַנגעהויבן זיך צו פֿאַנאַנדקריכן אין די גרויע ווייטן, אין פֿאַרשידענע ריכטונגען.

דער לעצט איבערגעבליבענער, אַנשטאָט מיר צו געבן די האַנט, ווי אַלע פֿריערדיקע, מיטן טיפּיש־קליינשטעטלדיקן „אַ גוטע נאַכט", האָט גוטברודעריש־דרייסט אַ זאָג געטון:

— גייען מיר?

— גייען מיר. — האָב איך פֿריילעך געענטפֿערט.

— איר ווייסט, — האָט ער נאָכן אָפּגיין אַ פּאָר טריט מיר אַ זאָג געטון, — אַז איך בין ניט איינשטימיק מיט אייער אַרט אויפֿנעמען זאַכן?

— וועלכע זאַכן?

— אָט די... אַז אַלץ דרייט זיך אַרום דער קלאַסן־אײַנטיילונג? ס׳מאַכט אַף מיר דעם איינדרוק, גלייך מיר וואָלטן געטרונקען טיי, געגעסן מיטיק, אַפֿילו כאַסענע האָבן מיר, אַלץ מיט אָט דעם... „קלאַסן־קאַמף"...

— ווער האָט דאָס אייך געמאַכט אַזאַ פּיירעש?

— יאָ, איך ווייס, ניט דירעקט. אָבער — ווי דאָס גאַנצע לעבן וואָלט זיך געדרייט אַפֿן שפּולכל פֿון קלאַסן־קאַמף. ניט אַזוי? איר אַליין האָט דאָך דערוויזן ווי אַזוי דער קליינבירגער, אומבאַוואוסטזיניק, איז מיט די געדאַנקען אַפֿן אַרבעטערס זייט און פּאַקטיש איז ער, דעם בורזשואים מעשאָרעס... ס׳הייסט... פֿון וועלכער זייט מיר זאָלן ניט נעמען דעם דורכשניטלעכן קליינבירגער, איז אומעטום וועלן מיר זען אָט אַזאַ מין... אַזוי צו זאָגן... קלאַסן־פֿאַרב?

— איז וואָס־זשע?

מיין באגלייטער האָט ניט געענטפערט. איך האב ניט אָן אַ שטאָך אַ פרעג געטון:

— איר זייט אַ ציוניסט?

מיין באגלייטער האָט זיך הילכיק פאנאנדערגעלאכט. מיר האָט, אין דער פוסטער שטילקייט פון דער נאכט, דער געלעכטער אויסגעזען איבער־געטריבן. עפּעס האָט זיך דער געלעכטער אזוי אָנגעשטרענגט און אָן אויפ־הער געקייקלט, ווי ער וואלט איבער דעבער געוואלט שרייען: הערט, וואס פאר אַ נאַרישקייט אַ מענטשן פאַלט איין!

און פּלוצלונג האָט זיך דער געלעכטער אָפּגעהאקט און ער האָט אַ זאָג געטון:

— אייגנטלעך... איר קענט דאָך מיך ניט... איך הייס „זעליגמאן”... געשטראָפט אביסל אַף דער פּען און, זיך אפילו עטלעכע מאָל געדרוקט...

דעם עמעס געזאגט, האָט מיר פאַרדראָסן אַפן יונגנמאַן, פאַרוואס ער האָט זיך אויפגעדעקט. ביז איצטער האָט ער מיך נאָך געדרייצט מיט זיין האלטן זיך, מיט זיין דרייסטקייט, אַ ניט פאַרענטפערט רעטעניש. איצטער אָבער האָב איך שוין פון אים דערוואַרט איינגעשפּאַרטקייט און אפילו כוצפּע: ער איז דאָך שוין ניט אַבי ווער... איך האָב מיט אַן אויסרעכענונג געשוויגן. און ווען איך האָב דערזען אַף אַ האַלבער קוואַדראַ פון מיר אַ פּאָר הענגענדיקע, מעשונענדיק־גרויסע, ברילן און דערקענט דורך דעם מיין האָטעל, האָב איך צופרידן אַ זאָג געטון:

— מיר זיינען שוין אינדערהיים.

מיר זיינען צוגעגאנגען צום טויער פון האָטעל. איך האָב זיך אָפּגע־שטעלט, אים באַדאַנקט פאַרן באַגלייטן מיך און אים אויסגעצויגן אַ האַנט. ער האָט אָבער, ווי אַרויסגעשריגן:

— איך לאָז אייך נאָך ניט אָפּ...

און שוין גאַר שטיל, האָט ער צוגעגעבן:

— איך זאָג אייך צו: קיין איין וואָרט ניט פון מיינע ליטעראַרישע אויפטועז... און אויך ניט קיין דיסקוסיעס. אָבער — אַ מאַיסעלע, אַן עמעסדיקע געשיכטע, וויל איך אייך דערציילן. ס׳וועט אייך צונוץ קומען...

מיר איז מער גארניט איבערגעבליבן ווי אריינבעטן אים צו מיר אין צימער.

— ...דאָס וואָס איך גיי אייך דערציילן, האָב איך אליין געזען און דורכגעלעבט דאָרט, בא אייך אין בוענאָס אײרעס, אויף בילינגהורסט. איר קענט די גאַס בילינגהורסט? וויפל מאָל איך האָב איבערגעטראַכט, שוין נאָכדעם, אַז די געשיכטע, און ווי איך בין מיט איר ניט אדורכגענומען, דאַכט זיך מיר אַלץ אַז אַ זייטיקער, אַ פרעמדער, וועלכער האָט עס מיט זיינע אויגן ניט געזען, וועט עס ניט פאַרשטיין... איז עס דערפאַר, ווייל מיר באַזיצן ניט די גהעריקע מיטלען פון איבערגעבן, אָדער — דער־פילנדיק אַ זאַך, אומבאַוואוסטזיניק, פלעגטן מיר אין דאָס געזעענע אריין אונזער אייגענעם איך און נאָכדעם קענען מיר שוין ניט, מיט קאַלטע הענט פון אַ דערציילער, איבערגעבן טרוקן גענוי ווי מיר האָבן געזען? אָדער איז דאָס גאָר דערפאַר, ווייל דאָס וואָס וואַקסט פאַר אונז אויס, דורך דער צייט אין אַן אנגעזעענעם „עפּעס", קומט עס אָבער ארויס פון אַזעלכע טאָג־טעגלעכע קלייניקייטן, זעמדעלעך, אַז צוגייענדיק דערציילן, ווילן מיר אָנהויבן פון יענע נישטיקייטן, זעמדעלעך, און די זעמדעלעך קע־נען מיר ניט אַנעמען מיט אונזערע פאַרגרעבטע פינגער? איך ווייס ניט. איך וועל אייך דערציילן. אַלענפאַלס איז עס אַ געשיכטע, וועלכע פּאַסט זיך ניט אריין אין די רעמלעך פון אייער „קלאַסן־קאַמף"...

דאָרט, אויף דער גאַס בילינגהורסט, איך געדענק שוין ניט דעם נומער, האָב איך געדונגען אַן אויבערשט צימערל. פון דרויסן—אַ שיינער אריינ־גאַנג. די טיר צו דער גאַס פאַרהאַנגען מיט אַ ווייס־געהאַפטן פאַרהאַנגל. אַן עלעקטריש גלעקל און ריינע ווענט. ווען איך האָב געדונגען דאָס צימערל האָב איך גערעדט מיט דער באַלעבאַסטע פון הויף — אַפּן אויסזען אַ פרוי פון אייעריקע, וואָרים דאָס קורצע פּאָקענע מאַנטל וואָס זי האָט אויף זיך דעמאָלט געטראָגן, האָט נאָר פּרעטענדירט צו זיין בורזשואיש. מיט איין וואָרט — קליינבירגער. דאָס האָט אויך באַשטעטיקט דאָס קאַלט העפּ־לעכע רעדן, אין וועלכע ס'האָבן זיך אריינגעכאַפּט — ווי ניט ווילנדיק— וואָרעמע סטרונקעס. יאָ, איך האָב פאַרגעסן צו דערציילן: פון דרויסן,

באַם אַריינגאַנג, איז צו דער וואַנט געווען צוגעקלאַפּט א מעשן־שילדל מיט דעם איינציקן וואָרט: "Masajista" אָבער צו דעם אַלעמען האָב איך

זיך ניט צוגעקוקט. גאַנץ אָפּט דערזועען מיר ערשט זאַכן א צייט נאָכדעם ווי מיר האָבן זיי שוין געזען. אומאָפּהענגיק פון אונז, נעמט דאָס אויג אַריין זאַכן און באַהאַלט זיי אין אונזער זיקאָרן. אין יענעם מאָמענט איז מיר ניט אָנגעגאַנגען, ניט די באַלעבאַסטע, ניט דאָס עלעקטרישע גלעקל, ניט דאָס מעשענע שילדל — איך האָב געזוכט א צימערל, וועלכער זאָל מיך מער ניט קאָסטן ווי פופצן פּעזעס.

פון אַף יענער זייט וואַנט האָט זיך דערהערט א סקריפּ פון א בעט און א קרעכץ — קענטיק אַז מיר האָבן געשטערט יענעמס שלאָף. מיין דערציילער מאַכט זיך אָבער ניט וויסנדיק און רעדט ווייטער:

— טאָ הערט־זשע. באַם דינגען דאָס צימערל, האָט זי מיר אָנגעהאַקט א פולן קאָפּ מיט רייד. צווישן דעם גאַנצן בארג מיט רייד, האָב איך גע־הערט דערציילן פון גליקן, אַז זי איז רייך, אַז דער מאַן האָט א לוקסוס־שניידעריי אין צענטער, אַז זי איז זייער אומפּראַקטיש אין לעבן, אַז און אַז... פאַרשטייט זיך אַז אין איין אויער איז עס מיר אַריין און דורך דעם צווייטן אַרויס. וואָרום אין יענער מינוט האָב איך נאָר געטראַכט ווי אַזוי אַריבערצופּעקלען וואָס גיכער מיין ביסל אָרעמקייט און די גאַס זאָל וואָס פריער אָן מיר פאַרגעסן... אָבער ווי ס'ווייזט אויס, איז אויך פון דעם וואָס זי האָט אין מיר אַריינגערעדט, עטוואָס געבליבן אין מיין זי־קאָרן. איך רעכן אַז מיר באַמערקן יענע זאַכן, וועלכע שטימען ניט מיט דער פאַרשטעלונג וואָס מיר האָבן פריער וועגן זיי געהאַט. מיסטאָמע האָט זיך, פון איר רעדן, אויסגעשפּרייט אין מיין פאַרשטעלונג א מין ווייך־זאַטע מיינונג וועגן זייער הויז. און דאָ האָב איך אָנגעהויבן צו באַמערקן מאָדנע זאַכן. דאַכט זיך אַז דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב דאָס באַמערקט, איז געווען אין א רעגנדיקן טאָג. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין די צוויי שפּאַן פון מיין צימערל און אַלץ אַרויסגעקוקט צום הימל, ווי ס'וואָלט מיר גע־גאַנגען אין לעבן אַז ס'זאָל אויפהערן רעגענען. און דעמאָלט האָב איך עס באַמערקט. איך האָב אייך שוין דערציילט אַז אין שטוב זיינען געווען צוויי קינדער, מיידעלעך, איינע פון א יאָר צוועלף־דרייצן און די צווייטע פון א

יאָר פינף? איך האָב אייך ניט דערציילט? צוויי קינדער,ביידע שלאַנקע, ביידע דאַרע. נאָר די עלטערע האָט געהאַט אַזעלכע שמייכלענדיקע כיין־גריבעלעך אין די באַקן און אַ גלאַנץ אין די אויגן, ווי זיי וואָלטן יעדן אָנפאַרטרויט: איך ווייס שוין אַלץ... איך פאַרשטיי שוין אַלץ... די אינגערע האָט זיך שטענדיק געטוליעט צו דער עלטערער.

מיין דערציילער האָט זיך אָפּגעהאַקט, זיך פאַרטראַכט און אַ שמייכל געטון:

— וואָס איך האָב באַמערקט איז, ביידע קינדער זיינען אַ גאַנצן טאָג געווען אַליין. איינגאַנצן אַליין און אומגעגעסן. איך האָב מיט די קינדער באַקומען מיטלייד. איר ווייסט ווי אַזוי זיי האָבן מיר אויסגעוויזן אין יענעם רעגנדיקן טאָג? ווי צוויי יונגע הינדעלעך וועלכע מען האָט פאַרגעסן אַוועקצונעמען פון אונטערן רעגן. דורכגענעצטע, איינגעהויקערטע, האָבן זיי זיך געשאַרט בײַ די ווענט, איבערלויפנדיק פון איין צימער צום צווייטן. איך בין יענעם טאָג מיט זיי געווען אַזוי דורכגענומען אַז איך האָב ניט באַמערקט ווי דער טאָג איז אַוועק. איך ווייס, אַז עס מאַכט אויף אייך אַן איינדרוק, דער אַרט דערציילן מיינער, פון סענטימענטאַלע... נאַרישקייט, ניט אַזוי? ס'איז אָבער ניט דאָס. איר פאַרשטייט? די מוטער פעלט גאַנצע טעג פון דער היים — דאָס האָב איך שוין לאַנג געזען. אָבער איך האָב עס ניט באַמערקט, ווי איך האָב פריער געזאָגט: די אויגן האָבן עס אומאָפּהענגיק פון מיר, אויפגענומען און באַהאַלטן אין מיין זיקאָרן. און אָט, אין דעם רעגנדיקן טאָג, האָט עס מיין זיקאָרן געגעבן אַ נעם אַרויס און אַ שטעל אַוועק פאַר מיינע אויגן. איצטער איז דאָס געזעענע שוין געווען אויסגעוויקלט מיט דער פּליסיקייט פון מיין מאַרך. איך האָב שוין ניט געקענט ווי אַ זייטיקער קוקן אויף דעם און שמייכלען. אויף דאָס געזעענע זיינען געלעגן שפּורן פון מיין מאַרך און איך האָב אין דעם געדאַרפט נעמען אַן אָנטייל, פאַרענטפערן עס. עס האָט בײַ מיר געמאָנט: זאָג, וואָס קומט דאָ פאָר? ווי אַ ברוטאַלע קראַפט וואָלט מיך געשטויסן אין קאַרק: זעסט אָט די צוויי דורכגענעצטע, איינגעהויקערטע און אויסגעהונגערטע קינדער? זיי זיינען אַליין. זיי האָבן עלטערן און זיינען דאָך אַליין. גאַנץ אַליין. איר פאַרשטייט עס?

ער האָט מיר געגעבן צייט אַף צו ענטפערן, צי איך פאַרשטיי. אָבער איך האָב גאָרניט געענטפערט. און ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן ווייטער:

— קליינבירגער. אוואַדע קליינבירגער! די גאַנצע שטוב האָט געשטעמט מיט קליינבירגערשאַפט. וואו האָט איר עס געזען אַז אַן אַרבעטער זאָל פאַרנעמען אַ גאַנץ הייפל? וואו האָט איר עס געזען אַז אַרבעטער זאָלן זיך גאַנצע טעג אַרומטראָגן ווי צעטראָגענע און בייזע מעכוטאָנים פאַר אַ כאַסענע? אָבער קלאַסן־קאַמף... קלאַסן־ליניע... אַפילע מיט שפּילקעס וועט איר עס דאָרט ניט צושפּילן. ס'איז סתּם געווען אַ פאַמיליעקע מיט אַ פינסטערן לאַבירינט פון קעגנזייטיקע און אויסערלעכע באַציאונגען, אַז ס'איז געווען אַ מוירע און עקל צו דעם זיך צוצורירן. וואויל און גוט, און קיינמאָל ניט געגעסן צוזאַמען. קיינמאָל ניט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב צוזאַמען. קעלכעלעך — זייד. און שוואַכינקע אַזעלכע. נאָר פון יענע קעלכעלעך, וואָס שרייען: היט זיך, מיר זיינען שפּילקעס! די לופט אַרום זיי, איז געווען אַזאַ, ווי זיי וואָלטן שטענדיק מיט זיך אַרומגעטראָגן סוידעס־פולע געשעפטן. ער פלעגט זיך מיט אַ זייט געבן אַ שאַר אַריין אין הויף, די הענט אין די קעשענעס, פלעגט אַדורכשמעקן מיט דער נאָז און אַוועק. זי— אַ גאַסט־פויגעלע: שטענדיק אין פּאַקענעם זשאַקעטל, אָדער אַריינגעגאַנגען, אָדער אַרויסגעגאַנגען. יאָ! די קינדער זיינען געווען דאָר פון אויסגעצערטקייט.

דער גאַסט פון אַף יענער זייט וואַנט, האָט עפּעס אַ בורטשע געטון און אַ רוק געטון מיט אַ בענקל. מיר האָבן זיך אָנגעקוקט און צוגעהערט. מיין דערציילער האָט צוגערוקט זיין בענקל און אָנגעהויבן עטוואָס שטילער:

— דער וועג צום בוידעם איז געגאַנגען פאַרביי מיין שטיבל. די קינדער פלעגן גאַנצע טעג ליגן אַפן דאַך. די ערשטע צייט פלעגט מיך אויפרעגן אַזאַ מין פּאַקט: אַ מינוט נאָכדעם, ווי די קינדער פלעגן אַרויפגיין אַפן דאַך, פלעג איך דערהערן אַ פיינלעך שרייען: „אַ־אַי! אַ־אַ־אַי!" און נאָך העכער. געוויינטלעך פלעג איך מיט אַ שטאַרק האַרץ־קלאַפּעניש אַרויסלויפן זען וואָס ס'קומט פאָר און דערביי פלעגט שוין מיין פאַנטאַזיע צעאַרבעטן מאַיסים. אויסגעלאָזט האָט זיך—די עלטערע קייקלט

זיך אפן דאַך, ווי א קאַץ אין ווייטיקן און די אינגערע וואַלגערט זיך אף איר. ס'איז געווען אזא מין שפּילן זיך.

מיין דערציילער האָט אויסגעגליכן די פּלייצע און האָט זיך צוריק אָנגעלענט אף זיינע קני, קעדיי צו קענען רעדן שטילער.

— יעדע זאַך האָט איר סיבע, איר פּארוואס. די צוויי קינדער זיינען געווען א זעלטן געוויקס. די עלטערע פלעגט, ניט־דיר, ניט־מיר, אזוי פון דער העלער הויט, זיך פלוצלונג פאַנאַנדערקייקלען מיט א „כאַ־כאַ־כאַ־כאַ", אז ס'פלעגט אדורכנעמען א קעלט. די אינגערע, דערהערנדיק דער עלטערערס שטימע, פלעגט ווי א ווילד כאַיעלע געבן א לויף ארויס צו דער עלטערער. מ'האָט געזען אז איר צעעפנט מויל און צעגליטע אויגעלעך, ווי זי קוקט עס אריין דער עלטערער שוועסטער אין מויל אריין, אז אָט־אָט און זי מאַכט איר נאָך, געניי דאס קאָל און אויסגעשריי. אָבער די קינדער זיינען דאָך ניט געבוירן געווארן פון א רעגן — זיי האָבן דאָך געהאט זייער טאַטע־מאַמע. די באַרעכטיקונג פון אזעלכע קינדער, האָט מען געדארפט זוכן בא זייערע עלטערן. דאס איז מיר קלאָר געווארן, נאָך א צייט... פון אויפגע־רעגטער ניט קלאַרקייט. דאס מענטשלעכע אין אונז איז — דאס וועלן פארשטיין. און אז מיר זעען זאכן, אפן קוק דאכט זיך קלאָרע, און מיר פארשטייען זיי ניט — רעגט עס אונז. גאַנץ אָפט טראַכטן מיר צו א באָדן, מיר טראַכטן אים אליין אויס און מיר פארזייען דאס געזעענע אינם צוגעטראַכטן באָדן. נאָכדעם באַרויִקן מיר זיך אינם אייגענעם ליגן. דאס מאָל איז אָבער דער באָדן ניט געווען קיין צוגעטראַכטער. די עלטערן זיינען אינגאַנצן געווען פארנומען מיט זיך. פאר די עטלעכע כאָדאָשים וואס איך האָב געוואוינט צוזאַמען מיט דער פאמיליע, האָב איך קיין איין מאָל ניט באַמערקט א וועלכע ס'איז ניט אויפמערקזאַמקייט פון די עלטערן צו די קינדער. שטענדיק מיט זיך. אָדער ריכטיקער — יעדערער מיט זיך. פון אזא באַציאונג האָבן געמוזט אויסוואַקסן אזעלכע קינדער. זיי זיינען דאָך געווען ענלעך צו כאַיעלעך פאר וועלכע קיינער זאָרגט ניט. אליין מיט זיך, זיינען זיי העפקער־ווילד געוואַקסן אין טאָג אריין. דאס האָב איך פארשטאַנען.

— איר האָט עס אָנגעשריבן?

— ניין... איך בין אַן אָנפֿאַנגער... דאָס לעבן דרייט זיך אויף אַזעלכע מעשוגעדיקע וועגן, אַז ס'איז שווער אָנצוכאַפּן אַזאַ, שטראַמל און נאָכלויפֿן עס אויף אַלע זיינע זיג־זאַגן. אַ גלייכן טייך קענט איר מאָלן — אַ וואַסער, אַ באַוואַקסענער ברעג, דאָ און דאָרט אַ שטיבל, דאָ און דאָרט אַ שיפֿל, פֿון אויבן אַ הימל, אַ פֿויגל, — און דאָס בילד איז פֿאַרטיק. נעמט אָבער אַ דינינק שטראַמל, וואָס דרייט זיך אין מעשוגענע זיג־זאַגן, אַהין און אַהער, און לויפֿט אים נאָך — דאָ דאַרפֿט איר שוין אַ שטיק נאַטור אָוועקלייגן. דער שמאָלער זיג־זאַג פֿון דעם טייכל, וועט ניט זיין קיין ריכטיקער, אויב איר וועט ניט געבן די ברייטע לאַנדשאַפֿט איבער וועלכער עס דרייט זיך. נעמט אַט מיין פּאָר פֿאַלק וועגן וועלכער איך דערצייל אייך — פֿון אויבן אויף, מענטשן פֿון אַ גאַנץ יאָר. וויפֿל מאָל אין טאָג טרעפֿן מיר זיך אין גאַס מיט פּרויען פֿון פֿאַרשידענעם עלטער, אין קורצע פּאַקענע זשאַקעטלעך, וואָס האַלטן זייערע קעפּלעך, ווי אומשולדיקע קעץ, פֿאַרטוליעט צווישן טוכענעם הוט און פֿוטערנעם קראַגן? וויפֿל שניידער־געשעפֿטלעך טרעפֿן מיר מיט געבויגענע קרישטאָלענע שויבן, אַ רייכע אויסשטעלונג און אַ שיינעם אַריינגאַנג? און הויפֿן — זיינען דען אין דורכשניט אַלע הויפֿן ניט אויסגעסאָרטירט אויף אַ צענדליק מוסטערן און מיט דעם ענדיקט זיך עס? אָבער אינעווייניק, אויף יענעם זייט פֿאָרהאַנגל, ווען דאָס פּאַקענע זשאַקעטל קומט זיך צוזאַמען מיט דעם באַלעבאָס פֿון יענעם שניידער־געשעפֿטל... איך וועל זאָגן נאָך ברוטאַלער: ווען אַט די צוויי מענטשן בלייבן איינער קעגנאיבער דעם צווייטן נאַקעט... איר פֿאַרשטייט? אונזערע צוויי פֿאַרשוינע האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן דעם גאַסן־שלייער און האָבן זיך פֿאַראייניקט — אַט דאָ לויפֿט נאָך דעם גאַנצן געלויף פֿון אַט די צוויי באַזונדערע שטראָמען, פֿון דעם אָרט פֿון זייער אַרויסוואַקס ביז זייער צוזאַמענקומען און לעבט זיי אויף מיט דעם גאַנצן ברייטן לאַנדשאַפֿט פֿון זייער גאַנצן וועג — אַ־האָ!..

דאָ האָט מיין דערציילער אַזוי פּילזייטיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, ווי צווייפֿלענדיק, צי באַנעם איך גאָר אַט דעם גאַנצן פֿאַרנעם, וועלכן ער האָט מיר דאָ אָנגעוואָרפֿן. און שוין עטוואָס קילער, האָט ער אָנגעהויבן ווידער צו דערציילן:

— אָט איר, מענטשן פון קלאסן דיפערענצירונג, דערקלערט מיר, ווי אזוי א שניידער־ארבעטער האָט כאַסענע מיט איינער, וועלכע איז גאָר פון אַן אַנדער קלאַס, דערציאונג, וועלכע איז אנדערש אריין אין לעבן און וועלכע קוקט אפן לעבן גאר מיט אַנדערע אויגן ווי אונזער שניידער־ארבעטער? איר מוזט וויסן, אז אין דער צייט וואס אונזער שניידער־ארבעטער איז געווען קימאט אן אנאלפאַבעט, האָט זי, די מאַסאַזשיסטן, ציטירט גאַנצע שטיקער פון „נאדסאָנען". אין דער צייט וואס ער איז געווען א האלבער, סאי מיטן אַרט רעדן, סאי אין די באוועגונגען, איז זי געווען באוועגלעך ווי א שלאנג — נאָך היינט דערקענט מען עס אין איר. היינט דאָס צינגל! אף שרויפן, זאג איך אייך. נ־נו־או? אַן ארויסגעגליטשטער, א דעגענערירטער? דאס, איר וועט מיר אנטשולדיקן, וואלט געווען יענער צוגעטראכטער — אָפן גערעדט — ליגן, וועלכן מיר שאפן זיך אליין, קעדיי ניט דארפן צו קנייטשן דעם שטערן. מיר טאָרן אזוי ניט צוגיין צו זאכן. די מענטשלעכע פסיכיק איז ניט אזוי פּאָשעט, אז מיר זאלן זיי אננעמען וואגאָניזסוויז, אפשיילן און אויסלייגנדיק קופּעסווייז, זאָגן: אזוי פיל און אזוי פיל קובישע מעטער אָפּגעשיילטע קלעצער — איר וועט מיר מויכל זיין... איך מוז אייך זאגן, אז מיין באלעבאס פון הויף האָט געהאַט מוזיקאלישע נויגונגען און, דאכט מיר, גאנץ נישקאָשעדיקע פעאיקייטן. עפשער איז עס געווען א ניט געלונגענע אויסרעכענונג אף האבן בעסערע מיטלען צו אנטוויקלען אָט די פעאיקייטן? עפשער האָט אין אים געשטעקט עפעס אַזוינס, וואס ער האָט געפונען דאווקע אין אָט דער, אַפן קוק פאר אים פרעמדער, מאַסאַזשיסטן? ווער ווייסט זיי וואס עס האָט זיי צוזאמענגעפאָרט! ארויסגעקומען איז פון דעם זיווג — א ביישפּיללאָזע געלט־גיריקייט און אויסנוצעריי. זי, די פארדינערקע. זי — די, וועלכע דארף באזארגן די שטוב, די גאנצע שטוב, מיטן מאן צוזאמען. ס'איז ניט געווען א פאנאנדערטיילונג פון די ראלן — ניין. זי איז געווען אלץ, אי די שטוב, אי פאַרנאָסע. ער — א האָן אין שטוב, וועלכער האָט זיך געפּאַשעט. אבער צו דער ראל, וואס זי האָט אף זיך גענומען, איז זי ניט געווען צוגעגרייט. אגעוו, איז פאר מיר נאָך ביז היינט א סאָד, וואס איז געווען די סיבע וועלכע האָט זי געטריבן צו אן ארבעטער און דערצו נאָך א האלב אָפּגע־

שטאנענעם. עפשער פארעלטערטע יאָרן און די מוירע ניט צו בלייבן פאר־זעסן? עפשער אן אווייערעלע פון דער יוגנט, וועלכע מען האָט געדארפט פארדעקן? — ווער ווייסט זי! אָבער, אלס כאסענע געהאטע, איז פון איר אויסגעוואקסן א העפקער־פויגעלע. א העפקער־פויגעלע מיט א שטענדיקע אומזיכערקייט אין מארגן. דער איינציקער וועג זיך צו באזארגן, איז געווען —זאמלען. און פונקט ווי דאס פארדינען איז געווען א העפקערדיק־ווילדער, אזוי איז אויך געווען דאס זאמלען — אָן א מאָס און אָן א סיסטעם. האָט זי געוואוסט דעם וועג וועלכן זי גייט? האָט זי געפילט דאס לעבן וואס זי ברענט אויס? איך גלויב אז — יאָ. ווארים מיט איר איז געשען דאס, וואס ס׳געשעט מיט אלע פארשפילטע, אלע פארשיקערטע — זיי גיבן א מאַך מיט דער האנט: העפקער איז העפקער. איז געטרונקען ביז צום דעק. גע־שטאָרבן די מאמע אין איר, געשטאָרבן דאָס ווייב — א רויב־פויגל, וועלכע טראכט נאָר וועגן זיך. און דערביי דאָך א שוואכע פרוי. כאראקטעריס־טיש — פונקט בא זיי אין שטוב איז געווען א קאַץ, וועלכע פלעגט אויפ־עסן אירע אייגענע קעצעלעך. די קאַץ איז געווען א מין פראָטאָטיפ פון דער פרוי. און ער? זיך צוגעפאסט צו דער ראָל. זי האָט פון אים אראפגע־נומען די זארג. און דאס, ווי ס׳ווייזט אויס, איז געווען אלץ וואס ס׳האָט אים אינטערעסירט. אין שניידער־געשעפטל איז ער געזעסן נאָר קעדיי ניט צו זיין אין שטוב. פון אזא באציאונג איז קלאר, אז דאס געשעפטל האָט ניט געקענט וואקסן. די באציאונג צו די קינדער איז אויך געווען אזא, ווי איינער זאגט: האָסט געוואלט קינדער, האָסטו זיי — מיט מיר האָט עס ניט קיין שאיכעס...

מיין דערציילער איז אנטשוויגן געווארן און איך האָב געכאפט א קוק אפן זייגער. איך האב געגעבן א גלייך אויס די פלייצע — דער זייגער איז שוין געווען פופצן מינוט נאָך דריי.

— אייער געשיכטע, — האָב איך אף דער שנעל א זאָג געטון — באשטעטיקט נאָך אמאל די גאנצע צעריבענקייט פונם קליינבירגער. ניט האָבנדיק די נאטירלעכע וועגן פון ארויפארבעטן זיך, קריכט עס אף אומ־נאָרמאלע וועגן. ס׳איז אן אלטע געשיכטע, מיין פריינט.

— ניין, ניין,ווארט א ווײלע! הערט דעם סאָף. דאס אלץ, וואס איך

האָב איך ביז איצטער דערציילט איז ניט מער ווי א הינטער־גרונט צום בילד, וועלכן איך האָב אייך געוואָלט דערציילן. בעעמעס אז ס׳וועט אייך ניט פאַרדריסן. הערט, איך האָב אייך פאַרגעסן צו דערציילן נאָך אַן אייג־נעלהייט: די קינדער זיינען געווען זייער מוזיקאַליש. די עלטערע, אַז זי פלעגט זיך זעצן צו דער פּיאַנאָ, פלעגט זיך דאַכטן אַז אַ פּראָפעסאָר שפּילט —אַזוי זיכער און פעסט דער טאָן. ס׳איז געווען צו באַוואונדערן, ווי אַזוי אַט דאָס אויסגעמאַטערט ווילדע קינד, באַהערשט דעם אינסטרומענט. די קליינע, אונטער די קלאַנגען פון דער עלטערערס שפּילן, פלעגט אָנהויבן צו וואַרפן מיט די דינע הענטלעך און פיסלעך — עמעסדיקער אימפּראָוויזיר־טער באַלעט, לויט די קלאַנגען פון דער מוזיק... איצטער הערט. ס׳איז געווען דער ערשטער מאַי. אַ האַלב טריבער טאָג. איך בין געזעסן אין שטוב און אומרואיק געקוקט דורך דער שויב פון מיין טיר. קיין זאַך שטילט ניט אַזוי מיינע נערוון, ווי דאָס קוקן דורך אַ שויב צום דרויסן אַרויס. דער געדאַנק רייסט זיך דעמאָלט אָפּ פון דעם גאַנצן בינטל נערוון און שפּילט אַן אייגענע אָרגיע. און דו אַליין שטייסט ווי אַ שטומער איידעס, קוקסט זיך צו צום שפּיל און דו ביזט צופרידן, וואָס דיך אַליין טשעפּעט מען ניט. שטיי איך אַזוי באַ דער שויב, געווען איז עס אין די נאָכמי־טאָג־שעהן, פלוצלונג גיט מען האַסטיק אָן עפן אויף די גאַס־טיר און ע ר קומט אַריין. דער אַרט עפענען די טיר, האָט מיר שוין אויפגעריסן די אויפ־מערקזאַמקייט — אַזוי אַריינגיין האָב איך אים נאָך קיינמאָל ניט באַ־מערקט. גיט ער אַזוי אַ שפּאַן אַריין אין זאַל און אין אַ רעגע אַרום, אַ שפּאַן אַרויס — אַלץ אַזעלכע לאַנגע שפּאַנען. עפּעס וועט דאָ זיין, — טו איך אַ טראַכט, — און שטעל זיך פון דער זייט פענסטערל, אַז מען זאָל מיך ניט זען. אין דער מינוט דערהער איך אַ רוף: „בער־טאַ־אַ!" דאָס רופט ער דאָס עלטערע מיידעלע. בערטאַ ענטפערט ניט, כאָטש זי וואַלגערט זיך דאָרט אַפן דאַך מיט דער קליינער און גאָר ניט לאַנג האָט זי זיך ווילד געריסן: „אַ־אַי! אַ־אַ־אַ!". איך זע, ער שטייט פאַרלוירן אין מיטן הייפל און קוקט אַף דער וואַנט, ווי ער וואָלט זיך צו וואָס צוגעהערט. אין אַ ווײַלע אַרום — ער גייט צוריק אין זאַל. און אין אַ ווײַלע שפּעטער — צוריק אין הויף, און נאָך שטאַרקער רופט ער: „בער־ר־טאַ־אַ־אַ!". איך הער

ווי די צוויי קינדער לאַכן שטיל צווישן זיך. ערשט אין א מינוט ארום, שטעקט בערטא אראָפּ איר קאָפּ פון דאַך און ענטפערט: „איך וויל עסן"!

— קום אראָפּ! — שרייט מאַלע־רעציכע דער פאָטער.

און בערטא ענטפערט צום צווייטן מאָל, דאס מאָל שוין גליטשנדיק זיך פון די טרעפ אראָפּ:

— איך וויל עסן — כאַ־כאַ־כאַ־כאַ...

דער פאָטער קערט זיך אום צום זאַל און בערטא גייט אים נאָך.

ס'גערוויערט א מינוט, עפשער צוויי, און איך דערהער די קלאַנגען פונם „אינטערנאַציאָנאַל". דאס איז פאַר מיר א נייעס, אינגאנצן ניי. איך הויב אָן פון דאס ניי צו רעווידירן מיינע אלע ביז איצטערדיקע האַשאָרעס וועגן דער פאַמיליע. ס'הויבן אין מיר אָן שנעל צו וואקסן ספּייקעס צו מיין זען און טראַכטן. און ס'הויבט אין מיר אָן צו פאנאנדערוואַרעמען זיך א ווארעם געפיל צו אָט דעם מענטשן, וועלכן איך האב אין זיין אָפּגעשלאָ־סנקייט אנגעהויבן צו כּוישעד זיין אין דאס ערגסטע. ווי שנעל די פאַנטאַ־זיע וואַקסט! איבערהויפּט נאָך ווען איך האב אים דערזען הארט שטיין בײַ דער פּלייצע פון זיין טאָכטער און מיט האַלב־פארמאַכטע אויגן נאָכ־זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". היינט דאַכט זיך מיר אַז איך פארשטיי עס. עס זעט מיר אויס ווי א מאָדערנער „יאַנקל שאַפּשאָוויטש", בײַ וועלכן די „סייפער טוירע" האָט אָנגענומען די געשטאַלט פונם „אינטערנאַציאָ־נאַל". אָבער דעמאָלט! ווער ווייסט צי איך וואָלט בייגעשטאַנען דעם ניסאָיען פון ניט צוזוגיין און בעטן בײַ אים מעכילע, ווען ניט... איך האב דערהערט די קלאַנגען פונם ציאָניסטישן „עוד לא אבדה תקותינו". דאס האָט מיך שוין אינגאנצן ארויסגעשלאָגן. איך האב עמעסדיק א לאַך געטון צו זיך — אזוי אוממעגלעך האָט דאס מיר אויסגעזען. אָבער איך האב גוט געהערט — גרילנצנדיקע אויסגעשרייען פון אן אויפרייסנדיקן מאַרש. די קליינע האָט וואונדערלעך אויסגעהאַלטן דעם טאַקט. ס'האָט זיך אין די שטייפע אקאָרדן געקייקלט איר ווילדער „כאַ־כאַ־כאַ!." וואָס האָט דאס געזאָלט באַדייטן? און פּלוצלונג גאָר עפּעס אן אומעטיק־סענטימענטאַל פאָלקס־ליד... איר ווייסט?

מיין דערציילער האָט געעפנט א פּאָר אויגן, ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס צוגעהערט און האָט סוידעסדיק שטיל אַ זאָג געטון:

— איר ווייסט וואָס מיר איז איצטער איינגעפאַלן, אָט טאַקע איצטער, אין דער מינוט? מיר דאַכט זיך, אַז... איר זענט גערעכט... דאָס שפּרינגען פון „אינטערנאַציאָנאַל" צום ציאָניסטישן הימן און פון זיי ביידן צו א אומעטיק־סענטימענטאַל פאָלקס־ליד — דאָס איז טיפּיש קליינבירגערלעך... איך האָב גאָר קיינמאָל פון דעם ניט געטראַכט...

אָן אנטוישטער און האַלב־פאַרשעמטער איז ער געבליבן זיצן און האָט געביסן די אונטערשטע ליפּ. מיך אבער האָט שוין אינטערעסירט די מאַיסע. איך האָב אים דעריבער א פרעג געטון:

— וואָס איז געוואָרן?

קענטיק אַז מיין דערציילער האָט פאַרלוירן דעם ברען פאַר דער געשיכטע, וואָרום ער האָט גאַנץ קאַלט און ניט גערן א מאַך געטון מיט דער האַנט:

— א פויל געזינדל, אייער מיטלקלאַס... וואָס איז געוואָרן! האָט זיך אויסגעשפּילט, באַפרידיקט עפּעס א שטיקל אויפבראַויז דאָרט אָפן דעק פון זיין צעפּוילטער נעשאָמע און איז אַוועק, ווי מען גייט אַוועק פון א בעס־האַקיסע. מער האָט ער ניט געדאַרפט. פאַר דער צייט פון דער עלטערערס שפּילן איז די קליינע אויך אַראָפּ פון דאַך, איז צוגעפאַלן צו דער עלטערערס זייט און האָט אומעטיק־מיד נאָכגעקוקט צום וויכן בויגן זיך פון דער עלטערערס פינגער איבער די פּיאַנאָ־ביינדלעך. די עלטערע האָט ניט באַמערקט ווי דער טאַטע איז אַוועק, איז זי נאָך אַלץ אַזוי געזעסן און געשפּילט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל דאָס אומעטיק־סענטימענטאַלע ליד. נאָכדעם האָט זי זיך איבערגעבויגן איבער דער קליינערס קעפּל און איר אַריינגעקוקט אין די אויגן. קענטיק אַז די קליינע איז געשלאָפן. זי האָט זי געגלעט. נאָכדעם האָב איך געזען ווי די קליינע האָט איר קעפּל אויפגעהויבן און אַזוי ראַכמאָנעסדיק־שוואַך אַרויפגעקוקט צו דער עלטערער. ווי ס'ווייזט אויס האָבן זיי נאָך אַלץ ניט געוואוסט, אַז דער טאַטע איז שוין ניטאָ, וואָרום אַז די עלטערע האָט זיך אומגעקוקט און דערזען אַז קיינער איז אין זאַל ניטאָ — האָב איך געזען, ווי זי האָט

אויפגעציטערט און האט פארדריקט אירע דארע פינגער אין א פויסט. און גלייך נאכדעם, האב איך דערהערט א יאמערלעך־הייזעריקן אויסגעשריי: „איך — וויל — עסן"! ס'איז געווען אזא יאמערלעך און אזא שניידנדיק געשריי, אז איך האב אויפגעציטערט. איך האב זיך איינגעקלעפט אין שויב, צו זען גוט וואס דארט, אין זאל, קומט פאר. און אט האב איך דערזען ווי די עלטערע האט א שליידער אוועקגעגעבן דאס פיאנא־בענקל און האט אנגעהויבן צו טאנצן אזא ווילדן טאנץ, וועלכן איך האב נאך קיינמאל אין מיין לעבן ניט געזען. זי האט מיט אויסגעדרייטע פיס, ווילד געטופעט אף איין ארט, ווי זי וואלט דעם פאל געוואלט איינברעכן. די קלענערע איז איר אנטקעגן געשטאנען און פונקט, באוועגונג אין באוועגונג, נאכגעמאכט דער עלטערער.

— אינטערעסאנט.

— אינטערעסאנט? אינטערעסאנט... ווי איך וואלט איינגעקלעפט געווארן אין שויב. ס'האט מיר פארהאלטן דעם אטעם, איך האב דערפילט דעם אויפברויז אין אט די קינדערס נעשאמעס און האב קימאט אף זיכער געוואוסט, אז מיט דעם ענדיקט זיך נאך ניט. איך האב דערזען ווי די קליינע גייט ארויס און קומט צוריק מיט א פלאש. וואס זיי האבן דארט גערעדט צווישן זיך, האב איך ניט געהערט. אין א ווײַלע ארום, זע איך,ביידע לויפן אויפגערעגט ארום. די עלטערע פרעגט: „פייער"? און די אינגערע ענטפערט: „אט האב איך שוועבעלעך..." די עלטערע קוקט אנגעצילט בייז אף דער אינגערער און די אינגערע קערט זיך צוריק אום אין זאל. די עלטערע גיט א שפרונג צו די טרעפ פון דאך און אנהאלטנדיק זיך אן די פארענטשעס, הוידעט זי זיך פאנאנדער. די אינגערע לויפט פריילעך ארוים פון זאל און די עלטערע צעקייקלט איבערן הויף איר ווילדן „כא־כא־כא־כא". זי כאפט ארום די אינגערע און טראגט זיך מיט איר, ווי א טייוול געשווינד, אפן דאך... און צו די שויבן פון זאל דערלאנגען רויט־בלויע צונגען פון פייער...

— איך בין אויפגעשפרונגען —

— און איר?

— און איך...

ער האָט זיך אויפגעהויבן מיט א מאָדנעם שמייכל און מיר דערלאַנגט די האַנט:

— און איך האָב פאַר אייך... צוויי שאָ געפּאַטערט אף דערציילן א געשיכטע, מיטן איינציקן געדאַנק, צו צעקלאַפּן אייערע טעאָריעס פון קלאַסן און... האָב זיך אליין א וואַקל געטון... א גוטע נאַכט!

:: ::
::